STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04114

IN DER MEDINE FUN DI KUZARIM

Selig Schachnowitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

69-8

ש. שאכנאָוויטש

אין דער מדינה פון די כוזרים

יידישער היסטאָרישער ראָמאַן פון דעם אַכטן יאָרהונדערט

יידיש זלמן רייזען

תרפ"ד ווילנע 1924

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

Sz. Szachnowicz—„W Państwie Chozarów".
Tłum. Z. Rejzen.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie" B. Kleckina, Wilna,
M.-Stefańska 23.

69-e

I.

אויף דער דרום-מזרחדיקער גרענעץ צווישן אייראָפּע און אַזיע, דאָרט, וואו די וואָלגע גיסט זיך מיט אַ רעש אַריין אין דעם קאַספּישן ים, האָט פון קדמונים אָן געלעבט דאָס פאָלק פון די כוזרים, זיך פון דאַנען פאַרשפּרייטנדיק אַריבער דעם שוואַרצן ים ביז צו די בערג פון קאַווקאַז, אַרמעניע און דעם האַלבאינזל קרים. אין דער הויפּטשטאָט באַלאַגאַר אויפן אינזל סאַיאַץ אין דער דעלטע פון דער וואָלגע (דעם היינטיקן אַסטראַכאַן) איז געזעסן אויפן טרוינשטול דער כאַקאַן, וואָס זיין שליטה איז געווען אַזוי ווי פון אַ זעלבסטהערשער פון די עלטערע צייטן. דאָס פאָלק פון די כוזרים איז תמיד געווען מוטיק און קריגעריש, דעריבער האָבן אַלע שכנישע פעלקער פון אים געהאַלטן אַן עולם ומלאה. סיי די פּערסער, וואָס האָבן צווישן קאַווקאַז און דעם ים געבויט שטאַרקע פעסטונגען קעגן די כוזרים, סיי די ביזאַנטישע קיסרים האָבן געפונען פאַר גוט צו לעבן מיט זיי בשלום, וואָרעם זיי האָבן געקענט די שטאַרקע פויסט זייערע און טאַקע מורא געהאַט פאַר איר.

און אַזש ביז צו דער דאָזיקער שוואַרצער ערד האָט געגרייכט דער וועג פון דעם יידישן גלות. פון דעם האַלבאינזל קרים און פון די ביזאַנטישע מדינות האָבן פילע יידן אין אָנהייב פון אַכטן יאָרהונדערט, צוליב די גזרות פון קיסר לעאָ, זיך אַוועקגעלאָזט איבער די קאַווקאַזער בערג, און דווקא צווישן די כוזרים, וואָס מ׳האָט אויף זיי מוציא שם רע געווען, אַז זיי זיינען אַ גרויזאַם און אומברחמנותדיק פאָלק, האָבן זיי געפונען אַ מקום-מנוחה, אין וועלכן מ׳האָט זיי אָפּגעזאָגט אין די לענדער פון דער העלענישער קולטור. צוזאַמען מיט די מנהגים פון זייער היים האָבן

די יידן אַרייַנגעבראַכט אין דעם לאַנד אַריין אויך מסחר און משא־ומתן. און דורך זיי זייַנען די האַלב ווילדע, בטבע אָבער גוטע כּוזרים צום ערשטן מאָל געוואָויר געוואָרן פון פרעמדע לשונות און קולטורן.

די חשיבות פון דער יידישער עדה אין באַלאַגאַר האָט זיך אָנגעהויבן, זינט אַהין האָט איינגעוואַנדערט רבי יצחק סאַנ־גורי פון ארם־נהרים. ער איז געווען אַ למדן מופלג און אויך שטאַרק בקי אין אַלע וועלטלעכע ענינים און חכמות, אַזוי אַז דער וואַקסנדיקער יידישער קיבוץ אין כּאָזאַריע האָט אים תּיכף אָפּ־געשאַצט לויט זיין ווערדע און אָנערקענט פאַר זיין פאַסיקן מנהיג.

הגם דאָס מלכות האָט די יידן ניט געניייט צו וואוינען דווקא אין אַן אייגענעם קוואַרטאַל, אָבער דאָס געפיל פון אחדות און די תּשוקה צו לעבן צוזאַמען האָט די יידן אין באַלאַגאַר צונויפגעפירט אין איין געגנט. דאָרטן האָבן זיי געוואוינט פּשוט און באַשיידן און אין זייער אויסערלעכן לעבנסשטייגער זיך כּמעט מיט קיין שום זאַך ניט אָפּגעשיידט פון זייערע כּוזרישע שכנים. ביי זיך אין שטוב אָבער, אין זייער משפּחה־לעבן, האָבן זיי זיך געפירט עכט יידישלעך. פאַרנומען האָבן זיי זיך דערעיקרשט מיט מלאכה אָדער מיט מסחר, וואָרעם מסחר האָט דאָ געהאַט אַ אָנגאַנג אַדאַנק דעם פישפאַנג און דעם אימפּאָרט פון געהילץ. די פרייע צייט האָבן זיי בשפע אויסגעפילט מיט תּפילה און לערנען תּורה. אויבנאָן אין דער „שכונה“, ווי מ׳האָט גערופן די יידישע גאַס, איז געשטאַנען אַ געוועלבטער בנין, געבויט אין דער פאָרם פון אַ פּאַגאָדע, מיט אַ באַשיידענעם הילצערנעם קופּאָל; אין דעם ערשטן קלענערן טייל פון דעם בנין איז געווען אָפּגע־געבן אַ דירה פאַר דער פאַמיליע פון רבי סאַנגורי, און די אי־בעריקע ווייטערע חדרים האָבן געדינט פאַר אַ בית־המדרש, אַ ישיבה ווי אויך פאַר אסיפות פון דער געמיינדע.

די עדה האָט נאָך ניט געהאַט קיין פעסטע טראַדיציעס. די עלטערע באַלעבאַטים האָבן נאָך געדענקט זייערע זיידעס, וואָס זייַנען זיך צוזאַמענגעקומען אַהערצו פון אַרבע כּנפות הארץ; מיט

אַ שבח והודיה צו דעם אייבערשטן, וואָס האָט זיי נאָך לאַנגע יאָרן נע־ונד זיין אָנגעוויזן אַ מקום־מנוחה אונטער זיין גרויסן הימל, און מיט אַ געפיל פון טיפער דאַנקבאַרקייט צום כאַקאַן און זיינע יועצים, וועלכע האָבן די היימלאָזע אויפגענומען מיט חסד און זיי ניט געשטערט צו האַלטן זייער אמונה, האָבן זיי געגרינדעט די קהילה און אויפגעבויט דאָס בית־המדרש, וואָס רבי יצחק סאַנגורי האָט עס ביסלעכווייז געמאַכט פאַר אַ ישיבה פון גרויסן גראַד. האָבן זיי זיך צוזאַמענגענומען אַרום דעם מאַן, וועלכער האָט זיי מדריך געווען און געלערנט און געצייגט זיי דעם וועג צו גאָט און צו זייערע ברידער אין גלות.

רבי יצחק סאַנגורי האָט אויפן וועג קיין באַלאַגאַר פאַר־לוירן זיין געליבטע פרוי און זי געבראַכט צו קבורה אין באַג־דאַד. די טאָכטער זיינע, דאָס איינאונאיינציקע קינד, האָט געהייסן נחמה, און אין באַלאַגאַר האָט מען דעם דאָזיקן נאָמען אַרויס־געבראַכט פון מויל כמעט מיט דער אייגענער כוונה, וואָס אַ תפילה, וואָרעם נחמה איז ניט נאָר געווען די טרייסט און דאָס חיות פון איר פאָטער, נייערט אויך באַליבט ביי אַלעמען. ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין באַלאַגאַר, איז זי געווען אַ קינד פון קוים זיבן יאָר; אין דער שמעקעדיקער לופט פון דער שטאָט, אַרומגערינגלט פון וואַלד און וואַסער, און אין דער מנוחה פון דעם פאָטערס הויז, צווישן די ספרים און די מענטשן, וואָס זיי־נען דאָ אַרומגעגאַנגען שטיל, ערנסט און פול מיט חכמה, אַזוי ווי די ספרים, — איז זי אויסגעוואַקסן אַ מיידל פון אומפאַרגלייכ־לעכן חן און ליבלעכקייט. דאָס פנים מיט די געשניצטע אברים, אין וועלכע עס האָט זיך געשפּיגלט עלטסטער יידישער יחוס, איז געווען איינגעראַמט אין שוואַרצע ווייכע פאַליעס האָר, וועלכע האָבן זיך קוים געלאָזט באַהאַלטן אונטער דעם זיידענעם שלייער. ווי אייגפאַך און אָן פאַרם איר מלבוש איז ניט געווען, האָט ער ניט געקענט מינערן אַפילו אַ האָר די פיינע ליניעס פון איר שלאַנ־קער זאַנפטער געשטאַלט. נחמה פלעגט זעלטן ווען פאַרלאָזן דעם ענגן קרייז פון איר גאַס, אָבער איר גייסטיקער האָריזאָנט איז וועדליג אירע יאָרן געווען גאָר־גאָר אַ ברייטער. זי האָט געקענט

לערנען און געוואוסט פון דינים אַ סך מער, ווי דאָס איז דאַמאָלסט געווען דער שטייגער ביי יידישע טעכטער. וואָרעם ניט האָבנדיק קיין זון אַלס יורש, האָט רבי יצחק מיט אַ שטילשווייגנס און ווייזט אויס, אַפילו מיט אַ געוויסן נחת־רוח ניט מקפיד געווען וואָס נחמה הערט זיך צו פונדערווייטנס צו דעם לימוד התורה פון די מאַנספּאַרשוינען און תּלמידים. ער אַליין אָבער האָט זי אריינ־געפירט אין דער יידישער און אַראַבישער ליטעראַטור און האָט אויפגעוועקט איר חוש פאַר וועלט און וויסן. צו אַכצן יאָר איז זי געווען אַ געטרייע מיטהעלפערין דעם פאָטער אין אַלע ענינים פון דעם הויז, אַ געטריי עבנבילד פון דער פאַר דער צייט פאַרשטאָר־בענער מוטער. ער פלעגט שמועסן מיט איר ווי מיט אַ בר־דעת און ביים באַשליסן עפּעס האָט ער זיך גערעכנט מיט איר פרישן שכל, וואָס די ליידן און פריידן פון לעבן האָבן נאָך ניט באַ־טריבט, זיך גערעכנט מיט איר פיינער זעלבשטענדיקער מיינונג. די באַלעבאַטישקייט האָט באַזאָרגט אויפן בעסטן אופן די גע־טרייע דבורה, איר געוועזענע אַם, און נחמה אַליין האָט געזען איר לעבנסציל אין זאָרגן דערהויפּט פאַר דעם פאָטערס פּערזענ־לעכער מערכה, דערצו נאָך האָט זי געהאַט גענוג צייט און גע־לעגנהייט מיט זיין הילף צו אַרבעטן כסדר אויף איר אייגענער גייסטיקער השלמה.

היינט איז ביי סאַנגורין אין דער ישיבה געווען אַ קליינע שמחה—לכּבוד דעם אויסדערוויילטן תּלמיד זיינעם בן־חסדאי, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין בבל אין די ישיבות פון די ג א ו נ י ם אַוועקצופירן אַהינצו דעם גרוס און די נדבות פון די יידן אין כּוזרים־לאַנד און צוריקצוברענגען אַהערצו אַ בשורה וועגן דעם מצב ביים פּרת און וועגן די נייע תּקנות פון דעם גאונאַט. אַ גאַנץ יאָר איז בן־חסדאי, דער מוטיקסטער און געראָטנסטער פון די תּלמידים, געווען אין וועג. אַצונד האָט ער זיך אומגע־קערט אַהיים, רייך באַלאָדן מיט גייסטיקע אוצרות, און די ישיבה אין באַלאַגאַר האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם שליח מיט

האָפענונג אין האַרצן און געגרייט אים מקבל פנים צו זיין מיט כבוד. א „ברוך הבא" מיט גרויסע גילדערנע אותיות, וואָס האָט באַשיינט דעם אריינגאַנג, איז געווען די אַרבעט פון נחמה און איר חברטע בת־שוע, דער טאָכטער פון דעם רייכן פרומען ר׳ עמרם, וואָס איז אַדאַנק זיין יראת־שמים און צדקה געווען די חשובסטע פערזענלעכקייט פון דער קהילה נאָך ר׳ סאַנגורי.

אין דער ישיבה האָבן זיך צום קבלת־פנים פאַרזאַמלט אַלע תלמידים און די פני פון דער „שכונה" בראש מיט רב יצחק סאַנגורי און ר׳ עמרם. צו דער באַשטימטער שעה איז בן־חסדאי דורך דער באַפוצטער טיר אַריין אין זאַל: אַ הויך געוואַקסענער יונגער־מאַן מיט אַ ברוינעם פאַרברענטן פנים, אַרומגעבראַמט מיט אַ פעך־שוואַרצער, שיינער באָרד, מיט צוויי טיפע אויגן, וואָס האָבן דער־ציילט פון מוט, גבורה און קלוגשאַפט. אַלע זיינען אים לכבוד אויפגעשטאַנען פון די ערטער, רב יצחק סאַנגורי האָט דערלאַנגט דעם שליח די האַנט, באַגריסנדיק אים: „ברוך בואך לשלום!"— חסדאי איז געשטאַנען עטוואָס אין פאַרלעגנהייט, וואָס אַזוי פיל בכבודיקע און חשובע לייט גיבן אים אָפּ אַזאַ כבוד, האָט זיך דאַנקענדיק פאַרנייגט און האָט גלייך באַקומען דאָס וואָרט — צו דערציילן וועגן זיינע איבערלעבונגען און נסיעות אין בבל.

געניט און פליסיק, מיט אַ שיין קלינגענדיקן קול האָט בן־חסדאי גערעדט, אויסמיידנדיק מיט איידעלן טאַקט אַלצדינג, וואָס איז זיין אייגענע פּערזאָן נוגע געווען מער ווי די אויפגאַבן פון זיין שליחות:

— גרויס איז געווען די שמחה, — האָט ער דערציילט, — אין אַלע לענדער, דורך וועלכע מיין וועג האָט געפירט, בפרט אָבער אין בבל גופא, ווען זיי האָבן פאַרנומען פון מיין מויל דעם גרוס פון אונזער קהילה און די בשורה, אַז דאָס שארית הפליטה פון ישראל אין כאַזאַריע זוכט זיך צו פאַרבינדן מיטן גאַנצן פאָלק. אין פומבדיתא דאַנקען זיי אויך פאַר דער צוגעשיק־טער גאָב און גיבן איבער זייער ברידערלעכן גרוס דעם הויכגע־שעצטן רבי און דער גאַנצער קהילה פון באַלאַגאַר.

— און ווי גייט עס אונזערע ברידער אין גלות? האָט דער רבי געפרעגט.

— זינט מַחמָדס לערע האָט זיך פאַרשפּרייט אין די מדינות פון מזרח,—האָט בן־חסדאי געזאָגט,—האָבן זיי זיך דאָרטן ניט צו קלאָגן אונטער דער מילדער ממשלה פון די קאַליפן. בפרט אין בבל איז שלום ושלווה. אונזערע ברידער זיינען דאָרטן זייער חשוב אונטער דער הנהגה פון די ראש־גלותאס און די מתיבתא אונטער דעם גאוֹנאַט פון פומבדיתא בליט אויפן העכסטן גראַד. הגם שוין באַלד דריי הונדערט יאָר ווי דער תלמוד איז אָפּגעחתמעט, אַרבעט מען דאָרטן כסדר ווייטער אַרום דעם דאָזיקן בנין. אַזוי האָט רבי אחאי גאון פון סאַבחה פאַרענדיקט זיין ספר „שאילתות", וואָס איז כולל 171 פסקי הלכות צו די פּרשות פון דער תורה און נוצט אויס כמעט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון תלמוד, הלכה און אגדה. אין בבל איז דער דאָזיקער כל־בו פאַר אַלע דינים פון דער הלכה מעשית באַגריסט געוואָרן מיט פרייד און ווערט פון אַלעמען באַנוצט.

סאַנגורי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט מלא שמחה.

— און דו האָסט מיט דיינע אייגענע אויגן געזען דעם דאָזיקן ספר, וואָס פאַרשפּאָרט די טרחה אַרומצוזוכן אין דעם גרויסן ים התלמוד ביי יעדער איינציקער שאלה?

— יאָ, האָט בן־חסדאי געענטפערט געלאַסן, און ער האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ גרויסע מגילה פון פיינעם פאַרמעט. — איך האָב געלאָזט איבערשרייבן דעם ספר פאַר אונז און די בבלער האָבן אונז דערביי געהאָלפן.

דער רבי האָט לכתחילה ניט געהאַט קיין ווערטער פאַר זיין פרייד. ער האָט צוגעטראָגן די מגילה צו זיינע ליפּן און זי מיט גרויס כוונה אַ קוש געטאָן, דערנאָך האָט ער אַרומגענומען בן־חסדאין.

— נעם אָן דעם קוש,—האָט ער מיט טרערן געזאָגט,—אַלס דאַנק אויך פאַר די, וואָס האָבן די דאָזיקע טייערע מתנה אונז געשיקט אין אונזער אָפּגעזונדערטער איינזאַמקייט. דאָס איז דער ספר אינגאַנצן?

— ניין, האָט בן־חסדאי דערציילט,—ר׳ אחאי איז אַוועק אין דעם הייליקן לאַנד אַריין, כדי דאָרטן אַרויסצונעמען די אוצרות פון דעם תּלמוד ירושלמי און אַריינשטעלן זיי אין זיין ספר. אַ קאַפּיטל פון די חידושים, ווי אויך אַ קאַפּיטל פון נאָך אַזאַ מין ניט פאַרענדיקטן ספר אונטערן טיטל „הלכות כתובות״ פון דעם בלינדן גאון ר׳ יהודאי פון סורא וועט אונז אָנקומען מיט דעם צווייטן שליח.

— דו האָסט געזאָגט, אַז ר׳ אחאי איז נעגאַנגען אין דעם הייליקן לאַנד אַריין? — האָט דער רבי געפרעגט, — איז ער דער ראש פון דעם גאונאַט אין פּומבּדיתא?

— ראש פון דעם גאונאַט איז ביי היינטיקן טאָג ר׳ אחאיס אַ געוועזענער תּלמיד, רבי נטרונאי, אַ מאַן, וואָס פאַרדינט די זכיה צו רעכענען זיך פאַר זיין גרויסן רבּיס תּלמיד. ר׳ אחאי אַליין האָט ניט געוואָלט, אַז די ענינים פון דעם גאונאַט זאָלן אים אָפּרייסן פון עוסק זיין אין תּורה. — און איצט מוז איך אַ ביסל פאַראומערן די דאָזיקע פריילעכע בשורה; זייט וויסן, אַז אויך אין בבל פעלט ניט קיין מענטשן, וואָס ווילן ברענגען אַ פּירוד אין פאָלק ישראל און גאַנצע טיילן אַראָפּפירן פון גאָטס וועג און פון זיין תּורה.

— וואָס ווילן די דאָזיקע מענטשן און ווער זיינען זיי? — האָט דער רבי ערנסט געפרעגט.

— בראש שטייט אַ מאַן, וואָס אויס דעם געקרענקטן געפיל פון כבוד — ווייל מ׳האָט אים ניט אויסגעקליבן פאַר אַ ראש־גלותא — האָט ער צונויפגעזאַמלט אַרום זיך אַ גרויסן עולם און זיי אָנגעלערנט, אַז זיי זאָלן לייקענען אין תּלמוד. זיי רופן זיך קראים און ווילן איבעראַנייס אויפלעבן די פאַלשע תּורה פון די צדוקים, אָבער די באַוועגונג — געלויבט איז גאָט — פאַר־שפּרייט זיך ניט שטאַרק. אחוץ געציילטע מענטשן בלייבן אַלע געטריי דעם גאונאַט און דער הייליקער תּורה.

לסוף האָט בן־חסדאי איבערגעגעבן פון דעם סדר־התּפילה אין בבל און אין אַנדערע לענדער און האָט דערציילט פון נייע

פּייטנים און זייערע לעצטע פּיוטים, פון וועלכע ער האָט געבראַכט אַ היבשע צאָל און זיי פאָרגעלייגט צו באַטראַכטן. — —

בשעת בן-חסדאי האָט גערעדט, איז אין דער לעצטער ריי געזעסן אַ הויך געוואַקסענער, קרעפּטיקער מאַן. סיי זיין שטייגער זיצן דאָ, שווייגנדיקערהייט, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט, סיי מיט זיינע מלבושים און אויסזען האָט ער זיך אויסגעצייכנט פון אַלע איבעריקע. די פּעלענע מיץ, פאַרשפּיצט אַרויפּצו, צוזאַמען מיט די שאַרפע, פון ווינט פאַרהאַרטעוועטע אברים פון דעם טונקעלן שיינעם פּנים, האָבן עדות געזאָגט, אַז ער שטאַמט ניט פון יידן. דער פרעמדער איז געזעסן מיט אַ שטומען מויל, אָבער מיט אָפענע אויגן און אויפגעשפּיצטע אויערן, און מ'האָט אָפּט געקענט באַמערקן, ווי זיין מוח אַרבעט אָנגעשטרענגטערהייט, מאַטערנדיק זיך צו באַנעמען דאָס אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר. דער מאַן איז געקומען מיט בן-חסדאי און האָט לכתחילה צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. שפּעטער אָבער האָבן אַלע זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט בן-חסדאיס באַריכט, אַז מ'האָט מער זיך שוין ניט אומגעקוקט אויף דעם ניט-יידן ערגעץ אין דעם הינטערשטן ווינקל.

צוזאַמען מיט בן-חסדאי האָט אויך דער פרעמדער איינער פון די לעצטע פאַרלאָזט די ישיבה און זיך אָפּגעזעגנט אויף גיך מיט דעם יונגן יידן, האָט ער זיך געלאָזט גיין איבער דעם באַרג גאַבאַ אין דער כּוזרים-שטאָט אַריין.

II.

חסדאיס משפּחה איז מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק פאַר סאַנגורי פאַרוואָרפן געוואָרן אַהערצו פון בבל איבער דעם הייליקן לאַנד צוזאַמען מיט אַנדערע פּליטים. חסדאי, דער פאָטער, האָט געשטאַמט פון אַ פאַמיליע גאונים, וואָס האָט געפירט איר יחוס-בריוו ביז הלל הזקן. איינער פון די גרינדער פון דער קהילה און דעם בית-המדרש אין באַלאַגאַר, איז אים ניט באַשערט געווען צו דערלעבן דעם גלאַנץ פון זיין מוסד, וואָרעם ער איז געשטאָרבן אַ קורצע צייט פאַר דעם, ווי זיין געליבטע ווייב האָט

אים געבוירן אַ זון. דעם יִנגל האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין פאָטער בן=חסדאי, און חסדאיס ברודער, דער פרומער למדן ר׳ עמרם, האָט אים גענומען צו זיך אין הויז אַריין און מגדל געווען. צוזאַמען מיט בת=שוע, ר׳ עמרמס בת=יחידה, איז דאָס יִנגל געוואַקסן, און אַלע האָבן זיך מיט אים געבענטשט און אויך רבי יצחק סאַנגורי, וועלכער האָט אויף אים געלייגט גרויסע האָפענונגען. אַריינגעקומען אין די בחורשע יאָרן, אַ גרויסער עילוי, מיט אַן אייזערנער התמדה, — האָט ער געפונען גרויס צוטרוי ביי זיין רבין. אין דער וואונדערלעכער הצלחה פון זיין נסיעה האָט סאַנגורי איינגעזען אַ אצבע=אלקים, אַז בן=חסדאי איז ראוי צו גרויסע מעשים, און ער האָט ניט געקאַרגט מיט ווערטער פון פרייד און אָנערקענונג. — —

אין דעם פירהויז צווישן דער דירה און דער ישיבה איז געשטאַנען נחמה, זאַנפט און צניעותדיק, און האָט באַגריסט בן=חסדאין מיט אַ לאַכנדיקן שאָקל מיטן קאָפּ. דאָס קיילעכדיקע, פרישע פנים, איינגעפאַסט אין אַ שוואַרצן זיידענעם טוך, האָט זיך לייכט געריי‌טלט, ווי מיט דעם גלאַנץ פון הייליקע. אַזוי ווי אַ ערשיינונג פון ווייטע הייכן איז זי אים געקומען אין וועג אַריין, און ער איז אַ צעמישטער אָפּגעטראָטן אַהינטער. צי דען איז נחמה אַלעמאָל געווען אַזוי שיין און ער האָט עס ניט געוואוסט, אָדער ערשט פאַר דעם יאָר, וואָס ער איז דאָ ניט געווען, האָט זי אַזוי אויפגעבליט און זיך אַנטוויקלט? די דאָזיקע פראַגע איז אים אַדורכגעפלויגן דורך דער מחשבה, און עס איז אים פאָרגעקומען, אַז ער זינדיקט; גלייך ווי אַזעלכע געדאַנקען וואָלטן געקענט פאַרשוועכן די ריינקייט און ליבלעכקייט פון דער דאָזיקער ערשיינונג.

— מ׳האָט אייך אָפּגעגעבן כבוד, בן=חסדאי, און איר האָט טאַקע דעם דאָזיקן כבוד פאַרדינט, — האָבן אירע ליפּן קוים אַרויסגעפליסטערט.

— און אָט דער לעצטער כבוד אויס נחמהס מויל איז די קרוין פאַר אַלע איבעריקע כיבודים, — האָט ער זיך אָפּגערופן גערירט.

— איך דאַנק אייך זייער! — האָט דאָס מיידל געזאָגט און זיך נאָך מער פאַררייטלט.

— אַ דאַנק קום איך אייך,—האָט בן־חסדאי געענטפערט,— אַ דאַנק, וואָס נאָך אַ יאָר פון מיין ניט זיין דאָ שענקט מיר נחמה נאָך אַלץ איר חסד. און דער לעצטער און העכסטער שכר פאַר דער שליחות, וואָס איך האָב אויסגעפירט, זאָל הייסן נחמה...

נחמה האָט אָפּגעווענדט דאָס פּנים.

— זייט מיך מוחל, — האָט בן־חסדאי געבעטן, אויב איך האָב פון אויפגערעגטן געמיט צו פיל געזאָגט און צו האַסטיק אויסגעדריקט דאָס, וואָס האָט פול געמאַכט מיין האַרץ די דאָזיקע גאַנצע צייט און וואָס צו ריידן וועגן דעם איז ניט פאַר אַ יידישער טאָכטער, דאָך וועל איך ביים רבין מאָנען דעם דאָזיקן העכסטן שכר, אויב... אויב נאָר נחמה וועט מיר געבן דעם צייכן, דעם צייכן, וואָס איך גאַר נאָך אים שוין אַזוי לאַנג, אַז איך מעג עס טאָן...

נחמה האָט צו אים ווידער צוגעווענדט דאָס פּנים און אירע לאַכנדיקע אויגן האָבן גערעדט: „איך בין דיינע, בן־חסדאי!"

— אַ קענטיקן און זיכערן צייכן, — האָט ער געבעטלט.— אָט האָסטו דאָס „האַרץ" פון ריינעם גינגאָלד מיטן אבן־טוב אין דער מיט. איך האָב עס געקויפט אין באַגדאַד ביי אַן אַראַבער, ער האָט מיר געזאָגט, אַז די בראָש מעג באַצירן די ברוסט פון אַ מלכה. ער איז פאַר דיר, נחמה, ווי אָנגעמאָסטן. נעם אים צו און דאָס וועט זיין דער צייכן, אויף וועלכן איך וואַרט...

נחמה האָט מיט ברענענדיקע אויגן באַטראַכט דעם טייערן חפץ.

— דאָ אין דער עפּענונג זייגען אויך איינגעקריצט בלימלעך און בלעטעלעך, — האָט זי קאָנסטאַטירט, ניט צונעמענדיק די בראָש.

— אויך דאָס שטאַמט פון באַגדאַד, — האָט ער געזאָגט בתמימות.

— באַגדאַד? — האָט נחמה שאַרף איבערגעזאָגט, גלייך

ווי דאָס וואָרט וואָלט אויפגעוועקט אין איר הייליקע געפילן. — ביסטו אויך געווען אויפן אלטן בית־עלמין?

— אויף דער מוטערס קבר אויך, — האָט ער קורץ געזאָגט.

אַ טרער האָט זיך געפערלט אין נחמהס אויגן. זי האָט דערלאַנגט בן-חסדאין די בראָש.

— נחמה וויל מיר ניט געבן דעם געגאַרטן צייכן?

— דער פאָטער וויס פון דעם געשאַנק? — האָט זי געפרעגט מיט אַ ציטערנדיק קול.

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — די מתנה, וואָס איך האָב אים געבראַכט, די פרוכט פון דער גייסטיקער אַרבעט פון אונזערע ברידער אין בבל, איז אַזוי גרויס און וויכטיק און האָט אַזוי געפאַנגען אַלע זיינע חושים, אַז פּנים־אל־פּנים דערמיט האָב איך ניט געקענט זיך דערוועגן צו ריידן מיט אים פון אַזעלכע קליינגקייטן. זאָל נחמה אַליין אים דאָס ווייזן און דורך אָט דעם צייכן, וואָס באַגרינדעט מיין תביעה, אונטערשטיצן די תביעה ביים פאָטער...

— וואָס באַטייטן די טרוקענע בלעטלעך דערינען? — האָט זי געפרעגט, לאַנגזאַם אָנשטעכנדיק אויף זיך דאָס צירונג.

— אַ גרויסן דאַנק דיר, נחמה, — האָט ער מיט געפיל געזאָגט, — און איצט וועל איך דערציילן ווייטער. איך בין געווען, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, אין באַגדאַד אויפן אַלטן בית־עלמין, אויפן קבר פון דיין מוטער... אַ ווילדע אַקאַציע האָט דאָרטן געבליט און דאָס גאַנצע בערגל באַגאָסן מיט ברוין־רויטע בלומענקעפּלעך. איך האָב עטלעכע פון זיי אויפגעהויבן און געלאָזט זיי איינפאַסן אין אָט דעם גאָלד, צו ברענגען זיי ווי אַ הייליקן גרוס צו נחמהן. דערביי אָבער האָב איך שיר ניט באַצאָלט מיטן לעבן...

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! — האָט נחמה געמורמלט און אירע אויגן האָבן זיך געבעטן, ער זאָל וואָס גיכער דערציילן ווייטער.

— אַ ווילדער פּאַרשוין, וועלכער האָט עס געזען פון הינטערן פּאַרקאַן, האָט זיך אַלאָז געטאָן אויף מיר מיט אַ בלאַנקן

קינזשאַל, משמעות געלאָקט פון דעם גאָלד. איך האָב שוין גע־פילט דאָס אייזן לעבן מיין ברוסט און — דער וואָס לעבט אייביק איז מיין עדות — מיין איינציקע מחשבה אין אָט דעם מאָמענט איז געווען „נחמה"... און פלוצלונג האָט פון ערגעץ־וואו אַ קלונג געטאָן אַזאַ פּלעם אויף דעם יונג, אַז ער האָט אַראָפּגע־לאָזט די הענט און דער קינזשאַל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ גרויסן שטאַרקן מאַן, וואָס האָט מיט אַן אייזערנער האַנט אָנגעכאַפּט דעם רויבער פאַרן האַלז, אַז ער האָט אים שיר ניט דערשטיקט. — איך האָב געמוזט בעטן רחמים פאַר דעם רוצח, מיין אומבאַקאַנטער לעבנס־רעטער זאָל אים ניט דערווערגן אויף טויט. דערווייל איז אָבער גראָד פאַרבייגעצויגן אַ זעלנער־וואַך, האָט זי אים געפּאַקט און צוגע־פירט צו דעם ערשטן בוים...

— ווער איז געווען דער רעטער? — האָט געציטערט נחמהס שטים.

— דאָס איז דער מאַן, וואָס איז היינט געקומען מיט מיר אין בית־המדרש. ער רופט זיך קאָזאַריאָס און איז ניט פון אונזער בלוט, און אויך ניט פון אונזער גלויבן. אין אַ ברייטן מלבוש פון אַ עולה־רגל האָב איך אים געזען, און ער האָט מדהה געווען אַלע אויסדרוקן פון מיין דאַנקבאַרקייט. נאָכדעם האָט ער געוואָלט וויסן, וועגן וואָס האָב איך תפילה געטאָן ביים קבר און וואָס טראַכטן מיר וועגן לעבן און טויט, וואָס ווייסן מיר פון השארת הנפש, תחית המתים וכדומה. אַ יונגער כוזרי, וואָס דער דאַרשט נאָך וויסן האָט אים געטריבן אין דער וועלט אַרויס. מער ווייס איך פון אים קיין זאַך ניט. ער רעדט ניט פון זיין משפחה און יחוס, אָבער כאָטש זיין הלבשה איז אַ גראָבע, קוקט דאָס איידעלע בלוט אַרויס פון זיין וואָרט און בליק, פון זיין גאַנצן עצם און באַנעמונג. פון דאַן אָן האָט ער זיך פאַרבונדן מיט מיר; מיר האָבן די נסיעה אַהיים צוריק דורכגעמאַכט בייזאַמען און, שמועסנדיק איבער ענינים פון רוחניות און דת, האָבן מיר כמעט ווי ניט געפילט די שוועריקייטן פון דעם לאַנגן וועג. קאָזאַריאָס מוט און שאַרפע שווערד האָבן אויך שפּעטער ניט איינ־

מאָל געשיצט אונז פאַר רויבער און חיות-רעות, געשיצט דעם גאַנצן קאַראַוואַן, צו וועלכן מיר זיינען צוגעשטאַנען אין דער נסיעה. דערביי איז ער גוט ווי אַ קינד און פלייסיק און פּעיִק צום לערנען, ווי איינער פון אונזערע בעסטע. ער האָט מיך זייער געבעטן, איך זאָל אים אין באַלאַגאַר פאַרשאַפן איינגאַנג ביים רבי און אין זיין קרייז, כדי ער זאָל מיט די אייגענע אויגן קענען זעען און מיטלעבן דאָס אַלץ, וואָס ער ווייס שוין פון אונזער הייליקער אמונה. איך האָב דאָס אים צוגעזאָגט און נחמה וועט מיר דערביי אויך באַהילפיק זיין.

III.

רבי יצחק סאַנגורי האָט זיך בראשו ורובו אריינגעטאָן אין דעם ספר פון דעם בָבלער גאון. די קורצע טעזיסן זיינען געווען קלאָר און באַשטימט און האָבן אין אַ גוטער און דייטלעכער פאָרם מסדר געווען דאָס אַלץ, וואָס מ׳האָט זיסט געמוזט ערשט מיט גרויס מי אַרויסזיפן פון דעם טיפן גרונד פון דעם ים-התלמוד. סאַנגורי האָט געלייענט און געלייענט, פאַרגליכן מיט די מקורים און צוגעשריבן הערות אויף די גליונות. וואָרעם עס איז אים געגאַנגען אין דעם, ער זאָל האָבן אַ קלאָרע מיינונג בנוגע דער ווערדע און דער חשיבות פון דעם ספר פאַר די טאָג-טעגלעכע שאלות פון דת. פלוצלונג האָט נחמה אויף די שפּיץ פינגער זיך אַריינגעשלייכט אין צימער און זאַנפט אַרומגענומען מיט די הענט דעם פאָטערס האַלז.

— האָסט צו מיר אַ בקשה, מיין קינד?

— קודם-כל נאָר אַ פראַגע, ליבער פאָטער.

— אַזוי פייערלעך. נו, פרעג!

— מעג אַ בתולה אָננעמען מתנות פון אַ מאַנספּאַרשוין?

— פון אַ פ ר ע מ ד ן מאַנספּאַרשוין?

— איז דען פרעמד יעדער איינער, וואָס איז ניט קיין קרוב אין בלוט?

— ניין, קינד, קרובהשאַפט אין ר ו ח נ י ו ת שעצט די גמרא זייער הויך, אַזוי הויך, ווי קרובהשאַפט אין בלוט, אויב

ניט נאָך העכער. אַזוי אַ שטייגער בין איך דער נאָענטסטער קרוב פון אַלע מיינע תּלמידים.

— און פון בן־חסדאי אויכעט?

— אַוודאי, פון אים מער ווי פון אַן אַנדערן. צו וואָס פרעגסטו דאָס?

אָנשטאָט אַ תּשובה האָט זי אַ וואָרף געטאָן אויפן ספר די בראָש.

— דאָס האָט ער געקויפט אין באַגדאַד, ספּעציעל פאַר מיר.

דער רבי האָט גוט באַקוקט דאָס צירונג.

— אַ גאָלדן האַרץ! האָט ער געלאַכט צווייד־יטיק.

— מעג איך עס אָננעמען? ער אַליין האָט ניט קיין העזה דאָס צו פרעגן.

— ער האָט עס ספּעציעל פאַר דיר געקויפט, — האָט דער פאָטער געזאָגט, שאַרף באַטאָנענדיק די ווערטער, און אויך דו טאָרסט בן־חסדאין ניט אָנטאָן קיין עגמת־נפש, בשעת ער האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַר אונדז אַלעמען.

— אויב אַזוי, וועט דער פאָטער אים אויך ניט אָפּזאָגן אין זיין בקשה, — האָט נחמה זיך אָפּגערופן, — חסדאי האָט מיטגע־בראַכט אַ פריינד, און ער וואָלט אים וועלן אַריינפירן אין דער ישיבה.

— דו ווייסט, נחמה, די טויערן פון אונזערע בתּי־מדרשים שטייען אָפן פאַר יעדן איינעם, וואָס קומט אַריין מיט אַ לבֿ שלם און אַ ריינעם רצון.

— ער איז אָבער ניט פון אונזער אמונה, אָדער דערווייל נאָך ניט, — האָט זי מוסיף געווען שטילערהייט און אומזיכער.

אַ קורצע פּויזע איז געוואָרן. דער רבי האָט געררונצלט דעם שטערן.

— ניט קיין ייד? האָט ער געזאָגט, אויסציענדיק די ווערטער, — אַן עכו״ם, אַ קריסט אָדער אַן אַראַבער? וואָס פאַר אַ אינטערעס קען ער האָבן צו אונזער קרייז?

— לערנען, פאָרשן, דערגיין דעם אמת.

— דער ענין איז ניט גאָר קיין גלאַטער און עס שטעקט אַ געוויסע סכּנה דערינען. — דער רבי האָט אַ קוק געטאָן אין דער ווייט אַריין, גלייך ווי ער האָט געוואָלט פון ערגעץ־וואו קריגן אַן עצה. — אַ סך קומען איצט צו אונז, זוכנדיק בייע צילן און בייע אידעאַלן, אָבער נאָר געציילטע טרייבט אַן ערנסטע תשוקה צום אמת, און נאָך קלענער איז די צאָל פון די, וואָס זיינען ראוי תּופס צו זיין דעם גאַנצן תּוך פון אונזער תּורה, ניט אַריינצופאַלן דערביי אין טעותן און פאַלשע אויסטייטשונגען. אויך וואַכן נאָך אומעטום די שונאי ישראל און שטעלן נעצן אונז צו פאַנגען, מ׳מוז זיין פאָרזיכטיק...

— בן־חסדאי איז ערב פאַר אים, זיין פריינד און לעבנס־רעטער, און האָט אים געגעבן אַ וואָרט צו לאָזן אים אַריינבליקן אין דעם ליכט פון דער תּורה.

— אויב אַזוי, דאַרפן מיר האָפן, — האָט סאַנגורי געענ־דיקט דעם שמועס. — אַז חסדאי האָט ניט געהאַנדלט אָן ישוב. — דער טאָן האָט געקלונגען ווי אַ הסכּמה, און נחמה האָט אַרויסגע־היפּט פון צימער, מלא שמחה, וואָס איר שליחות איז איר געראָטן. סאַנגורי איז ווייטער געזעסן פאַרטיפט לייענענדיק דעם ספר, אַזוי אַז ער האָט קוים באַמערקט, ווי זיין טאָכטער איז אַרויס־געגאַנגען.

ביי ר׳ עמרמען אין הויז איז געווען ששון ושמחה. בן־חסדאי, וואָס האָט נאָכן טויט פון זיין פאָטער און מוטער געפוּ־נען אין דעם דאָזיקן הויז אַ צווייטע עלטערנהיים, און איז צו דער טאָכטער פון דעם באַלעבאָס, בת־שוע, געווען צוגעבונדן פון קינדווייז אויף ווי אַ ברודער, האָט זיך בשלום אומגעקערט אַהיים אין דעם לאַנד פון די כּוזרים פון זיין ווייטער נסיעה אַלס שליח פון דעם רבי און אין די אינטערעסן פון דער יידישער קהילה און האָט זוכה געווען צו גרויס כּבוד. ר׳ עמרם האָט געמעגט שטאָלץ זיין מיט זיין ברודערנזון, וואָס ער האָט אים מיט דער הילף פון זיין געטרייער ווייב חנה אַזוי מגדל געווען לתּורה און למעשים טובים. שוין לאַנג האָט בת־שוע זילבערן לאַכן אַזוי

הילכיק ניט געקלונגען דורך די חדרים, ווי אַצונדער, און זי איז ניט מיד געוואָרן צו הערן, ווי דער צוריקגעקערטער האָט דער־ציילט אַלע פּרטים פון זיין נסיעה און אַלע זאַכן פון דער וועלט אויף יענער זייט פון די בערג. אַן אמתער קשר ווי פון אַ ברודער צו אַ שוועסטער האָט פון קינדווייז אויף צונויפגעבונדן דיביידע יונגע נשמות, אַ קשר, וואָס האָט אויסגעשלאָסן יעדן שפּור פון געצוואונגענהייט.

אויך איצט, אין דער שפּעטער נאָכמיטאָגדיקער שעה, ווען עטלעכע פריינד פון דער ישיבה זיינען געזעסן אַרום בן־חסדאי אויף טעפּעכער און פּעלן פאַר דעם טליענדיקן קאַמין און צוגע־הערט, וואָס ער דערציילט פון זיין ווייטער נסיעה, איז זי געווען זייער גערן דאָ ביי צוזיין. בן־חסדאין צו דער רעכטער האַנט האָט זיך איבער אַלע אַנדערע דערהויבן די קרעפּטיקע שלאַנקע גע־שטאַלט פון קאָזאַריאָס אין אַ ברייטן לעדערנעם מאַנטל און אַ הויכער פּעלענער מיץ. אָן אַ זייט זיינען אויף אַ דיוואַן לעבן דער מוטער חנה געזעסן נחמה און בת־שוע, נחמה — אַן ערנסטע און צוריקגעהאַלטענע ווי תמיד, בת־שוע—פול מיט לעבן און באַווע־גונג. מ׳האָט עס געזען אָן איר — אַז ס׳האָט זיך איר שווער איינגעגעבן צו זיין דאָ בלויז אין דער ראָלע פון אַ שטילער צו־הערערין, ליבערשט וואָלט זי זיך אַריינגעמישט צווישן די מע־נער און זיך באַטייליקט אין דעם שמועס, פאַרהילכנדיק אַלעמען מיט איר לעבעדיקן קול.

בן־חסדאי האָט מפסיק געווען אינמיטן זיין דערציילן, צו־געגאַנגען צו די פּרויען און געפרעגט שטילערהייט ביי נחמהן, וואָס מאַכט איר פאָטער. זיין שטומער בליק האָט אָבער געפרעגט: „ווי האַלט עס מיט מיין ענין און — מיט דער מתנה?...״ נחמה האָט תיכף פאַרשטאַנען דעם פּשט פון די ווערטער.

— ער איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסן איבער דעם נייעם ספר,— האָט זי דערציילט מיט געצוואונגענער רויִקייט, — און אין דעם מאָמענט האָט ער ניט געקענט זיך אינטערעסירן מיט עפּעס אַנ־דערש... פונדעסטוועגן האָב איך היינט אינדערפרי אָפּגעהיט אַ מי־

גוט, ער זאָל מיך אויסהערן. ער האָט זייער געלויבט דאָס גאָלדענע הארץ... אויך האָב איך פאַרוואָרפן אַ פּאָר ווערטער פאַר דיין נייעם פריינד.

— קען איך אלזאָ קאַזאַריאַסן ברענגען אין דער ישיבה אריין?

— דער פּאָטער האָט ארויסגעזאָגט שווערע ספקות, אָבער לסוף האָט ער איינגעוויליקט—בן־חסדאין צוליב. פּ אַ ר א י ם ט אָ ר נ י ט ז י י ן צ ו ה ו י ך ק י י ן ש ו ם ש כ ר...

נחמה האָט האסטיק אָפּגעהאַקט און זיך ווידער געקערט צו די פרויען, גלייך ווי זי וואָלט וועלן פאַרהערן בן־חסדאיס שטילע און הייסע דאַנקווערטער.

די פרויען האָבן פאַרבראַכט אויף זייער שטייגער, אָבער בגנבה געכאַפּט אויך אַ וואָרט פון די מענערס שמועס, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום די ענינים פון תורה און אמונה.

קאַזאַריאַס האָט געהאַלט וויסן דעם גרונד פון די אַלע זאַכן. איצט, נאָכדעם ווי נחמה האָט געבראַכט די גוטע בשורה, האָט בן־חסדאי געקענט אָפּלייגן די אָדער יענע שאלה זיינע מיט די ווערטער: „סאַנגוריס ישיבה שטייט פאַר דיר פון איצט אָן אָפן און וועסט קענען די זאַך דערגיין אויף קלאָר".

דער שמועס איז דאַן אינגאַנצן אַריבער אויף די איבערלעבונגען פון דער נסיעה, און די פרויען האָבן אויפגעשפּיצט די אויערן, בשעת די רייזנדער האָבן דערציילט פון פרעמדע לענדער און מנהגים. דערהויפּט האָט בת־שוע, ביי איר לעבעדיקייט און אומבאַצוואונגענקייט, געהאַט צו פרעגן אַזוי פיל, אַז בן־חסדאי האָט מיט אַ שמייכל זי געבעטן, זי זאָל אים לאָזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. קאַזאַריאַס אָבער האָט קענטיק געהאַט שטאַרק הנאה פון דעם דאָזיקן, פאַר אים אומגעוויינלעכן פרויען־טעמפּעראַמענט, און ער האָט מיט דער גרעסטער גרייטשאַפט געענטפערט אויף אַלע אירע פראַגן. ער האָט דערציילט קורץ, אָבער שיין און בילדלעך, פול און לעבעדיק, און אַלע האָבן געשפּאַנט אים געקוקט אין מויל אַריין.

IV.

שוין אַ מעשה פון וואָכן, ווי קאָזאַריאָס איז געוואָרן אַ יוצא ונכנס ביי רבי סאַנגורי, איז בייגעווען ביי דער עבודה אין בית־המדרש און ביים לערנען אין דער ישיבה און מיט אַלץ זיך לעבעדיק אינטערעסירט. דאָס, וואָס פאַר אים איז געווען ניי און פרעמד, האָט געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר שאלות און טענות מיט זיין פריינד בן־חסדאי, און טיילמאָל פלעגן די דאָזיקע וויכוחים פאָרקומען ביי ר׳ עמרמען אין הויז אין דער געגנוואַרט פון נחמה און בת־שוע. אין דער ישיבה האָט מען זיך צוגעוויינט צו דער ברייטפּלייציקער גרויסער געשטאַלט מיט די פאַרהאַרטעוועטע אברים אין דעם טונקעלן פנים. אָבער אַפילו זיינע בעסטע פריינד האָבן קנאַפּ־וואָס געוואוסט, פון וואַנען און פון וועמען דער פרעמדער שטאַמט, ווער איז ער און וואָס ער איז אויסן. כמעט טאָג־טעגלעך, אַזוי אַרום פרימאָרגנצייט, פלעגט ער קומען פון ערגעץ־וואו אין דער „שכונה" אַריין, פאַרבראַכט עטלעכע שעה אין סאַנגוריס ישיבה, פאָרשנדיק די לשון־הקודשדיקע ספרים, וואָס זייער שפּראַך האָט ער גיך און גרינג אויסגעלערנט, מחמת ער האָט גוט געקענט אַראַביש, געהערט די שיעורים, און דערנאָך פלעגט ער, דאָס רוב מיט בן־חסדאין, אַוועקגיין אַהיים צו באַטייליקן זיך אין דעם באַשיידענעם אָוונטמאָלצייט, וואָס איז באַשטאַנען פון ברויט, רייז און פירות. ביים עסן און נאָכן פלעגט מען נאָכאַמאָל אַרומריידן און מטעים זיין דאָס, וואָס מ׳האָט געהערט אין דער ישיבה.

איינמאָל, ווען קאָזאַריאָס האָט ביי אַ באַזונדערער געלעגנהייט מיטגעבראַכט וויין אין אַ ליימענעם קרוג, פון דעם בעסטן, וואָס די בערג פון זיין לאַנד האָבן געטראָגן, האָט בן־חסדאי, פלייסנדיק זיך צו שוינען זיין פריינדס געפיל, אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די יידן איז אסור אָנצונעמען די דאָזיקע הערלעכע גאָב פון זיין האַנט.

— דער וויין אין ריין, — האָט קאָזאַריאָס פאַרזיכערט, — און איז אויך ניט באַנוצט געוואָרן אין טעמפּל, איך שווער — זינט

איך בין צוריקגעקומען פון מיין נסיעה, האָב איך ניט מקריב געווען די געטער.

— פונדעסטוועגן, קאַזאַריאַ, — האָט בן־חסדאי איינגע־וועגדט,—קענען מיר ניט אָננעמען דעם ווײַן, וואָרעם ער איז ניט פון אַ ייִדן.

— זייט איר דען אַזוי ווייט אָפּגעשיידט? ווי־זשע ווילט איר ביישטיין קעגן אייערע שונאים, וועלכע וואַרפן אייך אויף אייער גאווה?

— דורכדעם, וואָס מיר פאַרבעטן זיי צו קומען אין אונ־זערע בתי־מדרשים, אין אונזערע ישיבות, אין אונזערע הייזער, וועלכע שטייען פאַר זיי אָפן, אַזוי ווי דער ספר פון אונזער היי־ליקער תורה, און אַזוי ווי יעדערער, וואָס איז הונגעריק — נאָך ברויט אָדער נאָך חכמה—געפינט אַ פּלאַץ ביים ייִדישן טיש.

— איך בין געקומען, בן־חסדאי, און פונדעסטוועגן איז די מחיצה אַפילו ניט אָפּגעטאָן געוואָרן אויף אַזוי פיל, אַז מיר זאָלן קענען אויסטרינקען צוזאַמען אַ כּוס ווײַן.

אין די דאָזיקע ווערטער איז ניט געלעגן קיין פאָרוואורף, נאָר דאָס איז געווען אַ פראַגע, אַזוי ווי די אַנדערע פראַגן וועגן דעם שורש פון די זאַכן. די מיידלעך האָבן געשפּאַנטער־הייט זיך צוגעהערט. די אַנטוויקלונג פון דעם וויכוח האָט דאָך צו־געזאָגט אַ ביסל ליכט איבער דעם מהות פון דעם געהיימניספולן מאַן...

— קאַזאַריאַס, — בן־חסדאי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט זיין פריינד אויפן אַקסל,—דו קומסט צו אונז און מיר פרעגן ניט, פון וואַנען און נאָך וואָס. מיין וואָרט, אַז דו ביסט מיר מיט גבורה און מסירת־נפש בייגעשטאַנען אין אַ גרויסער סכנה, איז שוין געווען גענוג צו עפענען פאַר דיר אַלע טירן. דו הערסט אונזער לערנען און קענסט אונזער לעבנסשטייגער, און מיר האָבן דיך ניט געפרעגט, וואָס פאַר אַ מחשבה און וואָס פאַר אַ אינטערעס פירט דעם פרעמדן צו אונז. זעט דען דאָס אויס ווי אַ מחיצה און אַן אָפּשיידונג?

— אָט דאָס איז עס דאָך טאַקע, — האָט קאַזאַריאַס גע־זאָגט,—וואָס אין פאַרשטיי ניט אין אייך. אין ערגעץ ניט אין

דער ווייטער וועלט, וואָס איך האָב געזעען, איז ניטאָ אַזוי פיל ליבשאַפט, אַזוי פיל צוטרוי ווי בײַ אײַך. אָבער נאָר ביז אַ לעצ־טער גרענעץ, וואָס שטעלט זיך תּמיד אויף איין אויגנבליק אַוועק צווישן אונז ווי אַ מחיצה... הײַנט איז עס געווען דער ווײַן...

— דו, קאָזאַריאָ, ביסט די לעצטע גרענעץ ניט אַריבער, דו ביסט ניט קיין ייִד...

— אויב דו מיינסט דערמיט די פאַרשיידנקייט פון בלוט, איז עס אַ גרענעץ, וואָס קען קיינמאָל ניט פאַרשווינדן, נמצא — בלײַבט איר און די קוואַלן פון אײַער אמת פאַרשלאָסן פאַר אַנ־דערע, בײַ אײַער גאַנצן אַנטקעגנקומען.

— ניין, קאָזאַריאָס, אַ גרענעץ פון בלוט האַלטן מיר ניט פאַר אַ אומבאַדינגטע זאַך, וואָרעם בלוט איז איינגעבוירנס, אָבער דער געטלעכער אמת קען זײַן אַ פרייע דערגרייכונג, דער העכ־סטער שכר פאַר דעם געראַנגל פון דער נשמה. האָסט דאָך געהערט, ווי סאַנגורי האָט הײַנט פאַרטײַטשט די מימרא פון דער גמרא: עס שטייט געשריבן אין דער תּורה וועגן די געבאָטן: „ד ע ר מ ע נ ט ש זאָל זיי מקיים זײַן, כּדי ער זאָל דורך זיי לעבן“... אַלזאָ, נעם זיך אין זינען: ד ע ר מ ע נ ט ש! ניט דער כּהן, דער לוי אָדער אַפילו נאָר דער ישׂראל ווערט דאָ אָנגעוויזן אויף דעם קוואַל פון לעבן; דערפון איז געדרונגען, אַז דער ניט־ייִד, וואָס נעמט אָן די תּורה, איז דער זעלבער יחסן וואָס דער כּהן־גדול.

— און פונדעסטוועגן?!...

— אַך, דו מיינסט אָט די לעצטע גרענעץ. אוודאי, דאָס דאַרפן שוין די אַ נ ד ע ר ע גובר זײַן אָן אונזער צורײדן, אַפילו קעגן אונזער אָפּוועגדן. די תּורה פאַרקנסט זיך מיט איר בײַעם אָנ־הענגער ערשט דאַמאָלסט אינגאַנצן, ווען ער האָט געמאַכט פון איר אַלע פּראַקטישע געדראַנגען פאַר זײַן לעבן סײַ אין די גרויסע זאַכן און סײַ אין די קליינע.

— בן־חסדאי! — האָט קאָזאַריאָס פײַערלעך געזאָגט, — איך בין שוין געווען נאָענט צו מאַכן דעם דאָזיקן לעצטן שריט. בין זיך אָבער מודה: אויף דער נסיעה, בשעת איך האָב געזעען די וועלט און די מענטשן אין זייער ברויזנדיקן געטימל, האָבן זיך אין מיר

ווידער דערוועקט נייע ספקות. זע, פריינד, די אַלע מיליאָנען אויף דער גרויסער ערד, אין מזרח און מערב, אין צפון און דרום, ביים ים און אין די בערג, וואָס זיינען אַלע ניט פון אייער גלויבן און ניט לויט אייערע מנהגים! קען דאָס געמאָלט זיין, אַז זיי אַלע, וואָס ווילן פון אייך גאָר ניט וויסן אָדער האַסן אייך אַפילו, אַז זיי אַלע זיינען אומגערעכט און טאַפּן אין דער פינסטער, און נאָר איר אַליין, דאָס הייפעלע, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט, זייט אויסדערווײלט געוואָרן צו האָבן אין אייער רשות דעם אמת אי־בער גאָט און איבער דער וועלט? — זייט מיר מוחל די דאָזיקע אָפענע רייד, ניט די שנאה, רעדט עס, נייערט די ליבע, וועלכע ווערט געפּייניקט פון ספקות. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דער לעצ־טער גרענעץ...

ס׳איז געוואָרן אַ קליינע פּויזע.

— אָפענע רייד פּאַסן פאַר אַ ערלעכן גייסט, — האָט בן־חסדאי געזאָגט נאָך אַ קורצן טראַכטן. — לאָמיר אַפריער זיך דורכריידן וועגן אונזער אויסדערווײלטקייט. אַזוי פיל ווייסטו שוין פון אונזער תורה און פון אונזערע התחייבותן—אַז די דאָזיקע אויס־דערווײלטקייט איז ניט קיין פּריווילעגיע, נייערט די גאַנצע משא פון דער אחריות, אַזוי ווי די משא, וואָס ליגט אויף דעם עלטסטן פון דער משפּחה.

— איך פאַרשטיי, — האָט קאָזאַריאָס געזאָגט, — אין דער משפּחה פון די פעלקער מאָנט איר פאַר זיך די זכיות און די חובות פון דעם ערשטגעבוירענעם. אָבער די אַנדערע, די פילע? אין אייער תורה אַליין שטייט דאָך געשריבן, אַז דער רבים איז אַלע־מאָל גערעכט, ווי שטימט עס אַלזאָ מיט אייערע זכיות אָדער, ווי איר זאָגט, מיט אייער העכערער אחריות?

— אויב איך, אומוויסנד מיידל, מעג זיך דערוועגן צו זאָגן אַ וואָרט, — האָט איצט נחמה זיך אַריינגעמישט אין דעם וויכוח,— דאַן וואָלט איך דאָ געקענט ברענגען דעם משל, וואָס איך האָב אַנוסטן געהערט פון פאָטער. אַ מאָדנע זאַך — די דאָזיקע שאלה איז שוין אויך מיר געקומען אויף דער מחשבה ביים שטילן נאָכ־טראַכטן, הגם איך קען די וועלט און אירע פילע מענטשן גאָר

פון הערן און דערציילן. איך האָב לענגער געפּרעגט דעם פּאָטער: ווי געשיקט זיך עס, וואָס דאָס קליינע הייפּעלע יידן שטעלט אַרויס זיין גערעכטיקייט קעגן אַגרויסער וועלט? האָט ער מיר געוויזן אויפן ליכט אין דעם צימער, אַ קליין קאַרג אייל=לעמפּל און עס באַהערשט דעם גאַנצן חדר; דערנאָך האָט ער אָנגעוויזן אויף דער גראָבער אַלטער גמרא אויף דעם טיש. אַ ספר — האָט ער געזאָגט — וואָס ס'האָבן געשאַפן יחידים און געציילטע און עס באַהערשט די יידישע וועלט עד סוף הדורות. וואו בלייבט דאָ אַלזאָ דער כלל, אַז דער רבים איז גערעכט? דער איין לערער אויף דער בימה האַלט ער דען ניט געבונדן הונדערטער פון עולם? דאָרט, וואו עס הערשט דער רעיון, דער גייסט, ליגט די הנהגה ניט אין דער האַנט פון די פילע, נייערט אין דער האַנט פון די יחידי=סגולה, פון די אויסדערוויילטע. די נביאים זיינען געווען יחידים און זייערע שטורעמדיקע רייד האָבן אויפגערודערט טויזנטער הערצער ביז צו דעם היינטיקן טאָג...

— גרויסאַרטיק, — האָט אונטערגעהאַלטן בת=שוע, וועלכע איז געזעסן דערביי פול מיט לעבן. — זעסטו איצטער חסדאי, — האָט זי לאַכנדיק צוגעגעבן, — ס'אַר אַלמדן נחמה איז געוואָרן פאַר דער צייט, וואָס דו ביסט דאָ ניט געווען!

בן=חסדאי האָט צושטימענדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. הגם דער אינהאַלט פון אירע רייד זיינען פאַר אים ניט געווען אַזוי ניי, איז ער פונדעסטוועגן נתפּעל געוואָרן פון דער קלאָר=קייט, מיט וועלכער נחמה האָט אַרויסגעבראַכט איר מיינונג. אויך קאָזאַריאָס האָט מיט אַ באַשיינפּערלעכן אינטערעס געקוקט אויף דער מיידל.

— איך פאַרשטיי, — האָט קאָזאַריאָס געזאָגט נאָך אַ קורצן ישוב, — ישראל איז דאָס ליכט, דעריבער קען ער באַהערשן דעם גאַנצן רוים, ער איז דער נביא און דער מבשר פון דעם אמת, דעריבער שטייט ער, מיט דעם כוח פון גייסט און געדאַנק, איבער דער וועלט, — דאָס אַלץ לאָזט זיך פון אייער שטאַנדפּונקט אויס דערקלערן. אָבער, זייט מיך מוחל, אַזאַ מין שטאַנדפּונקט שטימט עפּעס אַ ביסל ניט מיט עניוות. — —

— דו פאַרגעסט, קאָזאַריאָס, וואָס מיר זאָגן אַלע טאָג ביים דאַווגען: „זאָלן אַלע באַוואוינער פון דער וועלט דערקענען און מודה זיין, אַז פאַר אים בייגט זיך יעדע קני". גאווה האָט געבראַכט די אַנדערע אומות דערצו, אַז זיי זאָלן זיך אָפּצאַמען מיט זייער נאַציאָנאַלן גאָט. אָבער אונזער לעצטער וואונטש איז, אַז דאָס ליכט וואָס מיר טראָגן, און דאָס וואָרט, וואָס מיר ברענגען, זאָל זיין פאַר אַלעמען.

— דערפון איז געדרונגען, אַז איר מוזט זיך נעמען צו די מיטלען, וואָס עס האָבן אָנגעווענדט און ווענדן נאָך עד־היום אָן די אמונות, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון ישראלס שויס. כדי צו דערגרייכן אייער ציל, וואָלט איר געדאַרפט אַרויסשיקן אין דער וועלט אַפּאָסטאָלן, אַזוי ווי די נוצרים, אָדער מאַכן אַ וועג פאַר אייער תורה מיט דער שווערד, אַזוי ווי פאַר צוויי הונדערט יאָרן דער נביא פון מעדינע.

— ניין, קאָזאַריאָ, — האָט בן־חסדאי לעבעדיק אָפּגעענטפערט, — דער אמת טראָגט דעם כוח אין זיך גופא, און מיר האַלטן פאַר אַ פעלער און פאַר שעדלעך צו פאַרשפרייטן אים דורך דער שווערד אָדער דורך שלוחים. ווען־עס־איז וועט די וועלט זיין אונזערע, אין דעם זין, וואָס מיר אַליין וועלן ברייט ווערן ווי די וועלט. ווער עס קומט שוין היינט — אָן אונזער צורייידן און ניט קוקנדיק אויף אונזער אָפּריידן, ווייל עס ציט אים דער כוח פון אמת און עס טרייבט אים די ערלעכע איבערצייגונג, איז אונז זייער אָנגעלייגט אַלס איינער פון די יחידי־סגולה, וואָס גייען פאָרויס פאַר דער וועלט.

— איר שטויסט אָבער אָפּ דעם יחיד, וואָס וויל אויפגענומען ווערן אין אייער בונד.

— ניט אינגאַנצן. סיידן ווען עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער וויל דאָס טאָן מחמת אויסערלעכע טעמים—אויס מאַטעריעלע אויסרעכענונגען אָדער אויס ליבע צו אַ פרוי. אויב אָבער דאָס מגייר זיין זיך איז אַ נצחון פון דעם אינערלעכן געראַנגל, דאַן וועלן מיר דעם גר דריי מאָל מתרה זיין, וועלן אים געבן צו פאַרשטיין, וואָס עס קען אַרויסקומען פון זיין שריט

פאַר אים און פאַר זיין ווייטערדיקן לעבן און דאַן ערשט אים אויפנעמען ווי אַ גלייכן ברודער, מקיים זייענדיק דערביי די געוויסע געבאָטן, וואָס מ׳האָט מתקן געווען פאַר גרים. — — —

קאָזאַריאָס האָט זיך שטיל פאַרטראַכט און זיך געישובט, גלייך ווי ער האָט געוואָלט איטלעכס וואָרט טיף אין זיך איינקריצן.

— ווייס די געשיכטע פון אַזעלכע פאַלן, ווען גאַנצע פעלקער אָדער שבטים זיינען אַריבערגעגאַנגען צו דער אמונה פון ישראל? האָט ער געפרעגט. — איך מיין ניט, צי דאָס יידנטום — אַזוי ווי פאַר פינפהונדערט יאָרן דאָס נצרות אונטער קאָנסטאַנטין, איז פון אַ וועלכער עס איז מאַכט פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אמונה פון דער מלוכה; איך מיין — צי האָט שוין אַמאָל אַ גאַנצער שבט, אונטער דער השפעה פון זיינע פירערס, פון אייגענער איבערצייגונג, אָנגענומען דעם יידישן גלויבן און אַזויערנאָך אויך געפונען די געגאַרטע לויטערקייט פון דער נשמה.

— יאָ, האָט בן־חסדאי געזאָגט, גראָד בשעת איך בין געווען אין בבל, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט—פון דאָקומענטן און פון חכמים, וואָס קענען די דברי הימים — געוואויר צו ווערן גענויער וועגן דער געשיכטע פון דעם מלכות מונבז אין אַדיאַבנע.

— דערציייל, חסדאי, דערצייל, — האָבן די מיידלעך הילכיק געפאָדערט. און בת־שוע, וואַרפנדיק אַ פייערדיקן בליק אויף קאָזאַריאָסן, האָט נאָך צוגעגעבן:

— מיר זיינען אייך אַזוי דאַנקבאַר, איידעלער מאַן, וואָס דורך אייערע שאלות האָט איר אונזער חסדאין אויפגעבונדן די צונג.

— עס איז געווען אין די ערשטע צענדליקער יאָר נאָך דער רעכענונג פון די נוצרים, — האָט בן־חסדאי אָנגעהויבן צו דערציילן, — אין דער צייט פון דעם גרויסן זוכן, ווען מ׳האָט געזוכט אַן אחיזה, וואָרעם די געטערוועלט פון רוים און העלאַדע האָט אָנגעהויבן איינצופאַלן, אויך אין יהודה און דערהויפט אין די גאַסן פון ירושלים, אין דער אַלגעמיינער שטרעבונג נאָך

דערלייזונג, האָבן נביאים, וואָס האָבן געפּריידיקט נייע לערעס, געפונען די אויערן פון פאָלק. אין דער דאָזיקער צייט האָט אין אַדיאַבנע, אַ מדינה ביי די ברעגעס פון חידקל, וואָס איז גע־ווען אונטערטעניק אונטער פּאַרטאַ, געלעבט דער קיניג מונבז מיט זיין פרוי הילני. אַ גרויס ליבשאַפט צו דער יידישער תורה האָט זיך דערוועקט ביי דער מלכה און אויך איר געליבטן זון איזאַטעס האָט זי געלאָזט דערציען אין יידישקייט דורך אַ פרוי־מען יידישן תלמיד־חכם, מיטן נאָמען חנניה. נאָך מונבזעס טויט איז איזאַטעס מיט דעם הסכם פון זיין עלטערן ברודער אַרויף אויפן טרונישטול פון אַדיאַבנע, און ער האָט געפירט דאָס מלכות אין דעם יידישן גייסט, אַלס פרומער ייד. ביסלעכווייז האָבן זיך מגייר געווען אַלע ברידער, די גאַנצע קיניגלעכע משפחה, אַלע שררות פון דער מדינה, ווי אויך אַ גרויסער טייל פון דעם פאָלק פון אַדיאַבנע, און האָבן זייער געטריישאַפט צו דער אמונה פון ישראל אַרויסגעוויזן דורך מעשים טובים און דורך רייכע גאָבן פאַר דעם בית־המקדש אין ירושלים. זייער צוגעבונדנקייט צו יידישקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אין זייער לאַנד אַפילו געפירט מיט נצחון מלחמות קעגן די געצנדינער, צום רום פון דעם איינציקן גאָט. העכער דרייסיק יאָר האָט געקיניגט דער פרומער מלך, און פון זיין ברודער, מונבז דעם צווייטן, וואָס האָט געירשנט דעם כסא־המלכות, דערציילט די גמרא, אַז כמעט זיין גאַנץ עשירות האָט ער אָפּגעגעבן אויף צדקה. בשעת די בני־בית האָבן אים דאָס אויפגעוואָרפן, האָט ער געענטפערט: „מיינע אבות האָבן צונויפגעזאַמלט אוצרות, אָבער די שמירה איז אַ שלעכטע, ווער ווייס, צי די דאָזיקע אוצרות זיינען באַוואָרנט פון רויבער, האָב איך זיי באַהאַלטן בעסער, זיכערער און זיי וועלן אויך מער איינברענגען"...

— און די מדינה, דאָס פאָלק? — האָט געפרעגט קאָזאַ־ריאָס, וואָס האָט צוגעהערט מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט, — עקסיסטירט זי עד־היום?

— די מדינה עקסיסטירט שוין היינט ניט מער. אַזוי ווי אַלע ניי־פּאַרטאַנישע פּראָווינצן, איז אַדיאַבנע אַרונטערגעפאַלן

אונטער דעם נביאס שווערד און אין די טעג פון אָמאַר=פּאַשאַ אַריבער צום איסלאַם. אָבער די גרים פון דעם לאַנד, וואָס זיינען געוואָרן יידן מיטן גאַנצן האַרצן, זיינען געבליבן יידן. אַ סך פון זיי זיינען אַוועק אין דעם הייליקן לאַנד אַריין, דאָס רוב אָבער האָבן זיך צוגעשלאָגן צו זייערע ברידער אין בבל, מיט וועלכע זיי טיילן דעם זעלביקן גורל. אין בבל, ווי אין ירושלים לעבן נאָך היינט אַ סך אָנגעזעענע אַדיאַבניטישע משפחות און זיינען זייער חשוב.

בת=שוע איז אויפגעשפּרונגען.

— האָבן מונבז און איצאַטעס, די יידישע מלכים פון אַדיאַבנע, געמעגט חתונה האָבן מיט יידישע טעכטער און האָבן זיי עס געטאָן? — האָט זי געפרעגט.

— איצאַטעס ווייב איז געווען אַ פרום יידיש קינד, הגם ניט פון געבוירן, און דעם מלך, איר מאַן, האָט זי געטריי געהאָלפן אין זיינע מעשים=טובים. זי האָט געהייסן סומכוס און איז געווען אַ טאָכטער פון דעם קיניג אַבעמאַרגיאָס פון כאַראַע, אַ בעל=ברית פון מונבז, וואָס ביי אים איז ער אויפגעצויגן געוואָרן. אויך די פרוי פון זיין ברודער, פון מונבז, איז געווען אַ געטרייע יידישע טאָכטער, בלב ונפש, אַזוי ווי איר מאַן.

— און זיי וואָלטן אויך איצטער געמעגט חתונה האָבן מיט יידישע טעכטער? — האָט קאָזאַריאָס געפרעגט.

— יאָ, — האָט בן=חסדאי געענטפערט.

קאָזאַריאָס פאַרשטיינערט פנים האָט אָפּגעלעבט און באַקומען באַוועגונג: עס איז געווען קענטיק, אַז זיין מוח האָט פיבערדיק געאַרבעט, אָבער גערעדט האָט ער קורץ און געמאָסטן, ווי זיין שטייגער איז געווען:

— אַ גאַנצער מענטש איז דער דאָזיקער מונבז געווען, וויבאַלד ער האָט אַזוי געהאַנדלט פון זיין אינווייניקסטער איבערצייגונג. פאַרוואָס ווייניק אַזעלכע, וואָס זיינען בכוח אָנצוהייבן אַ מלחמה קעגן דער וועלט — און קעגן זיך אַליין — און פונדעסטוועגן, בן=חסדאי, דאַרף מען דאָך איבעררייסן מיט דער גאַנצער פריערדיקער וועלט, מיט אַלעם דעם, וואָס ליגט דיר טיף

אין בלוט, ווען מ׳ווּיל אײנגאַנצן אַריבער צו אײך. אַ מאָדנע זאַך מיט די דאָזיקע נײַע עיקרים! לכתּחילה פרעמד, אױסטערליש, קריצן זײ זיך פעסט אַרײַן אין מוח, אין בלוט, ביז זײ װערן אַ שטיק פון אונז... איר װילט אײַננעמען די װעלט בלויז דורך דעם װאָרט, דורך דער תּורה, דורך דעם ליכט, און שטויסט װײַט אַװעק פון זיך יעטװידער מאַכט פון כּלי־זיין. בײַ דעם מאָמענט איז מיר אָבער ניט קלאָר, װי אַזױ די װעלט, דער מענטש קען אױסקומען אָן כּלי־זיין. װאָס װאָלט געװאָרן פון דיר, בן־חסדאי, װען איך װאָלט דעמאָלט אױפן בית־עלמין אין באַגדאַד ניט געהאַט בײַ דער האַנט אױף יעדן פאַל מײַן גוט געשליפענעם קינזשאַל?

— מײַן טויט װאָלט געקומען, און צוזאַמען מיט מיר װאָלט אױך פאַרלױרן געגאַנגען די טײַערע מגילה און די בשורה, װאָס איך האָב געהאַט צו ברענגען, און די פאַרבינדונג צװישן דעם מיטלפּונקט פון אונזער אומה אין בבל און דעם שארית הפּליטה פון בית יעקב אין כּאַזאַריע װאָלט געװען אין סכּנה. אין דעם דאָזיקן פאַל האָט די שװערד, אײַער שװערד, װידעראַמאָל געשיצט די תּורה.

— װילסטו דערמיט זאָגן, אַז די שװערד איז אונז געגעבן אין דער האַנט, נאָר כּדי צו דינען אײַער פאָלק און אײַער תּורה? װי איז אָבער, אַז די שװערד קערט זיך גאָר קעגן אײַך גופא, װי דאָס איז געװען פאַר אַכט הונדערט יאָרן, בײַ דעם חורבן פון אײַער מלוכה, און װי ס׳איז פון דאַמאָלסט אָן געשען הונדערט מאָל און פאַסירט נאָך עד־היום?

— דאַן דינט אונז די שװערד אױף אַן אַנדער אופן, קעגן דעם װילן פון דעם שונא, װי עס שטײט אין דער ברכה, װאָס מ׳האָט געבענטשט עשׂוון: „מיט דײַן שװערד זאָלסטו לעבן און דײַן ברודער דערמיט דינען". זע, קאָזאַריאַ, מיר זײַנען דאָ אַהער פון גויט און צרות צונױפגעטריבן פון אַלע פיר עקן װעלט. מײנסטו דען, אַז מיר זײַנען דורך דעם פירער פון די צײַטן אומזיסט פאַריאָגט געװאָרן אַריבער אײַערע בערג און האָבן דאָ ניט קײן שום שליחות אױסצופירן?

קאָזאַריאַס האָט פאַרטראַכטערהייט געקוקט אין דער ווייט אַריין. אין זיין מירמלנעם פנים האָבן זיך געלייגט נייע קנייטשן. מ׳האָט בפועל-ממש געהערט, ווי די מחשבה רוישט הינטער דעם מעכטיקן שאַרבן פון דעם כּוזרי.

די זון האָט זיך גענייגט צום אונטערגיין. ביים קאַמין האָבן טונקעלע שאָטנס זיך געראַנגלט מיט רויטע פּאַסן ליכט. קאָזאַריאַס האָט זיך פאָרנעם פאַרנייגט פאַר די פרויען און בן-חסדאין אַ דריק געטאָן די האַנט וואַרעמער ווי ווען-עס-איז פריער. ער איז אַרויס-געגאַנגען מיט גיכע טריט, אַזוי ווי תמיד, און דורך דעם מזרח-טויער פאַרשוואונדן פון דעם יידישן שטאָט-טייל.

V.

ווי נאָר קאָזאַריאַס איז אַרויס פון הויז און זיך געלאָזט גיין אויף די גאַבּאַ-בערג, האָט בת-שוע אים לאַנג נאָכגעקוקט. ווי מאָדנע איז איר געווען אויפן האַרצן! דער דאָזיקער מאַן, וואָס איז אַהערצו געקומען באַלד אַוועקצוגיין, און שטיל, כּמעט אומבאַמערקט געקוקט פאַרביי איר, איז פאַר איר ניט געווען סתם אַ ב י - ו ו ע ר; ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַ באַשטימטן ווינקל אין איר נשמה, און די דאָזיקע מחשבה האָט איר וואָס אַמאָל אַלץ מער באַנג געטאָן. וואָס גייט איר אָן דער דאָזיקער פרעמדער, משונה פינסטערער מענטש?

זי פלעגט וואַרטן-אויף אים, געבענקט נאָך אים, ווען ער איז ניט געקומען, און דאָך האָט זיין נאָענטקייט איר אַזוי ווייניק געגעבן... זיינע רייד האָבן זיך געגליטשט פאַרביי איר אַזוי ווי זיין בליק, וועלכער איז שטענדיק געווענדט געווען צו בן-חסדאין אָדער צו עמעצן אַנדערש, און פאָרט האָט זיין אויג טייל-מאָל זיך געטראָפן מיט איר בליק, און זיין וואָרט האָט געפונען אַ וועג צו איר האַרץ. נאָך קיינמאָל האָט ער זיך ניט געווענדט דירעקט צו איר מיט אַ פראַגע, ער האָט באַשיינפערלעך, אויסגע-מיטן אַ קוק צו טאָן אויף איר, און דאָך איז אָפט צווישן זיי גע-גאַנגען עפּעס ווי אַ שטילער שמועס. תּחילת האָט זי געהערט בלויז

דעם קלאַנג פון זיינע ווערטער, ניט צו באַנעמען דעם זין זייערן, ניט צו ווען עס טאָן אפילו. אָבער דער קול האָט גע־קלונגען און גערדרונגען אין איר האַרץ אַריין מיט אַ מעכטיקער קראַפט און אָנגערירט פאַרהוילענע סטרונעס, וואָס האָבן שטיל אויפגעציטערט...

האָט זי עס צו ווייט געלאָזט קומען? לכתחילה האָט זי דעם פרעמדן מאַן געהאַלטן פאַר אַ יידן און זיך באַנומען לגבי אים, ווי עס פאַסט פאַר מיידלשער צניעות פון איר גראַד. אָבער צו איר חידוש איז זי געוואויר געוואָרן פון זיינע רייד, אַז ער איז פון אַן אַנדער פאָלק. האָט זי זיך געפרייט, וואָס צווישן אים און איר איז פאַראַן אַ נאַטירלעכע מחיצה, און אַלע אַנדערע טעמים זיי־נען שוין אַזוי אַרום געווען איבעריק. לגבי דעם פרעמדן, וואָס האָט זיך געבוקט צו אַן אַנדער גאָט, איז שוין געווען לאָאו־דווקא זיך צוריקצוהאַלטן. דאָ האָט מען שוין ניט געדאַרפט ציילן און וועגן די ווערטער, וואָרעם אַ נאַטירלעכע גרענעץ האָט זיך אויפ־געשטעלט צווישן זיי, אַ גרענעץ, וואָס האָט אויסגעשלאָסן אַ ענגע־רע התקרבות. האָט זי פונדעסטוועגן צו פיל אויף זיך געשטעלט? איז זי אַוועק צו ווייט אין איר בויען אויף זיך? זי האָט אים לאַנג נאָכגעקוקט, ביז דער סילועט פון זיין געשטאַלט איז אינ־גאַנצן פאַרשוואונדן הינטער די גאַבאַ־בערג.

פאַרחלומט, מיט דעם שטאַרן בליק געווענדט צו די בערג — אַזוי האָט זי נחמה געטראָפן און זי אָנגענומען פאַר דער האַנט.

בת־שוע האָט דערשראָקן אַ צאַפּל געטאָן.

— בת־שוע, דו קוקסט שטומערהייט אין דער ווייט אַריין און דיינע אויגן דערציילן פון גרויסן גליק אָדער פון טרויער. — אין דעם ריינעם קוואַל פון אַ מענטשנס אויג שפּיגלען זיך גליק און צער אָפּטמאָל אין אַלצאיינע פאַרבן.

— איך האָב געקוקט אויף דער קויל פון דער זון, ווי רויט און הערלעך זי איז פאַרשוואונדן הינטער די בערג.

די זון גייט ניט אונטער, בת־שוע, ווען ס'איז פינסטער ביי אונדז — לייכט זי פון דער אַנדערער זייט, און צומאָרגנס גייט זי ווידער פאַר אונדז אויף דורך דעם צווייטן טויער פון הימל.

— און ברענגט אַלע פרימאָרגן נייעם צער, וועקט נייע בענקשאַפטן, שאַפט פרייד און לייד, אָדער אי דאָס אי יענץ בייזאַמען.

— וואָס דריקט דיך, בת־שוע?

בת־שוע האָט געשוויגן.

— דו רעדסט, בת־שוע, אַזוי ווי דו־האָסט נאָך קיינמאָל ניט גערעדט,— האָט די חברטע געזאָגט.— מיר זיינען געוויינט צו דיין זילבערנעם הילכיקן געלעכטער און צו דיין פריילעכן בליק. דו האָסט זיך אָבער איינגאַנצן פאַרענדערט און דיין פאַרצאָגטער געמיט האָט זיך אויך בן־חסדאין געוואָרפן אין די אויגן.

— ווי גליקלעך דו ביסט, וואָס דו מעגסט אַזוי אינטים אויסריידן דעם נאָמען, וואָס מאַכט שלאָגן דיין האַרץ!

— און דו, בת־שוע?— נחמה האָט זיך ענגער צוגעטוליעט צו איר חברטע.

— איך ווייס ניט, נחמה; דאָס, וואָס איך פיל און וואָס מיט מיר קומט פאָר, האָט נאָך קיין נאָמען ניט, מ'קען עס נאָך אויך ניט באַצייכענען מיט דעם נאָמען פון אַ וועלכן־עס־איז מענטשן.

— אַפילו ניט מיט דעם נאָמען פון קאָזאַריאָס? — נחמה האָט קלאָר און גוטפריינדלעך אַריינגעקוקט איר חברטע אין די אויגן.

— איך האָב נאָך דעם נאָמען קיינמאָל ניט אָנגערופן, — האָט בת־שוע שטיל אָפגעווענדט, גלייך ווי זיך שיצנדיק קעגן אַ סכנה, — און ווען איך רוף אים אָן אָדער הער אים אָנרופן, קלינגט ער מיר אַזוי פרעמד און ווייט, גלייך ווי דער דאָזיקער האַרטער וואָרט האָט קיין שייכות ניט מיט דעם, וואָס זיצט ביי מיר אין האַרצן, און פונדעסטוועגן...— בת־שוע האָט פלוצלונג אָפגעהאַקט.

— דו, ווייסט, אַז קאָזאַריאָס, איז ניט קיין ייד?

— איך האָב זיך לענגער דערוואוסט און בין צופרידן דערפון. אָבער מעגסט אפילו זאָגן, אַז איך בין אַ זינדיקע — — מיין שטאָלץ איז פאַרשוועכט און עס טוט מיר ווי ביז דער טיף

פון מיין נשמה, ווען ער קוקט מיר פאַרביי מיט אַ קאַלטן בליק... האָסט עס באַמערקט, נחמה, ער קוקט ניט אויף מיר און אים גייט לחלוטין ניט אָן, צי איך בין דאָ דערביי...

— דו ווייסט, דאָס איז די שטאָלצע טבע פון די כּוזרים צו פאַרבאָרגן דעם פייער פון זייער נשמה הינטער די אייזערנע טירן פון גלייכגילטיקער רויִקייט. געטרוי ניט דער דאָזיקער אייזקאַלטער רויִקייט און זיי אויף דער וואַך! פאַרגעס ניט — דו ביסט ר׳ עמרמס טאָכטער און ווי אַ שוועסטער צו בן־חסדאין, ער אָבער איז ניט פון אונזער גזע.

— איך האָב דאָך געהערט אין דעם וויכּוח פון די מענער, אַז ניט די גזע און ניט דאָס בלוט, נייערט די אמונה האָט דאָ צו זאָגן, — האָט בת־שוע אומזיכער זיך אָפּגערופן.

— קען זיין, — האָט נחמה געענטפערט, — ניט פאַר אונז, אומוויסנדיקע פרויען, איז צו זאָגן אין אַ דעה אין אַזעלכע טיפע ענינים. אָבער זאָל אַפילו זיין, אַז די אמונה האָט דאָ צו זאָגן, איז דאָך די אמונה ניט קיין סחורה, וואָס מ׳קען קומען און קויפן אין קראָם אָדער אויסבייטן. אמונה פאָדערט, אַז אויב מ׳איז ניט געבוירן דערין, זאָל מען קומען צו איר ערשט דורך געראַנגל און אַרבעט פון דער נשמה. דו טאָרסט, בת־שוע, ניט שטערן, אַפילו אומבּכּיוון, די אינווייניקסטע מלחמה פון דעם דאָזיקן מענטשן, בפרט נאָך — משפּיע זיין דערביי...

— ער קוקט דאָך אַפילו ניט אין מיין זייט.

— דו קוקסט אָבער אים יאָ נאָך, אַפילו נאָכדעם ווי ער איז פאַרשוואונדן הינטער דעם גאַבאַ־באַרג...

— דאָרט קען אים אָבער שוין מיין עין־הרע ניט שאַדטן,— האָט בת־שוע געלאַכט. אָבער עס איז שוין ניט געווען איר פריערדיקער הילכיקער געלעכטער.

עס האָבן זיך דערהערט טריט. איבער דער גאַס איז פאַרבייגעגאַנגען בן־חסדאי. האָט ביי האַנט מיט מָכירן.

— דו ווייסט, — האָט נחמה געזאָגט, — מָכיר פאַרטראָגט ניט קאַזאַריאָסן. ער טאָקע זייט עס דעם אומצוטרוי קעגן אים אין דער ישיבה. ערשט נאָך זונאונטערגאַנג, אַז דער פרעמדער

גייט אַוועק פון דער ישיבה, זעט מען אים גייענדיק מיט חסדאין, זע, מיט וואָס פאַר אַ היץ ער רעדט עפּעס אין אים אַריין, זיי שמועסן וועגן קאָזאַריאָסן, ער איז אייפערזיכטיק אויף בן־חסדאין, וואָס קאָזאַריאָס האָט אים פון אים אַוועקגענומען. און אפשר אויך אויף דיר איז ער אייפערזיכטיק...

בת־שוע האָט גאָרנישט געענטפערט אויף די לעצטע ווערטער.

מכיר, אַ קליינער רירעווודיקער מענטש, האָט, ניט זעענדיק די מיידלעך, מיט אַ הייזעריקער שטים גערעדט צו בן־חסדאין:

— דו וועסט זען, חסדאי, ער וועט ברענגען אַ אומגליק איבער אונז און איבערן כלל ישראל. זיין קאַלט שווייגנס, וואָס ער שווייגט, צוזעענדיק און אויסהערנדיק אַלצדינג, וואָס ביי אונז, געפעלט מיר ניט. אין זיין קאַנטיקן שאַרבן אַרבעט כסדר דער מוח און עס צייטיקן זיך פינסטערע מחשבות. חסדאי, מיר מוזן זיין אויף דער וואַך. איך האָב אויך באַמערקט, אַז אונטערן לאַנגן מאַנטל טראָגט ער אַ שווערד און אַ קינזשאַל...

— דו זעסט אַלץ שוואַרצערהייט, מכיר, — האָט אים חסדאי באַרויִקט, — מיר מוזן האָבן צוטרוי צו אַ מענטשן, וואָס האָט אַרויסגעוויזן זיין איידלקייט און מסירת־נפש.

— אויב איר האָט אים שוין געעפנט די ישיבה, טאָ זאָל לכל־הפחות די פאַמיליע פאַר אים בלייבן פאַרשלאָסן. איך ווייס, חסדאי, ער איז ביי אייך אַ גאַנצער בן־בית, בת־שוע און נחמה הערן אויך צו זיינע רייד. דאָס וועט צו קיין גוטס ניט ברענגען, חסדאי...

— דו רעגסט זיך צו פיל אויף, מכיר, גלייך ווי פון דיר וואָלט אַרויסגערעדט אַ פאַרזעלעכער כעס. וואָס איז דען דער אומגליק, אַז די מיידלעך הערן צו אונזערע וויכּוחים איבער ענינים פון אמונה?

מכירס ענטפער האָט פאַרקלונגען פאַרביי די מיידלעך.

— קום, איך קען מער ניט הערן דעם דאָזיקן באַריידער, — האָט בת־שוע געבעטן, — מחשבותן, קענסטו דעם מכיר נעענטער?

— איך ווייס נאָר, אַז ער איז געקומען פון קרים. זיין פאַ־

טער, אַ רייכער סוחר, האָט אים אויף זיין נסיעה געבראַכט אַהערצו, כדי אַרויסצונעמען אים פון די שעדלעכע השפעות אין דעם היימלאַנד, וואו עס גייען אָן אַלערליי באַוועגונגען, און אים דאָ, אין אַ שטילן פאַרוואָרפענעם ווינקל, צוצובינדן צום לימוד־התורה. ער האָט אַ וואַרעם האַרץ, איז אָבער ליידנשאַפטלעך און הייס געבאָדן, דעריבער איז ער ניט אומעטום אָנגעלייגט.

— ער קומט עפטערס אויך צו אונז אַריין, — האָט בת־שוע געזאָגט, — אָבער ווי נאָר ער דערזעט קאָזאַריאָסן, גייט ער תיכף אַוועק, הגם קאָזאַריאָס פון זיין זייט שענקט אים קוים אַ בליק.

— ער פאַרטראָגט ניט קאָזאַריאָסן, — האָט נחמה באַשטעטיקט, — אָבער לאָמיר די דאָזיקע מענער איבערלאָזן אַליין אין זייער ברוגז, זיי דאַרפן אונז דערצו ניט האָבן. דאָס רוב איז דער פירוד ריין, איידל און נוגע די ענינים העומדים ברומו של עולם נאָר אַזוי לאַנג, כל־זמן אַ פרוי האָט זיך דערין ניט אַריינגעמישט. איך האָף, אַז דאָ האַלט נאָך לעת־עתה ניט דערביי...

— וואָס מיינסטו דערמיט, נחמה?

— אַז די אָפנייגונג פון די מענער צווישן אַנאַנד שטאַמט ניט דערפון, וואָס זיי ביידע האָבן אַ נייגונג צו איינער...

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, נחמה, קאָזאַריאָס שענקט מיר קוים אַ וואָרט, אַ בליק...

— וואָס פאַר אַ באַדייטונג קען עס האָבן ביי דעם דאָזיקן אויסטערלישן מענטשן, וואָס דער אינווייניקסטער פייער פלאַקערט ביי אים הינטער אַ קאַלטן האַרטן אַרץ? היט זיך, בת־שוע, פאַר דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן!

בת־שוע האָט זיך ווידער צעלאַכט מיט איר מאָדנעם געלעכטער; עס האָט געקלונגען כמעט ווי מיט טרערן.

.VI

אין סאַנגוריס לערנשטיבל איז געזעסן נחמה, איר האַנט אַריינגעלייגט אין דעם פאָטערס, און זיי האָבן אינטים געשמועסט. עס איז געווען האַרט פאַר מוצאי־שבת, די שעה פון בין־השמשות,

וועלכע איז ניט צום לערנען, און ווען דער פאָטער געהערט צו איר, אינגאַנצן צו איר. די גאַנצע וואָך פלעגט דאָס מיידל פון טאָג צו טאָג וואַרטן אויף דער שעה, ווען דער שבת־קודש גייט אַוועק, געוואַרט נאָך מער ווי אויף דעם שבתדיקן טאָג גופא, אין וועלכן דער רב איז אַפילו ביים טיש אַרומגערינגלט געווען פון אורחים און תלמידים. דאָסמאָל האָט דער פאָטער אַפילו געהאַט זי צוגע־גרייט צו דער דאָזיקער שעה. ער האָט געהאַט מיט איר איבער־צוריידן וועגן אַ ערנסטן ענין, און זי האָט געברענט פאַר נייגע־ריקייט, הגם זי האָט מיט אַ ציטער פאָרויסגעפילט דעם אינהאַלט פון דעם שמועס.

צוערשט האָט סאַנגורי גערעדט פון די גלייכגילטיקסטע זאַכן אין דער וועלט, פון דער ישיבה, פון דעם מס, וואָס מ׳דאַרף באַ־צאָלן דעם כאַקאַן, און פון שטוביקע זאַכן, ביז ער איז אַרויפגע־קומען אויף בן־חסדאין. אַ ציטער איז אַדורך איבערן מיידלס האַרץ, דאָך האָט זי צוגעהערט רויִק און שווייגנדיק.

— דו ווייסט, — האָט דער רב געזאָגט עפּעס ווי פייער־לעך, — ר׳ עמרם איז מיין פריינד און מיין מיטהעלפער, זינט מיר האָבן דאָ אונזער קהילה קדושה, און זיין ברודערנזון חסדאי איז צווישן די תלמידים פון דער ישיבה גאָרניט פון די לעצטע.— ר׳ עמרמען אַליין איז פון אייבערשטן ניט באַשערט געווען קיין זון קיין יורש און ער וויל, אַז חסדאי זאָל ירשענען זיין נאָמען און זיין הויז. האָב איך אַ טראַכט געטאָן פון דיין צוקונפט, קינד. מיר וועלן עס מאַכן קורץ, אָן הקדמות: דו וועסט ווערן די ווייב פון חסדאי?

— האָט חסדאי אַליין געבעטן מיין האַנט? — האָט געציטערט נחמהס שטים.

— ניין, קינד, עס איז ניט קיין מנהג ביי די זין פון ישראל צו נעמען זיך אַ כלה אָן דער פאַרמיטלונג פון עלטערע און געניטערע, בלויז צוליב דעם אָנדראַנג פון געפילן, וואָס זייער פייער האַלט אפשר ניט איבער אַ טאָג אַפילו. ר׳ עמרם, זיין פע־טער, וואָס איז אים אַ פאָטער, האָט גערעדט פאַר אים!

נחמה האָט שווייגנדיק אַדורכגעפירט דעם פאָטערס

האַנט איבער איר מויל, און פון אירע אויגן זיינען געפאַלן וואַ־
רעמע טרערן אויף דער דאָזיקער האַנט.

— איז דאָס, וואָס איך האָב דיר מגלה געווען, ניט לפי דיין געפיל און פאַרלאַנג, — איז דיין האַרץ ניט געניגט צו חסדאין?

— ניין, פאָטער, —האָט נחמה שטיל אַרויסגעפליסטערט, — אָבער שווערע זינד דריקן מיין געוויסן. מיין האַרץ האָט געערדט, איידער נאָך עס האָט געהערט דיין פאָטערלעכע שטים...

— פאַר אַן אַנדערן? —סאַנגורי איז געוואָרן מלא פחד.

— ניין, פאָטער, ניט פאַר קיין אַנדערן, נאָר פאַר חסדאין. אָבער איז עס דען ניט קיין שווערע משא צו זען, ווי אומבאַ־שטראָפט ווערן מקומים די פאַרהוילענע און אומדערלויבטע פאַר־לאַנגען פון האַרצן? האָב איך דען נאָך אַ רעכט אויף דעם גליק, וויבאַלד איך האָב זיך פאַר דער צייט געקוויקט מיט אים אין דער נשמה מיינער?

— דיין רעכט אויף אים איז פעסט און זיכער. עס איז געווען אַ קול פון דער נשמה, און צוהערן זיך צו דעם דאָזיקן קול איז ניט קיין זינד.

— איז דאָס געזאָגט געוואָרן אויף יעדן אינערלעכן גע־פיל, אויף יעדער ליבע צו אַ מענטשן? — אין איר העכסטן גליק, האָט נחמה שטיל פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן וועגן בת־שוען, צו וועלכער עס האָט זי איצט אַ צי געטאָן ווי מיט צוואַנגען.

— פון יעדן אינערלעכן געפיל, פון יעדער ליבע, אויב עס איז נאָר עכט און אמתדיק, אָבער אין אַזעלכע זאַכן איז דאָס פאַלשע אָפטמאָל גלייך צום עכטן, אַזוי ווי דער קורצער גלאַנץ פון אַ גלאָזשטיינדל איז גלייך צום אבן־טוב.

עס איז געוואָרן שטיל, און אין דער דאָזיקער שטילקייט זיינען פון קעגנאיבער אַריינגעפאַלן אָפגעריסענע קולות פון אַ ווייכן ניגון.

אין בית־המדרש האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען תלמידים און באַלעבאַטים דאַוונען מעריב און מלווה זיין די

מלכה שבת. און איידער עס האָבן זיך געוויזן שטערן אויפן הימל, האָבן זיי געזונגען מזמורים תהילים.

— נחמה האָט צוגעהערכט, צוגעהאָרכט, איר נשמה האָט געזוכט צווישן די אָפּגעריסענע קולות...

און אָט האָט איר אָפּגעקלונגען דער געזוכטער קול אין אַ ניגון פון וואונדערלעכער מתיקות, וואָס האָט געזונגען דעם מזמור פון דוד: „גאָט איז מיין פּאַסטעך, עס טוט מיר ניט פעלן"... בן־חסדאי האָט געבראַכט דעם ניגון פון בבל, און ער האָט דאָ געמאַכט אַ רושם אַזוי ווי אַ גרוס פון נאָענטע נשמות. בן־חסדאיס טונקעלע פולע שטים האָט געזונגען דעם ערשטן פערז, און קהל האָט מיט התלהבות אונטערגעכאַפּט:

„אויף גראָזיקע לאָנקעס מאַכט ער מיך הויערן,
אויף רויִקע וואַסערן טוט ער מיך פירן"...

— ס'איז שוין צייט, — האָט דער פּאָטער זיך אויפגעהויבן. — ר' עמרם ווינטשט, אַז מיר זאָלן שוין די טעג טאַקע מאַכן די חתונה, אום ראש חודש אדר, וואָרעם ער קלייבט זיך גלייך נאָך דער חתונה אין אַ וויטער נסיעה. מיר טאָרן ניט מְעיז זיין זיין וואונטש, וויבאַלד הקדוש ברוך הוא האָט אונז געצייגט דעם ריכטיקן וועג.

נחמה איז געבליבן אַליין, און דאָס איז געווען אַ נחת־רוח פאַר איר נשמה. ווי מאָדנע איז איר געווען אויפן האַרצן! עמעץ איז געקומען מיט אַ גאָלדענעם שליסל און האָט זאַכט אָפּגעשלאָסן די חדרי חדרים פון איר האַרצן, וואו ס'איז געלעגן באַהאַלטן, פון איר אַליין אַפילו, דאָס סאַמע הייליקסטע, און אָט האָט זיך אַ גרויס גליק צעגאָסן איבער אַלע אירע גלידער...

זי האָט געהאָרכט און געהאָרכט, קעגנאיבער האָבן זיי אין כאָר געלויבט גאָט, וועלכער „איז געאַכפערט לעולם ועד".

און זי האָט אויך מצרף געווען איר שטילע תפילה פון טיפן האַרצן.

— וויינִיקער איבערראַשט איז געווען בן־חסדאי, בעת דער פעטער ר' עמרם האָט אים אַרויסגעזאָגט זיין וואונטש צו שטעלן

די חופה אין די נאָענטסטע טעג. ער האָט עפּטערס מיט אים גע=
רעדט דערפון אָפן און באריכות און איצט איז ער געווען גליק=
לעך צו הערן, אַז דער רבי האָט אָנגענומען זיין תּביעה אויף
דעם העכסטן שכר. וואָס עס טוט זיך ביי נחמהן אין האַרצן,
האָט ער געוואוסט, הגם זי אַליין האָט דערפון גערעדט ניט גערן
און ניט דייטלעך. בת=שוע, וועלכע איז די ערשטע געוואויר
געוואָרן פון ביידן די זאַך, האָט זיך אַזוי טיף מיטגעפרייט, אַז
זי האָט צוליב דעם אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן איר אייגענעם ווײַ=
טאָג, בפרט אַז קאָזאַריאָס האָט זיך שוין צייט עטלעכע טעג ניט
געוויזן. זי האָט זיך ניט דערוועגט נאָכצופרעגן אויף אים ביי
בן-חסדאין, אָבער אויס דעם שמועס פון די מענער איז זי דער=
גאַנגען, אַז ער קומט אויך ניט אין דער ישיבה, און מ׳ווייס ניט,
וואָס איז די מעשה. אַקעגן=זשע איז איצטער מכיר געוואָרן אַן
אָפּטערער איינגייער ביי ר׳ עמרמען אין הויז — דער בחור מיט
דעם קופּערנעם פּנים און די קליינע פאַרשרפּעטע טאָטערישע
אויגן, אין וועלכע עס האָט טיילמאָל געברענט אַ טונקעלער אומ=
היימלעכער פייער. אַ סך מענטשן האָבן מכירן ניט ליב געהאַט,
בפרט — דעם ליידנשאַפטלעכן אופן, אויף וועלכן ער פלעגט פאַר=
טיידיקן זיינע מיינונגען. טייל האָבן צו אים אַפילו ניט געהאַט
קיין צוטרוי, פון וועגן זיינע אָנשויונגען, וועלכע האָבן ניט אַלע=
מאָל געשטימט אינגאַנצן מיט די אָנשויונגען פון סאַנגוריס
קרייז. שפּעטער האָט מען אים אויך געגעבן אַ צונעמעניש דער
„טאָטער״, סיי צוליב זיין אויסזען, סיי צוליב דעם, וואָס ער איז
אַראָפּגעקומען פון קרים. אָבער רבי סאַנגורי גופא האָט גאָר=
נישט געהאַט אויסצוזעצן אין אים און אויך בן=חסדאין האָט
געצויגן עפּעס צו דעם היציקן בחור, וועלכער האָט אין יעדער
זאַך געהאַט זיין אייגענע סברה. בת=שוע האָט תּחילת זיך פאַר=
האַלטן צו מכירן מיט דער זעלביקער פריינדלעכער גלייכגילטי=
קייט, וואָס צו אַלעמען. אומאיינגענעם איז ער איר געוואָרן ערשט
איצטער, נאָכדעם ווי ס׳איז איר קלאָר געוואָרן, אַז ער מיידט
אויס קאָזאַריאָסן, און זי האָט זיך גענומען שטויסן, פאַרוואָס ער
מיידט אים אויס...

איז דען נחמה ניט געׂרעכט געווען, זאָגנדיק, אַז דער פּירוד צווישן מענער פאַרלירט אין זיין ריינקייט און גרויסקייט און ווערט מיאוס און קליין, ווען אַ פרוי מישט זיך דאָ אַריין? איז זי עס געשטאַנען צווישן קאָזאַריאָסן און מכירן?

אפשר? אָבער ניט מיט איר ווילן און ניט מיט איר ווילן האָט זי זיך געשטעלט צווישן זיי, וואָרעם איינעם האָט איר נשמה ביז איצט גאָרניט געקענט און דעם אַנדערן האָט זי קיינמאָל ניט געוואָלט קענען...

וואָס פאַר אַ פאָרוואורף האָט זי זיך געקענט מאַכן?

„גליקלעכע נחמה, דער נאָמען פון דעם מאַן, וואָס פאַר אים שלאָגט דיין האַרץ, מעגסטו פון מאָרגן אָן אָנרופן בפני כל עם ועדה!..” האָט זי אַ טראַכט געטאָן, ווען זי האָט איצטער דערזען לעבן זיך די חברטע און איז איר געפאַלן אויפן האַלז.

— בענטש מיין גליק, בת־שוע, אָבער מיין שמחה איז באַטריבט, וואָס דו ביסט ניט אַזוי גליקלעך ווי איך.

— איך וועל דיין גליק טיילן אומבאַטריבט, נחמה, וואָרעם די טריבע שאָטנס אַנטלויפן און מיין נשמה ווערט געהיילט — — נאָר — — — — — נאָר ווייסטו עפּעס וועגן קאָזאַריאָסן?

— ניט מער ווי דו, ליבסטע. געדענקסט, ווי ער איז דאַן, פאַראַכטאָגן, געגאַנגען איבער דעם גאַבאַ־באַרג און דו האָסט אים נאָכגעקוקט, ווי מיר האָבן דאַן גערעדט וועגן אים? פון דאַמאָלסט אָן איז ער שוין מער ניט געקומען. — —

— האָט מיט אים אפשר אַן אומגליק געטראָפן?

— קאָזאַריאָס איז שטאַרק און מוטיק און ער קען ביישטיין קעגן רויבערס פונקט אַזוי ווי קעגן חיות רעות. ער האָט תמיד מיט זיך אַ שאַרף געשליפענעם קינזשאַל.

— האָט אים ווער באַליידיקט, פוגע בכבוד געווען? אפשר מכיר אָדער בן־חסדאי, צי גאָר דער פאָטער דיינער?

— עס הייבט זיך ניט אָן. אמת, מכיר פאַרטראָגט אים ניט און אַרבעט שטילערהייט קעגן אים, אָבער אָפענערהייט וואָגט ער ניט זיך צו שטעלן קעגן דעם ריז פון די אומבאַקאַנטע בערג־

בן־חסדאי האָט אים ליב אַן אַמאָס און קוקט אויף אים ווי אויף זיין לעבנס־רעטער, און דער פאָטער באַהאַנדלט אים גוט, הגם מיט אַ געוויסער פאָרזיכטיקייט און צוריקגעהאַלטנ־קייט, ווי עס געשיקט זיך לגבי אַ ניט־יידן, וואָס מ׳ווייס ניט זיינע כוונות און אָנשווינגען.

די ווערטער „פאָרזיכטיקייט" און „צוריקגעהאַלטנקייט" האָט זי זייער שאַרף באַטאָנט.

— און וואָס טראַכט בן־חסדאי איבער זיין פאַרפאַלן ווערן? איך האָב זיך ניט דערוועגט אים וועגן דעם צו פרעגן.

— אויף פאַר אים איז דאָס אַ רעטעניש, וואָס ער קען ניט באַשיידן. עס קען זיין, אַז זיין אָפּוועזנקייט האָט אַ שייכות צו די געשע־עניש פון דאָרטן — זי האָט געוויזן אין דער ריכטונג צו דער שטאָט. — איך האָב געהערט, ווי דיין פאָטער, וואָס האָט געהאַט אין דער שטאָט עסקים מיט די כוזרים. האָט היינט דערציילט אין בית־המדרש פון נייע מלחמות, וואָס קומען אויף דער מדינה. די אַראַבער אין אַרמעניע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין דער פעס־טונג פון אַרדילאַן און ווילן פון דאָרט ציען צו אונזער גרענעץ. אין פּאַלאַץ פון אונזער כאַקאַן בולאַן איז אַ גרויס גערודער, און אַלע, וואָס קענען טראָגן געווער, ווערן גערופן אין מלחמה אַריין. איך האָב געהערט, ווי זיי האָבן זיך מיישב געווען וועגן דעם, אַז מ׳זאָל אונזער גוטן כאַקאַן בולאַן דערלאַנגען אַ גרע־סערע סומע געלט פון דער קהילה אַלס צייכן פון דאַנק און געטריישאַפט. ער גיט דאָך אויף אונז זיין שוץ, און פאַרלאַנגט ניט פון אונז קיין חייל. אויף דער חתונה וועט זיין די גאַנצע געמיינדע, וועט מען דאָרט צונויפמאַכן די דאָזיקע סומע און זיך מיישב זיין, וואָס ווייטער צו טאָן.

— און קאַזאַריאַס? האָט בת־שוע אויפגעוואַכט ווי פון אַ חלום.

— מיר ווילן ניט גלייבן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט צו די ווילדע אַראַבער־האָרדעס, וואָס טרייבן זיך שוין אַרום אין די בערג; אדרבא, בן־חסדאי האָפט נאָך אַלץ אים צו זען צווישן אונז אויף דער חתונה.

VII.

אין פּאַלאַץ פון כאַקאַן, אין דעם גרויסן זאַל, איבגאַנצן באַלייגט מיט קאָלירנדיקע טעפּעכער, וואו פון דעם רעכטן פליגל אויס האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אויסבליק אויפן אָפענעם ים, איז געזעסן בולאַן, דער הערשער פון די כּוזרים, אונטער אַ חופּה פון רויטער בלישטשענדיקער זייד, אין דער האַנט — דער גילדערנער, מיט דימענטן באַזעצטער שרביט. בּיי זיין רעכטער האַנט איז אויף אַ נידעריקן קישנבעט געזעסן דער פּעגאַן, מיטן נאָמען האַמענאַס, וואָס האָט געהאַט דעם טיטל פון אַ משנה־למלך. אַלס משנה־למלך האָט ער אין אַלע ענינים פון דער מלוכה און אין אַלע וועלטלעכע עסקים פאַרטראָטן די פּאַרהייליקטע פּערזאָן פון דעם כאַקאַן בולאַן, וועלכער האָט לויט דעם אַלט־כּוזרישן חוק נאָר אין די זעלטנסטע פאַלן זיך געמישט מיט פּשוטע בשר־ודמס. זיי אַנטקעגן זיינען אין אַ האַלבן עיגול געזעסן אויף אויסגעשפּרייטע פעלן און טעפּעכער זיבן בּכּבודיקע לייט, די ראָטגעבער פון דעם כאַקאַן. דינער אין קורצע שעפּסענע פּעלצן און שפּיצעכיקע פּעלצענע מיצן האָבן שווייגנדיק געבראַכט פּאַרמעטענע מגילות און אויפגעבלאָזן דעם אָפענעם קאַמין, וואו עס האָט געשימערט אַ רויטער היימישער פייער. דער כאַקאַן בולאַן האָט צונויפגערופן אַ גרויסן ראָט.

אַלע זיינען געזעסן ערנסט שווייגנדיק, ביז דער כאַקאַן האָט געגעבן אַ צייכן מיט דעם גילדערנעם שרבּיט; דאַן האָט דער פּעגאַן האַמענאַס זיך געבוקט דריי מאָל צו דער ערד און, אויפגעשטעלט זיך, שטיל אָנגעהויבן:

— די מאַכט פון דעם כאַקאַן וואַקסט. סידהאַרטע, דער זון פון דער זון, האַלט זיין שיצנדיקע האַנט איבער אים; טרימורטי, דער מקור פון אַלע בּרואים, און סאַראַסוואַטי, די באַהעלפערס זיינע, האָבן אים געשאָנקען זייער חסד. אונזערע גרענעצן שפּרייטן זיך איצטער אויס פון שוואַרצן ים און דעם קאַספּישן אַריבער די קאַווקאַזער בערג ביז די מדינות פון אַזאָווער ים און ביז דעם טאַורישן האַלבאינזל. די סלאַוון ביים

דניעפער און אויף דער אָקאַ זיינען אונז אונטערטעניק און צאָלן אונז ציגז, און אונזערע חיילות דרינגען ווייטער אַריין אין מעריב ביז צו די קאַרפאַטן. נאָר אָט זיינען פון דרום=מערב די אַראַבער מיט זייער קאַליף אַכמאַדוס בראש, געטריבן פון קנאה און פחד געקומען צו ציען קעגן אונזער גרענעץ, און דער גרויסער כאַקאַן האָט איצט צונויפגערופן די זיבן חכמים פון דעם כאַקאַנאַט, כדי זיך מיישב צו זיין און אויסצוהערן, וואָס די געטער באַפוילן אונז צו טאָן.

האַמענאַט איז אַנטשוויגן געוואָרן.

איינער פון די זיבן, דער וואָיעוואָדע מיליקאַמין, דער ראָטגעבער אין תכסיסי מלחמה, האָט מיטן שטערן דריי מאָל באַרירט די ערד און אָנגעהויבן צו ריידן:

— די מאַכט פון דעם כאַקאַן וואַקסט. דער אויפשטאַנד פון די אַראַבער דאַרף אונז ניט באַאומרויִקן. סידדהאַרטע שיקט פייער און האָגל איבער די קעפּ פון אונזערע שונאים און נעמט אונזערע באַהאַרצטע העלדן אין זיין שוץ. אַ שליח פון עלבאַוס, וואָס איז היינט אָנגעקומען אַהער צו רייטן אויף אַ פלינקן פערד, האָט געבראַכט די בשורה, אַז דאָרטן אויפן ברעג פון קאַספּישן ים, וואָס ווערט איינגעענגט דורך דעם דרומדיקן צופוסנס פון קאַווקאַז, איז אָנגעקומען דער גערימטער זון פון דעם כאַקאַן, די צוקונפט פון אונזער לאַנד, דער איידעלער סאַלימאַן מיט זיינע חיילות און פאַרנומען אַ פּאָזיציע ביים איבערגאַנג דורך די בערג, כדי דאָרט אָפּצואַכטן אַכמאַדוסעס חייל און געבן אים דעם גרויסן קלאַפּ. אונזער זאַך האַלט גוט און מיר ווען אין די טעמפּלען אָוועקלאָזן אַלע געבעט=מילן פאַר טרימורטין און מקריב זיין קרבנות פאַר סידדהאַרטען.

ד אַ ה אַ ב אַ ל, וואָס איז געווען דער ממונה ביים אויפמאָנען צאָל און ציגז און געפירט די פינאַנצן פון אוצר=המלכות, האָט געמאָלדן, אַז דער מס פון אַלע אונטערטעניקע לענדער איז איינגעפלאָסן אין דער שאַצקאַמער פון דעם כאַקאַן ריכטיק און פינקטלעך. פון בולגאַריע און אַנדערע לענדער זיינען אָנגעקומען רייכע געלט=מתנות. אַלע באַשטעלונגען פאַר דער באַוואָפענונג

און פראָוויאַנטירונג פון דעם חייל זיינען אויסגעפּירט געוואָרן צו דער צייט און מ'האָט שוין דערפאַר באַצאָלט מיט מזומן גאָלד. אויך די אַנדערע פרעמדע פעלקער, וואָס לעבן אין כאַזאַריע און געניסן דאָס רעכט פון גאַסטפריינדשאַפט, האָבן זיך אַרויסגערופן צו געבן פרייוויליקע נדבות פאַר דער מלחמה־קאַסע אַלס דאַנק פאַרן שוץ און פאַר דער גאַסטפריינדשאַפט, וואָס זיי געניסן אין לאַנד. בפרט די יידן, וואָס לעבן מיט דער גאַנצער וועלט בשלום, האָבן געמאָלדן דורך זייער פאַרטרעטער, דעם סוחר ר' עמרם, אַז זיי גיבן גאָר אַ היבשע סומע.

— לעבן זאָל דער גרויסער כאַקאַן! זיין מלוכה וואַקסט!

אַלע האָבן עס אונטערגעכאַפּט אין כאָר. נאָר דער פּע־גאַן האַמענאַס האָט געמאַכט אַ קרומע העוויה.

— סידדהאַרטע זאָל זיין געבענטשט! — האָט ער אָנגע־הויבן מיט אַן איינגעהאַלטענער שטים. — פונדעסטוועגן האָב איך פּחד פאַר דער צוקונפט פון אונזער מלוכה. איך האָב בייזע חלומות, און דאָס האַרץ זאָגט מיר אויף שלעכטס. איך בעט דעם הויכן ראָט און דעם גרויסן כאַקאַן צו באַשליסן, אַז די געלטן פון די פרעמ־דע, בפרט פון די יידן, סידדהאַרטעס שונאים, זאָל מען ניט אָנ־נעמען. די געטער קוקן אויף אונז אַראָפּ מיט חסד און זיינען אונז אין זייער לייטזעליקייט מוחל, וואָס מיר זיינען סובל ביי אונז די פרעמדע, וועלכע שפּאָטן פון אונזערע געטער און פאַר־אַכטן זיי. אויב מיר ווילן אָבער, אַז די געטער זאָלן פירן אונ־זער האַנט אין דער מלחמה קעגן די אַראַבער, טאָרן מיר זיי ניט רייצן נאָך מער, אָננעמענדיק די הילף פון די פרעמדע און באַנוצנדיק זייער גאָלד.

אַ אָנגעשטרענגטע שטילקייט איז געוואָרן. מ'האָט געקענט פעגאַנס שטרענגן אומטאָלעראַנטן כאַראַקטער, אָבער אַזוי ריידן אין דער געגנוואַרט פון זיין אייבערהאַר, דעם אומבאַגרענעצטן הערשער פון לאַנד, האָט מען אים נאָך קיינמאָל ניט געהערט. אַלע האָבן געגאַפט אויף דעם האַרטן אומבאַוועגלעכן פּנים פון דעם כאַקאַן.

דער כאַקאַן האָט מיט דעם שרביט אָנגעוויזן אויף טאַ־

באַנען, דעם גרויסן תּלמיד־חכם אין דעם ראָט, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן פאַרזונקען אין מחשבות. דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזט אויף דער ברוסט.

טאַבאַן האָט אָנגעהויבן זיין רעדע זיכער און מיושבדיק.

— טרימורטי איז דער מקור פון אַלע בּרואים, אויך פון די, וואָס געהערן ניט צו אונזער קרייז, און סידדהאַרטעס זוניקער בליק שמייכלט צו צו אַלע מענטשן, אָן שום נפקא־מינה. די געטער פון כאָזאַריע ווינטשן ניט, אַז איין מענטש זאָל דריקן דעם אַנדערן. דאָס קנאות פון די געטער איז געווענדט נאָר קעגן די מענטשן, וואָס אין זייער גאווה ווילן זיי זיך גלייכן צו די געטער, אָבער ניט קעגן געטער פון זייער גלייבן און קעגן די, וואָס בוקן זיך און זיינען מקריב קרבנות צו אַן אַנדער גאָט. — — —

— אויפן סמך פון די קלוגע רייד פון טאַבאַן דעם תּלמיד־חכם, — האָט דאַהאַבאַל ווידער גענומען דאָס וואָרט, — בעט איך, אַז ביים באַהאַנדלען די פרעמדע זאָלן מיר זיך ווייטער האַלטן אָן אונזער שטייגער. אונזער לאַנד איז געוואָרן גרויס און שטאַרק דורך דער מיטאַרבעט פון אַלע, אָן אונטערשייד פון גלויבן. אויך די מאָסלימס דאַרף מען ניט מאַכן שולדיק פאַר דעם אויפשטאַנד פון זייערע גלויבנסברידער אין אַראַביע, די נוצרים פון אונזער לאַנד האָבן אונז קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן, בפרט אָבער די יידן לעבן זיך בשלום אין זייערע גאַסן און די ווייניקע פון זיי, וואָס קומען צו אונז, דינען דעם לאַנד אונזערן אין זייער אַ גרויסער מאָס אַלס סוחרים, באַאַמטע, פאַר־וואַלטערס און טאָלמעטשערס, אויך רופאים און געלערנטע. ווער עס איז פוגע אין די רעכט פון די דאָזיקע מענטשן, ברעכט די יסודות פון אונזער מלוכה.

האַמענאַס האָט געוואָרפן גיפטיקע בליקן אויף דעם רעדנער.

בער ער האָט זיך געפלייסט צו בלייבן רויק, נעמענדיק ווידער דאָס וואָרט:

— דער חשובער טאַבאַן רעדט פון טויטע ספרים אַרויס, וועלכע לאָזן אונז ניט צו הערן דאָס לעצטע וואָרט פון דער

חכמה, און דער קלוגער דאַהאַבאַל זאָגט אַזוי, ווי עס הייסט אים די זאָרג וועגן דער שאַצקאַמער פון דער מלוכה. אָבער די געטער ריידן ניט פון געלע פאַרמעטן, אויך ניט אין דעם לשון פון באַרעכנטער מלוכה־קלוגשאַפט, נייערט אין ערשיינונגען פון דער נאַכט. נעכטן ביים שיין פון דער לבנה, בשעת איך האָב אין דעם טעמפל פון סידדהאַרטע איינגעדרעמלט ביים געמורמל פון די געבעט־מילן, האָט זיך מיר געוויזן אַ זעונג, אַ התראה פון די געטער.. איך האָב געזעען אַרום זיך חורבן און פאַרוויסטונג און אַ בת־קול פון אויבן האָט מיר געגרילצט אין אויער אַריין: „וואָס איר ווילט איז גוט, אָבער שלעכט איז וואָס איר טוט".

איבער דעם כאַקאַנס פאַרגליווערטן פנים האָט זיך פלוצלונג ווי אַ ווילדער פייער אָנגעצונדן. ער האָט אויפגעהויבן דעם שרביט ווערטיקאַל אין דער הייך. אַ צייכן, אַז ער אַליין וויל ריידן.

— ווי האָסטו געזאָגט? — האָט ער זיך געווענדט צום פעגאַן, — דער ווילן איז גוט, אָבער דאָס טאָן איז שלעכט. פונקט די אייגענע ווערטער האָבן זיך אויך מיר געלאָזט הערן אין אַ וואונדערלעכן חזיון. וואָס האָסטו געזעען? פעגאַן, דערצייל!

— איך האָב געזען, ווי אין דעם כאַקאַנס לוסטגאָרטן איז אַלץ געלעגן חרוב ומוחרב, — דער פעגאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— אַפילו די סטאַטועס פון די געטער זיינען געלעגן אויף דער ערד, — האָט דער כאַקאַן מוסיף געווען. — און וואָס ווייטער?

— דערנאָך האָב איך געזעען אַ מעכטיקן בוים אַרויסוואַקסנדיק פון די חורבות.

— און דערנאָך?

— איך האָב אויך געזעען אַ פייערדיקן כתב און דאַן זיינען מיר די חושים געוואָרן ווי דול, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ניט האָבנדיק קיין קלאָר בילד פון דעם בוים און פון דעם אינהאַלט פון כתב.

— איך האָב אויך געזעען דעם בוים, — האָט דער כאַקאַן געזאָגט, — און איך געדענק ניט זיינע קאָנטורן און זיינע פאָרמען, אָבער דער כתב לייכט מיר נאָך פאַר די אויגן און דאָס וואָרט דונערט מיר אין די אויערן: „גיי, בולאַן, קיין אַרדילאַן, איך וועל דיר געבן כוח און דו וועסט די אַראַבער שלאָגן, אָבער וויסן זיי — ערשט דאַן, ווען דו וועסט מיט דעם גוטן ווילן פאַרבינדן אויך דאָס גוטע טאָן. ביז אַהער איז נאָר דער ווילן גוט, אָבער דאָס טאָן ניט". — — —

— דערנאָך — האָט דער כאַקאַן פייערלעך ווייטער דערציילט — האָט מיך אַ פאַרבאָרגענע האַנט צוגעפירט צו דעם בוים, וואו איך האָב אויף דעם שטאַם דערזען אַ קליינע פשוטע פרי. „אָט די אָ!" האָט אויסגערופן די געהיימע שטים. איך האָב זי צוגעטראָגן צום מויל, און מיין אויג האָט אַרומגענומען אַ העל, זיס, נאָך קיינמאָל ניט געזעען ליכט, און מיינע אויערן האָבן דערהערט ליבלעכע געזאַנגען, וואָס האָבן געקוויקט מיינע חושים. אַ אויסטערלישער ריח ניחוח, אַ אויסטערלישע ליכטיקייט איז געגאַנגען דורך דעם גאָרטן, און אין איין הרף-עין האָט אַלצדינג ווידער הערלעך זיך צעבליט.

— איך בין אויפגעשטאַנען, — האָט דער כאַקאַן נאָך אַ פויזע ווייטער דערציילט, — האָב געבראַכט אַ קרבן סידדהאַרטען, געטאָן תפילה צו טרימורטין, געבעטן רחמים אויף די קני ביי אַלע געטער און גייסטער, אַז זיי זאָלן מיר שיקן אַ פתרון איבער דעם רעטעניש פון דער נאַכט. דער חזיון האָט זיך, אין אַנדערע פאָרמען איבערגעחזורט, אויך אין די קומענדיקע נעכט, און אויף שריט און טריט, צי איך בין מקריב קרבנות אין טעמפל, צי איך זיץ דאָ אין ראָט, צי איך לאָז מיך וואויל-גיין אין גאָרטן אָדער זיץ ביים מאָלצייט, — אומעטום קלינגט עס מיר ווי מיט טויזנט בת-קולן אין די אויערן: „דער ווילן איז גוט, אָבער דאָס טאָן איז שלעכט". איך האָב פאַרטאָפּלט די צאָל פון די שעפסן צום קרבן, איך האָב אַוועקגעלאָזט אַלע געבעט-רעדער, איך האָב פאַרמאַטערט מיין מוח און רויכער דעם ווייראך אין גאַנצע וואָלקנזיילן, — כסדר און נאָכ-

אַנאַנד רעשט מיר אין קאָפּ: „דער ווילן איז גוט, אָבער דאָס טאָן איז שלעכט".

טיף אויפגערודערט האָבן אַלע צוגעהערט. האַמענאַס האָט דער ערשטער איבערגעריסן דאָס שווייגנס.

— גוט איז דער ווילן, וואָס באַוועגט דעם גרויסן כאַקאַן צו טאָן גוטס מיט די פרעמדע און שונאים פון אונזער לאַנד, אָבער דאָס דאָזיקע טאָן גופא געפעלט ניט די געטער...

טאַבאַן האָט רויק און מיושבדיק אַ גלעט געטאָן זיין לאַנגע גרויסע באָרד און האָט באַדאַכט זיך אָפּגערופן:

— מ'קען עס טייטשן אַזוי און אויך אַנדערש און אַפילו פונקט פאַרקערט. פאַרוואָס זאָלן עפּעס די געטער גראָד איצט דאָס אין זינען האָבן, נאָכדעם ווי זיי האָבן ביז אַהער אַזוי לאַנג געשוויגן?

— דערפאַר ווייל מיר רופן צו זיי איצט, זיי זאָלן אונז העלפן אין דער מלחמה, און זיי ווילן ניט, אַז אַנדערע צווישן אונז זאָלן רופן צו זייער גאָט קעגן אונז, — האָט האַמענאַס מיט אימפעט אַרויסגעפּלאַצט, וואָרעם דער פאַדעם פון געדולד האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן צו רייסן.

טאַבאַנען האָט מען ניט געקענט אַרויסברענגען פון זיין פילאָסאָפישער רו.

— דער אויסגעצייכנטער פעגאַן, — האָט ער געזאָגט, ציילנדיק יעדעס וואָרט, — דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די געטער פון די פרעמדע זיינען אָדער אָן שום מאַכט אָדער זיי האָבן יאָ עפּעס אַ שליטה. אין ערשטן פאַל קען אונז דאָס געבעט פון זייערע פאַרערער ניט נוצן און ניט שאַדן, בפרט קען עס ניט דערוועקן דעם גרימצאָרן פון אונזערע געטער. טאָמער אָבער האָבן זיי יאָ אַ מאַכט און זיינען בכוח עפּעס צו טאָן, דאַרפן מיר דאָך אויך מיט זיי ניט איינרייסן.

דער כאַקאַן האָט צושטימענדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און קיינער האָט שוין ניט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט אַנטקעגן. אָבער דער כאַקאַן אַליין האָט געזאָגט:

— היות ווי דעם חלום, וואָס האָט זיך מיר און פעגאַנען

געחלומט אין איין צייט, און אויך די ווערטער קען מען פּותר זיין אי אַזוי אי אַזוי, דעריבער מוז מען זוכן דעם וועג צו דער לייטזעליקער טאַט. דער קלוגער טאַבאַן איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז מיר האָבן ליב די געטער, אָבער אויך דעם אמת האָבן מיר ליב. דערום האָב איך באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן אויף דעם קומענדיקן ראַט אויסהערן פאַרטרעטער פון די אַנדערע באַ־קאַנטע אמונות.

האַמענאַס איז אויפגעשטאַנען און אויפגערעגטער.

— די יידן זיינען שונאים פון אַלע, וואָס געהערן ניט צו זייער גלויבן, אומעטום זיינען זיי פאַרהאַסט און פאַראַכט. אויס־צוהערן זיי פּאַסט ניט פאַר דעם כבוד פון דעם כאַקאַנאַט און פון דעם הויכן ראַט.

מילקאַמין האָט געהאַלטן מיט דעם פּעגאַנס מיינונג.

— אויב אַזוי, וועלן מיר אויסהערן אַ נוצרי און אַ מאָסלים,— האָט בולאַן נאָכגעגעבן.

— אָבער דערווייל מוז מען אויף די יידן שטאַרק אַכ־טונג געבן, — האָט מילקאַמין לסוף געזאָגט. — סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרבראַכט אין דעם יידישן קוואַרטאַל, האָבן מיר איבער־געגעבן, אַז די יידן גרייטן זיך דאָרטן צו אַ יום־טוב, אויף וועלכן— ווי איך בין משער — זיי וועלן אוודאי בעטן ביי זייער גאָט הילף פאַר די אַראַבער — די קרובים זייערע לויט גלויבן און גזע.

טאַבאַן האָט אַ שמייכל געטאָן:

— די קרובהשאַפט פון די יידן מיט די אַראַבער קען מען אפשר טאַקע אויפווייזן פון די אַלטע ספרים, אָבער מ׳קען ניט אויפווייזן, אַז דעריבער זאָלן די יידן קאַפּאַבל זיין צו ברעכן זייער געטריישאַפט קעגן זייערע שוצהאַרן.

— איך האַלט אַפילו מיט טאַבאַנען, — האָט דער כאַקאַן געשלאָסן די אסיפה, — אָבער מילקאַמין, וואָס מיינט אויף אַן אמת די טובה פון דעם לאַנד, זאָל באַקומען רשות אַכטונג צו געבן אויף די יידן.

VIII.

אַז דאַהאַבאַל איז פון דעם כאַקאַנס פּאַלאַץ געקומען אַהיים, האָט ער געשיקט רופן זיין שרייבער און טאָלמעטשער, אברהם אבן כַּספּי, און אים קורץ געזאָגט:

— איך ווייס, כּספּי, ווי אָפּצושאַצן די פאַרדינסטן דיינע און פון דיינע פריינד לטובת דער מלוכה. אָבער איר יידן זייט ניט באַליבט אין דער וועלט און די שנאה צו אייך האָט פון ביזאַנטיע געפונען דעם וועג אויך אַהערצו איבער אונזערע בערג. לעת־עתּה איז דער כאַקאַן אַליין און אייניקע פון זיינע יועצים נאָך גוט צו אייך. אָבער די שונאים רוען אויך ניט. אַלזאָ, היט זיך, כּספּי!

כּספּי, אַ שלאַנקער, געשמײַדיקער מאַן, מיט אַ טונקל קלוג פּנים, פון וועלכן די איידעלע אברים האָבן דייטלעך געוויזן אויף שפּאַנישער אָפּשטאַמונג, איז בלייך געוואָרן.

דאַהאַבאַל האָט באַרויִקנדיק געזאָגט:

— פאַר דיר, כּספּי, און דיינע געציילטע פריינד און גלויבנס־ברידער דאָ, אין דער שטאָט פון די כּוזרים, האָסטו ניט וואָס מורא צו האָבן, נאָר פאַר יענע דאָרטן הינטער דעם גאַבאַ־באַרג, וואו זיי לעבן אינגאַנצן אָפּגעזונדערט, אַרומגערינגלט פון זייערע געהיימע ספרים, לחלוטין פרעמד צו אונז אָדער גאָר פיינדלעך.

— מיט וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט די דאָזיקע רויִקע מענטשן, וואָס זיינען געטריי איבערגעגעבן דער מלוכה? — האָט כּספּי געפרעגט מיט ציטערנדיקע ליפּן.

— דאָס צו דערגיין איז די עובדא פון מילקאַמין, אים האָט מען איבערגעגעבן די השגחה איבער דעם יידישן קוואַרטאַל. ער וועט עס שוין אויספירן ווי עס דאַרף צו זיין. וואָס עס זאָל אָבער ניט געשעען, דו און אַלע פון דיין גלויבן, וואָס ברענגען אונז נוצן, וועלן געשיצט ווערן פון אונז...

— דאָס איז פאַר אונז אָבער אַ קנאַפּע טרייסט, — האָט

כספי זיך אָפּגערופן מיט אַ ציטערנדיק קול, — וויבאַלד אומשול־דיקע, אינגאַנצן אומשולדיקע...

— מיר ווייסן אַלצדינג · זייער געהוי, — האָט אים זיין האַר אָפּגעוועגדט מיט אַ פריינדלעכער האַנטבאַוועגונג... — אָבער דו ווייסט, כספי, גיכער וועט דער גאַבאַ זיך אַ רוק טאָן פון זיין אָרט און דער ים וועט שטראָמען צוהינטער, איידער עס וועט בטל ווערן אַ באַשלוס, וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן פון דעם כאַקאַן און דעם הויכן ראָט פון די זיבן חכמים. אַלזאָ, שווייגן, כספי, און פּאַרזיכטיקייט! קודם־כל ניט דערוועקן קיין שום חשד, אַז דו האָסט אַ וועלכן־עס־איז מגע־ומשא מיט דעם יידישן קוואַרטאַל. און צוריקגערעדט, איז בולאַן דער איידל־סטער און בעסטער פון אַלע מענטשנקינדער און סידההאַרטע וועט אַלץ פאַרקערן לטובה.

ווי נאָר כספי איז אַרויס פון דעם מינצהויז, האָט ער אָנ־געטראָפן דעם טאָלמעטשער באַלשאַן, אַ קרעפּטיקער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען גיכער אַ קאַווקאַזער אָדער אַ טשערקעס, איידער אַ ייד. באַלשאַן איז אַ אומעטיקער צוגעגאַנגען צו כספין און אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. ער האָט שוין אויך גע־וואוסט פון אַלצדינג, וואָרעם ער האָט געדינט ביי מילקאַמינען און האָט נאָר־וואָס געזעען די אַקטן.

אַ היבשע ווײַלע האָבן ביידע מענער שווייגנדיק אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, אַזוי ווי קינדער, וואָס זוכן הילף, און ענד־לעך האָבן זיי, עפּעס גאָרניט צונויפגערעדטערהייט, ביידע זיך געלאָזט גיין צום הויכן הויז ביי דער מורחדיקער שטאָטוואַנט. אין דעם הויז, אַרומגערינגלט פון אַ גאָרטן, האָט געוואוינט דער אויסגעצייכנטער רפאל אַסאַריוס, דער גערימטער דאָקטאָר, וועלכער איז זייער געווען באַליבט אין דער מדינה אויך אַלס לייב־מעדיקער פון דעם כאַקאַן און פון די גרויסע שררות. די דריי חשובע יידן פון דער כוזרישער שטאָט האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געישובט. דער דאָקטאָר, אַן עלטערער, קליינער מאַן, האָט זיך ניט ווייניק דערשראָקן, ווען ער איז פון די ביידע מענער גע־וואויר געוואָרן דעם צוועק פון זייער וויזיט, און ער האָט גע־

געבן אַן עצה, מ׳זאָל תיכף־ומיד גיין צו די יידן, וואָס האָבן קיין זאַך ניט חושד געווען, און זיי וואָרענען און צוגרייטן צו דער סכנה.

כספי איז געווען שאַרף קעגן דעם.

— ווער ווייס, צי מיר וועלן זיי דערמיט טאָן אַ טובה, מיר אַליין אָבער וועלן דורכדעם זיך שטעלן אין אַזאַ לאַגע, וואָס וועט ביי אונז אפשר אַוועקנעמען די מעגלעכקייט זיי צו העלפן שפּעטער. און מיר זיינען דאָך איצטער די איינציקע, וואָס דאַרפן דאָ בלייבן אויפן פּאָסטן און האַלטן די וואַך.

— וואָס האָט מילקאָמין בדעה צו טאָן? — האָט אַסאַריוס זיך נאָכגעפרעגט.

צוויי פּאָר אויגן האָבן פרעגנדיק זיך אָנגעשטעלט אויף באַלשאַנען.

— אויף זיכער קען מען נאָך וועגן דעם קיין זאַך ניט דערגיין, — האָט באַלשאַן געענטפערט. — אָבער איך קען מילקאָמינען גענוג גוט... הינטער אים שטייט דער אַלמעכטיקער פּעגאַן האַמענאַס. קודם־כל וועלן זיי נאָכשפּירן מיט שאַרפע אויגן און וועלן אויסניצן די מינדסטע געלעגנהייט צו נעמען ערבים. לעת־עתה האָבן זיי נאָך ניט רשות אויף גרעסערס. וואָרעם אין קאַקאַנאַט גרייטן זיך וויכטיקע געשעענישן און פון דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה קען מען זיך ריכטן אויף גרויסע איבערקערענישן אין דער מדינה...

— איך האָב מורא פאַר סאַנגורי, — האָט כספי באַמערקט.

— מיר וועלן פאַר אים שוין באַצייטנס זען אויסצוטרעטן אַ וועג צום קאַקאַנאַט, אויף יעדן פאַל, — האָט דער דאָקטאָר פאַרענדיקט. — היינט נאָך וועל איך פּרווון טאָן אין פּאַלאַץ, וואָס עס לאָזט זיך, און כספי, דער ייִנגסטער און געשיקטסטער פון אונז דרייען, וועט שוין זאָרגן ווייטער...

IX.

די גאַנצע יידישע געמיינדע פון באַלאַגאַר האָט זיך גע-
גרייט צו דער חתונה ביי סאַנגורין אין הויז, אַזוי ווי מ׳גרייט

זיך צו אַ עפּנטלעכער קהלשער שמחה, וואָס אַלע און יעדער איי־נער האָט אַ גלייכן חלק אין דעם. נחמה איז דאָך געווען דער יצר־טוב אין דעם רביס הויז, זי האָט אָנגעפילט אַלע זיינע ווינ־קעלעך מיט דער וואַרעמקייט, וואָס האָט אַלעמען אַזוי גוט גע־דינט. אַ שמחה אין דעם דאָזיקן הויז איז געווען אַן אַלגעמיינע שמחה.

שוין גאַנץ פרי אין דעם טאָג פון ראש־חודש האָט אַ קאַפּע־ליע פון פלייטן און טראָמפּייטן אויפן שולהויף מקבל־פנים גע־ווען דעם חתן, וועלכער איז געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, אונטערגעפירט פון סאַנגורי און ר׳ עמרם; דאָרטן האָבן אים די מתפללים און תלמידים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט מזמורים פון תהילים. די גאַסן, וואו עס האָט געדאַרפט דורכגיין די חתונה־פּראָצעסיע, זיינען געווען באַשאָטן מיט פרישן גרינס און אויף די פענסטער און טירן האָבן געפלאַטערט פענדלעך און געגלאַנצט פאַרבנרייכע טעפּעכער. יום־טובדיק איז געווען די שטימונג פון דעם יידישן קוואַרטאַל און פון די אויסגעפּוצטע מענטשן, וואָס זיינען מיט זייערע פול באַלאָדענע קערב געגאַנגען אַרויף גאַס אַוועקצוטראָגן אין דעם הויז פון דער חתונה זייערע מתנות — פּירות, בלומען און נאַש־וואַרג.

די שמחה גופא האָט זיך אָנגעהויבן נאָך האַלבן טאָג. ביי סאַנגורין אין הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע פרויען און מיידלעך פון דער קהילה, וועלכע האָבן געזונגען אין כאָר אַ שבח צו דער ליבער, פרומער כלה און באַשאָטן מיט בלומען אירע פּרעכטיקע האָר, איידער זיי זיינען געפאַלן אַ קרבן דער שער. פאַרפּוצטע מיידלעך האָבן שטום און פריינדלעך אַרומדערלאַנגט פּירות און זיסוואַרג אויף זילבערנע טאַצן.

בינתים האָבן זיך ביי ר׳ עמרמען אין הויז אַרום דעם חתן פאַרזאַמלט אַלע מאַנספאַרשוינען פון דער קהילה און פאָרשטייער פון אַלע יידישע ישובים אין כאַזאַריע. אויף אַ דיוואַן אונטער אַ רויט־בלויער חופּה איז געזעסן בן־חסדאי אין אַ שניי־ווייסן קיטל און אויפן קאָפּ אַ קרוין, געהאָפטן מיט גאָלד און אַרומגעקרעוצט מיט אַ איילבערט־צווייג. אים צו דער רעכטער האַנט און צו דער

לינקער זיינען געזעסן רבי סאַנגורי און ר׳ עמרם אין זייערע יום־טובדיקע אַטלאַסענע בגדים. סאַרווערס האָבן אַרומדערלאַנגט געבעקס און ווײַן און אויף אַ בימה האָט זיך אויסגעזעצט אַ קליינע קאַפּעליע כלי־זמרים מיט אַ האַרפּע, אַ פּויק און אַ צימבל, וועלכע האָט אויפגעשפּילט לכבוד יעדן ניי־אָריינגעקומענעם גאַסט. שלוחים פון פרעמדע קהילות האָבן אויסגעפּאַקט טייער דרשה־געשאַנק, צו־ווינטשנדיק דערבײַ ברכות. רבי סאַנגורי האָט דער ערשטער געהאַלטן אַ דרשה, דאַנקענדיק דעם בורא־עולם, וואָס רוט אויך אין גלות צווישן ישראל און אַפּילו דעם פאַרוואָרפענעם קיבוץ הינטער די בערג פאַרלאָזט ער ניט מיט זיין שוץ. ער האָט דערציילט פון בן חסדאיס מסירת־נפשדיקער נסיעה קיין בבל, פון דעם טייערן היליקן אוצר, וואָס ער האָט פון דאָרטן מיטגעבראַכט, האָט גלייך אָנגעצויגן אויף אַ הלכה פון דעם דאָזיקן קאָדעקס וועגן דעם ענין פון יידישער חתונה און מסיים געווען מיט הייסע ברכות פאַר זיינע קינדער און זייער נייעם הויז, ווי אויך פאַרן גאַנצן כלל־ישראל אין כאַזאַריע און אין גלות.

דאַן איז בן־חסדאי אַליין אויפגעשטאַנען צו האַלטן זיין דרשה, און האָט אין פייערדיקע ווערטער איבערגעגעבן נייע פּשטים, סברות און גירסות צו משנה און גמרא, וואָס ער האָט געהערט אין בבל, דער היים פון דעם תּלמוד. אַ שטורמישע שאַ־לונג פון שמחה לכבוד דעם קומענדיקן מנהיג האָט אויסגעבראָכן, ווען סאַנגורי האָט פאַרן גאַנצן עולם אַרומגענומען זיין איידעם און בענטשנדיק אים אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיין קאָפּ. ניט הערנדיק די שטילע ווערטער פון דער ברכה, האָבן אַלע פאַר־זאַמלטע אין איין קול געענטפערט אמן. דער צימבל און די פליטן האָבן ווידער אויפגעקלונגען און קרעפטיקע שטימען האָבן אין כאָר געזונגען מזמורים פון תהילים, מיט אַ באַזונדער כוונה און התלהבות דעם בבלישן ניגון „גאָט איז מיין פאַסטעך״, וואָס בן־חסדאי האָט מיטגעבראַכט און וועלכער איז זייער גיך געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט. אין דער זעלבער צייט האָבן די תּלמידים און פריינד בן־חסדאיס געמאַכט אַ רעדל און געגאַנגען אַ ריקודל. עס זיינען אויך אויפגעטראָטן לצנים און שפּאַס־מאַכער מיט פאַרשיידענע

שטיק און משמח געווען דעם עולם ביים טיש. ביז דער שטאַר־ קער קול פון יקותיאל, דעם בדחן, האָט אויפגערופן צום „מרקדין לפני הכלה". תּיכּף האָבן זיך די מאַנסביל אויסגעשטעלט אין אַ צוג, וואָס האָט זיך אונטער די טענער פון צימבל און פלייטן ארויס־ געלאָזט אין דער מיט גירלאַנדעס פּאַרפּוצטער גאַס הינטער דעם חתן, אַרומגערינגלט פון די אונטערפירער.

אין דעם הויז פון דער כלה האָט מען בן־חסדאי אַנטקעגנ־ געקומען מיט אַ האָגל פון בלומען, ראָזינקעס און פרוכט־קערלעך. נאָר איין שנעלן בליק האָט ער געכאַפּט אויף זיין כלה, וועלכע האָט געלויכטן שיין ווי אַ מלאך, וואָרעם די מאַנסביל האָבן גלייך פאַר־ לאָזט דעם פרויען־חדר, וואו עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן דער אַקט פון באַדעקנס. הינטער אַ מין שפּאַנישער וואַנט האָט זיך אויסגעשטעלט די קאַפּעליע אונטער יקותיאלס אָנפירונג, כדי צו באַגלייטן דעם פייערלעכן אַקט מיט אַלע רירנדיקע ניגונים פון מזרח און פון שפּאַניע. יקותיאל האָט אין גראַמען און אָן גראַ־ מען געזונגען און גערעדט דער כלה אַזוי צום הארצן, אַז אַלע האָבן זיך באַוואַשן מיט טרערן. נחמה איז געזעסן אין מיטן צימער אויף טעפּעכער און קישנס, אַרומגערינגלט פון אירע חברטעס, וואָס אויף זיי איז אויסגעפאַלן דער כבוד מקיים צו זיין די מצווה פון באַדעקנס. די מיט בלומען פּאַרפּוצטע פּאַליעס האָר זיינען אָן רחמנות געפאַלן אונטער דער שער. און באַלד האָט אַ שוואַרץ זיידן טוך, געהאָפטן מיט גאָלד, מיט קאָלירנדיקע בענדער, קלינגענדיקע גילדערנע מטבעות און אַלטע קמיעות באַ־ דעקט ביזן ברייטן שטערן דעם קורץ אָפּגעשוירענעם קאָפּ. און יקותיאל האָט געזונגען:

עס פאַלט דאָס שיינע האָר
פון יהודהס שענסטער טאָכטער,
ס'פאַרגייט די יוגנטצייט,
פּונקט ווי די זון צו מערב.
אַ זון אַן אַנדערע שיינט־אויף
און ס'לייכט אַ קרוין פון גינגאָלד
אַ מוטער צו באַצירן אין ישראל

מיט חן פון מידות טובות!
אין דער אַ שענסטער קרוין
שטאָט פּערל זיינען טרערן.
צהער, ישראלס טעכטער,
גיט כּבוד אַפ דער כּלה!

פון דער אַנדערער זייט איז אונטער די קלאַנגען פון דער פויק דער צוג פון די מאַנסביל מיט דעם חתן געגאַנגען צום בית־המדרש צו, וואו מ׳האָט אויפגעשטעלט די חופה אונטערן פרייען הימל. גלייך נאָכדעם איז אויך אַרויס דער צוג פון די פרויען מיט דער כּלה, וועלכע איז אַ טיף פאַרשלייערטע געזעסן אויף אַ חופה־שטול, וואָס פיר מיידן האָבן געטראָגן. אַלע באַגלייטערינס האָבן געטראָגן ברענענדיקע וואַקסענע ליכט אין די הענט און די פלייט האָט געשפּילט, ערנסט און מיושבדיק, לאַנגזאַם און פייערלעך. אָנגעקומען אויפן שולהויף, האָט מען אַראָפּגענומען די כּלה פון דעם חופּה־שטול און לויט דעם אַלטן מנהג זיבן מאָל אַרומגעפירט אין אַ ראָד אַרום דעם חתן. די זון איז שוין דערווייל פאַרגאַנגען, און פון קלאָרן אָוונט־הימל האָבן פינקלענדיקע שטערן אַרונטער־געקוקט אויף דער שמחה, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואַכט איבער דעם גליק פון צוויי מענטשן, וואָס איז אין דער דאָזיקער שעה געוועזן דאָס גליק און די האָפענונג פון אַלע.

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט, ווען רבי סאַנגורי האָט הויך אויף אַ קול מיט אַ ציטערנדיקער שטים מסדר קידושין געווען און חסדאי האָט זיך פאַרקנסט מיט זיין כּלה כּדת משה וישראל. דערנאָך האָבן צוויי פון די עלטסטע חשובֿסטע באַלעבאַטים גע־זאָגט די פאָרגעשריבענע שלוס־ברכות, און דער עולם האָט הויך און פון טיפן הארצן געענטפערט אמן. לויט דעם אַלטן מנהג אַלס זכר לחורבן ירושלים, האָט דער צימבל און די פלייט צוגע־שפּילט אַ טרויעריקן ניגון פון תשעה באב און גלייך אַריבער צו אַ פריילעכס, מיט וועלכן די קאַפעליע האָט באַגלייט דאָס יונגע פאָרפאָלק אין דער ישיבה אַריין.

דעם רעשט אָוונט זיינען די מאַנסביל און פרויען געבליבן

צוזאַמען, אָפּגעשיידט נאָר דורך אַ דינעם דורכזיכטיקן פֿאָרהאַנג. די דינער האָבן דערלאַנגט מאכלים און נאַשוואַרג. די כּלי־זמרים האָבן געאַרבעט אויף זייערע כּלים, די שפּאַסמאַכער האָבן גע־טריבן זייערע קאַטאָוועסן, און די תּלמידים זיינען געגאַנגען דעם כּלה־טאַנץ, מיטן יונגן פֿאָרפּאָלק אין רעדל; דערביי האָט מען איטלעכס מאָל מכבּד געווען עמעצן אַנדערש אויפצוזינגען אַ נייע סטראָפֿע פֿון דעם כּלה־ליד, און אַלע פֿאַרזאַמלטע האָבן צוגע־פּאַטשט מיט די הענט.

עס האָט שוין געהאַלטן ביי דער ריי פֿון דער כּלהס פֿאָ־טער, רבי יצחק סאַנגורי, ערשט צו אים איז צוגעגאַנגען אַ דינער און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער — אַז אין דרויסן שטייט אַ פֿרעמדער, אַן אָרעמער אורח, וועלכער וויל מיט אים ריידן. סאַנגורי האָט אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל דעם פֿרעמדן אויפנעמען בסבר פּנים יפות, געבן אים צו עסן און צו טרינקען, און ער זאָל בלייבן דעם אָוונט אַלס גאַסט אין דעם הויז. אָבער דער דינער איז באַלד געקומען צוריק מיט אַ תּשובה, אַז דער פֿרעמדער מוז תּיכף־ומיד ריידן מיטן רבין, ניט אַנדערש. סאַנגורי איז צוגע־גאַנגען צו דער פֿענסטער־נישע, וואו עס איז געזעסן דער פֿרעמ־דער מאַן אין אַ לאַנגן מאַנטל מיט אַ קאַפּיושאָן, דאָס פּנים אָפּ־געקערט.

— שלום עליכם! — האָט דער רבי אים באַגריסט און געגעבן אים די האַנט. — ווער דו זאָלסט ניט זיין און פֿון וואַ־נען דו זאָלסט ניט קומען, ביסטו אַן אָנגעלייגטער גאַסט אויף אונזער יידישער שמחה.

— אַ גרויסן דאַנק, רבי, אָבער איך בין ניט געקומען וועגן עסן און טרינקען, איך האָב אַ ענין. — ער האָט פֿון אַ שיידל אַרויסגענומען אַ גילדערנעם רינג און דערלאַנגט סאַנגורין.

סאַנגורי האָט קוים אַ קוק געטאָן אויפֿן רינג:

— אַ טייערער חפץ. אָבער איך דאַרף ניט קיין רינגען. אויב די נויט צווינגט אייך אים צו פֿאַרקויפֿן, קען מען אייך אַזוי העלפֿן...

— כ'נייטיק זיך ניט אין נדבות, — האָט דער פרעמדער זיך אָפּגערופן מיט אַ פאַרענדערטער שטים, — אָבער זעט, רבי, איר וועט דעם רינג דאַרפן האָבן.

— איך פאַרשטיי ניט אייערע ווערטער.

— נאָך שמחה קען קומען טרויער, און די נויט יאָגט אָפּט־מאָל אָן דאָס גליק... נעמט דעם רינג, ער וועט אייך אין אַ פינ־סטערער שעה ברענגען ליכט!

— אפשר קענט איר ריידן דייטלעכער?

— אויפן הימל פון גליק פאַרציט זיך אַ כמאַרע. היט זיך, רבי, און באַהאַלט דעם רינג, ער קען אייך העלפן און מציל זיין אין אַ סכנה.

— איר וואַרפט אויף מיר אַ מורא, פריינד, זייט איר אַ שליח פון הימל אָדער פון שטן, וואָס זאָגט אָן אומגליקן?

— איך בין אַ שליח פון דעם אייבערשטן, וועלכער שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. נעמט דעם רינג, ער קען אייך אין אָן אומגליק זיין אַ גליק!...

סאַנגורי האָט ציטערנדיק באַטראַכט דעם רינג.

— דער נאָמען פון דעם כאַקאַן בולאַן איז דערויף אויס־געקריצט, — האָט ער געזאָגט פאַרחידושט.

— יאָ, — האָט דער פרעמדער געזאָגט, — און ער עפנט ניט איין פאַרשלאָסענע טיר...

סאַנגורי איז אויפגעשפרונגען.

— דאָס איז דאָך דער קול פון מיין ליבן כספי. זאָג, וואָס איז געשעען, פאַרהאַן אַ סכנה?

— ווי גאָט איז אייך ליב, רופט מיין נאָמען ניט אָן און גאָט זאָל אייך שומר ומציל זיין — — —

געזאָגט עס, אַריינגערוקט דעם רינג דעם רבין אין דער האַנט און אויף די שפּיץ פינגער פאַרשוואונדן דורך דער הינטער־טיר, אַזוי ווי ער איז געקומען.

אינעווייניק האָט מען נאָך אַלץ געהאַלטן אין טאַנצן, די הענג־לייכטערס האָבן געברענט און די פלייט האָט געשאַלט און פאַר־הילכט דאָס זינגען פון די מאַנסביל און דאָס פּאַטשן פון די פרויען.

רבי סאַנגורי האָט נאָך אַ מאָל געמוזט גיין אַ רעדל מיט דעם יונגן פּאָרפאָלק, יקותיאל האָט אָנגעהויבן צו זינגען אַ העברעיִשן זמר אין גראַמען לכבוד דעם מחותן פון כלהס צד, און דער כאָר האָט איטלעכס מאָל מיט באַגייסטערונג אונטערגעכאַפּט דעם רעפריין: „געבענטשט זאָל זיין רבי יצחק, דער אויסדערוויילטער פון דעם אייבערשטן!" מיטאַמאָל איז אין די עקסטע רייען געוואָרן אַ טומל. אינמיטן חדר האָט מען נאָך געטאַנצט און געזונגען, בשעת פון פאָרנט האָט מען גענומען לויפן אַזוי ווי משוגע פאַר פּחד. אין הויז האָבן פּלוצלונג אַ בליק געטאָן שפּיזן, ס'האָבן זיך באַוויזן סאָלדאַטן אין לעדערנע בגדים, פול אָנגעזעצט מיט קינזשאַלן און מעסערס. אינמיטן טאַקט איז אַנטשוויגן געוואָרן די פלייט, דער טאַנץ האָט זיך אָפּגעהאַקט און די מענטשן זיינען זיך פונאַנדערגעפלויגן, אַזוי ווי ביינען פון אַן אויפגערודערטן בינשטאָק. אָבער אין דרויסן איז געשטאַנען אויסגעשטעלט אַ גאַנצער קאָרדאָן פון די דאָזיקע קריגער, אַזוי אַז קיינער פון די אַנטלויפער האָט זיך ניט געקענט אַרויסכאַפּן דורך דעם טויער פון שולהויף.

אַ מאַן מיט אַ ריזעדיקער פעלענער מיץ אויף דעם קאַנטיקן קאָפּ און אַ סך פרענז און קאָלירנדיקע בענדער אויף דעם אָרעם און די אַקסלען איז צוגעגאַנגען ביז צום אויבנאָן און געפרעגט, ווער זיינען דאָ די מנהיגים פון דער קהילה.

קיינער האָט ניט געענטפערט.

אַזוי ווי פאַרגליווערט אָדער זיך צונויפגערעדט צו שטומען, האָבן אַלע געשוויגן.

לסוף איז ר' עמרם לאַנגזאַם אַפּירגעטראָטן און האָט ערקלערט, אַז זיינע ברידער האָבן אים אָנגעטרויט מיט דער פירונג פון זייערע ענינים, בעט ער, מ'זאָל אים לאָזן הערן, וואָס פאַרלאַנגען פון אים די הויכע שררות.

— דיך פאַרלאַנגען זיי, — האָט דער קאָמאַנדיר אָפּגעענטפערט. — איך בין געשיקט צו אַרעסטירן די פירער פון דער געמיינדע.

— מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט? — האָט גע־פרעגט ר׳ עמרם, וועלכער האָט גוט געקענט כּוזריש.

— ס׳איז ניט מיין זאַך דאָס צו וויסן און צו זאָגן, איך דאַרף ברענגען די מנהיגים.

בלייך ווי קאַלך איז אַפּירגעטראָטן סאַנגורי.

— איך בין דער גייסטיקער פירער פון דער קהילה און טראָג די אחריות פאַר אַלץ, וואָס אין איר קומט פאָר. אויב דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין רעליגיעזע זאַכן, קען עס נאָר מיר נוגע זיין.

— די פירער, אַזוי איז דער באַפעל, — האָט דער סאָל־דאַט שטרענג געזאָגט. און גלייך האָט מען די ביידע מענער גע־בונדן און פון דעם יום־טובדיק באַלויכטענעם זאַל דורך דעם שטום געוואָרענעם עולם, דורך דעם קאָרדאָן פון די קריגער געפירט אויף דער יום־טובדיק באַלויכטענער, מיט גירלאַנדעס באַפּוצטער גאַס, צו דער כּוזרישן שטאָט־טייל אַרויס...

אין דעם יידישן קוואַרטאַל האָט זיך אויסגעלאָשן יעדער שפּור פון לעבן. די קאָלירנדיקע ליכט אין די פענסטער זיינען פאַרשוואונדן און די מענטשן, וואָס זיי האָט נאָך געקלונגען אין די אויערן די טענער פון צימבל און פלייט, האָבן זיך פאַרקליבן אין די הייזער, אין שטומען צער.

X.

אין הויף פון דער פעסטונג, וואָס אירע אינעווייניקסטע קאַמערן און קעלערס האָבן געדינט אַלס תפיסה פאַר אַלערליי פאַרברעכער, האָט אויף דער ערד געפלאַקערט אַ רויטער פייער, וואַרפנדיק אַ פאַנטאַסטישע שיין אויף די קריגער, וואָס האָבן דאָרטן גרופּעסווייז געהאַלטן די וואַך. אַהערצו זיינען איצטער אָנגעקומען די סאָלדאַטן מיט רבי סאַנגורי און ר׳ עמרם און זיינען אויפגענומען געוואָרן פון מילקאַמין.

— אַהערצו צום פייער, — האָט מילקאַמין קאָמאַנדירט, — דאָ איז אַזוי פינסטער, אַז מ׳קען ניט אונטערשיידן צווישן פריינד און פיינד.

— דאָס זיינען פריינד פון די כוזרים, וואָס זיינען פון דאַנקבאַרן האַרצן מתפלל פאַר דעם גליק פון דעם לאַנד, — האָט ר׳ עמרם דערוועגט זיך אָפּצורופן.

— פריינד? — האָט מילקאַמין בייז געלאַכט, — פריינד, וואָס טאַנצן און שפּילן, באַלייכטן העל די פענסטער און באַפּוצן די טויערן מיט קרענץ, בשעת אונזערע זין פאַרגיסן זייער בלוט אויף דער מלחמה און אונזערע זקנים דאָדערט קומען אָפּ מיט תפילות און קרבנות? מיר האָבן היינט אויפן גאַבאַ נאָכגעלוגט די פריינדשאַפט אייערע... דערציייל, כיסמאָס, וואָס דו האָסט דאָרטן געזעען.

— העל, ליכטיק, ווי אינמיטן טאָג, איז אין די יידישע גאַסן, — האָט דער סאָלדאַט דערציילט, — אומעטום שיינען די ליכט, האַרפּעס שפּילן, מ׳הוליעט און מ׳טאַנצט...

— בשעת אונזער פאָלק לעבט אין דאגות און שפּאָרט אָפּ דעם לעצטן ביסן פון מויל פאַר סידהאַרטעס מזבח! — האָט מילקאַמין צוגעגעבן.

— מיר האָבן געפייערט אַ חתונה, גרויסער האַר, און דערביי אויך ניט פאַרגעסן אָן דער נויט פון דעם לאַנד, האָבן צוזאַמענגעזאַמלט אַ היבשע סומע, וועלכע מיר האָבן היינט געזאָלט אָפּפירן, — האָט ר׳ עמרם געפּרוווט זיך פאַרענטפערן.

— אייער געלט לאָקט אונז ניט, — האָט מילקאַמין גראָב זיך אָפּגערופן, — ווען אונזערע געטער קענען אייך ניט ליידן דאָ וועלן אייערע נדבות זיי באַר צערייצן, און זיי וועלן דעם מזל פון דער מלחמה אָפּטאָן פון אונז.

— מיר בעטן צו אונזער גאָט פאַר דעם גליק פון דעם כוזרישן פאָלק, — האָט זיך אַריינגעמישט רבי סאַנגורי, וועלכער איז פון דער אומגעריכטער איבערלעבונג אין רעכטן מיטן דער שמחה געוועזן ווי געליימט. דאָס איז געווען די ערשטע ווערטער, וואָס ער האָט פון דאַן אָן אַרויסגערעדט. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם קול.

— צו אייער גאָט, האָט מילקאַמין געחוזקט, — אין אַ לשון, וואָס איז אַזוי ענלעך אויף דעם שונאס, אַז מיר מערקן קוים די

נפקא-מינה. קענען זיך דען אייערע מחשבות און כוונות שטאַרק אונטערשיידן פון די מחשבות און כוונות פון די אַראַבער?

— מיר ווייסן קיין זאַך ניט וועגן די מחשבות פון די אַראַבער,—האָט געזאָגט סאַנגורי, און זיין לשון האָט ביסלעכווייז באַקומען די אַלטע זיכערקייט און פעסטקייט, — מיר טיילן זיי בשום אופן ניט. מחמד האָט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק באַקעמפט און פאַרטיליגט די יידישע שבטים אין זיין אַראַבישן לאַנד, ווייל ער האָט זיך מייאש געווען, וואָס זיי קומען ניט מאַסנווייז צו אים און צו זיין אמונה. זיין יורש, דער קאַליף אָמאַר, איז געווען צו די יידן גוט געניייגט, און דאָרטן, וואו זיי האָבן גענאָסן פון זיין חסד, האָבן זיי אים ברייט געדאַנקט דערפאַר. אין אַלע אַנדערע לענדער הייסט אונז אונזער תורה צו זיין געטריי דעם פאָלק, צווישן וועלכן מיר לעבן און האָבן אַ מקום-מנוחה.

— מיר האָבן אויך ניט געמיינערט צו ווייזן אונזער געטריישאַפט און דאַנקבאַרקייט, צו דעם איידעלן פאָלק פון די כוזרים, — האָט צוגעגעבן ר׳ עמרם, — וואָס נאָך פאַר אַ ערבות פאַרלאַנגט מען פון אונז אויף אונזער געטריישאַפט?

— אייך גופא וועלן מיר דאָ איבערלאָזן אַלס ערבות,— האָט מילקאַמין קורץ און שאַרף פאַרענדיקט די חקירה-ודרישה,— ביז די מלחמה וועט נעמען אַ סוף און די געטער וועלן דורך דעם אויסגאַנג פון דעם קריג אונז געבן אַ וואונק, ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך צו אייך באַנעמען.

מילקאַמין האָט געגעבן אַ צייכן, און שטאַרקע פויסטן האָבן אָנגעכאַפּט דיביידע מענער און זיי אַוועקגעפירט דורך דעם לאַנגן הויף. עס האָט זיך געעפנט אַ טיר אין אַ טונקעלער פייכטער קאַמער אַריין, די נייע וואוינונג פאַר די ביידע מנהיגים פון די כוזרישע יידן.

אין דער קאַמער איז געווען אַזוי פינסטער, אַז זיי האָבן גאָרניט געקענט באַקוקן זייער קומענדיקע היים. די טיפע שטילקייט איז געווען אַ סימן, אַז קיין שום מוטער-מענטש איז דאָ, אַחוץ זיי, ניטאָ. פונדעסטוועגן האָבן די געפאַנגענע גערעדט זייער

שטיל, גלייך ווי דער הויך פון דער נאַכט וואָלט קענען אַרויס־טראָגן זייער קול צו פרעמדע אויערן.

— מיר מוזן דאַנקען גאָט,—האָט סאַנגורי זיך געטרייסט,— וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו זיין די שלוחים פון ישראל, אפשר אויך זיינע קדושים. מיר האָבן זיך שוין צו פיל פאַרלאָזן אויף אונזער זיכערקייט און דערום האָבן מיר געמינערט אין אונזער בטחון אויף גאָט.

— און אפשר טאַקע האָבן מיר זיך אויף דער חתונה משמח געווען אַ סך מער, ווי עס פּאַסט פאַר יידן אין גלות, — האָט ר׳ עמרם געזאָגט.

— אָבער ווען אפילו מיר דאַרפן איצטער אָפּקומען פאַר אונזערע און זייערע חטאים,—האָט סאַנגורי איינגעווענדט,—טאָרן מיר זיך פונדעסטוועגן ניט אַריינלאָזן אין חקירות, נאָר מיר מוזן האַנדלען מיט אַ קלאָרן קאָפּ און זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון אין אונזער לאַגע. הגם עס איז מיר נאָך שווער צו באַנעמען דאָס, וואָס איז דאָ געשעען, און די סיבות, וואָס האָבן דערצו געקענט ברענגען. די פּאַסירונגען זיינען ווי אין אַ געדיכטן נעפּל איינגע־הילט פאַר מיינע אויגן.

— ווען איך באַטראַכט די זאַך מיט קאָפּ,—האָט ר׳ עמרם זיך אָפּגערופן, — קומט זי מיר פאַר ניט אַזוי שלעכט, ווי עס ווייזט אויס אין פלוג. לויט אַ אומבאַגרייפלעכן פסק פון דעם כאַ־קאַנס חכמים דאַרפן מיר ערב זיין פאַר דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה. די מלחמה ליגט אָבער אין דער אויסגעפּרוּווטער האַנט פון דעם באַהאַרצטן סאַלימאַן, דעם יורש־עצר. הלוואי זאָל דער אייבערשטער בענטשן זיין געווער מיט נצחון, און דאַן וועט אויך אונזער גורל זיך ווענדן צו גוטן. איך בין פול מיט האָפענונג און בטחון...

— מיר וועלן מוזן זען, ווי אַזוי איבערצולעבן די צייט אין דער תּפיסה אַלס יידן, — האָט סאַנגורי געזאָגט ערנסט און מיט ישוב־הדעת, — אַלע מינים עסנוואַרג, אַחוץ ברויט, וואַסער און פּירות, ווען מיר פאַרשטייט זיך, ניט אָננעמען. אפשר וועט מען אונז אויך דערלויבן, מ׳זאָל אונז ברענגען ספרים צום לערנען.

— ווען עס וועט ווערן טאָג, — האָט ר׳ עמרם געדאגהט, — האָבן מיר אַפּילו ניט קיין טלית און תּפילין צו דאַווענען.

— איך האָב עס יאָ מיט מיר, — האָט סאַנגורי געענטפערט.

— איר האָט עס מיט אייך? האָט איר צייט געהאַט זיך מכין צו זיין צו דעם אומגליק? פאַר מיר איז דאָס אַלץ געווען אַזוי אומגעריכט, אַז איך בין נאָך אַלץ אַזוי ווי דול.

סאַנגורי האָט זיך פאַרקלערט, גלייך ווי ער האָט געוואָלט אַרויסרופן אין זיין געדעכעניש ווייטע זכרונות.

— ווי אַזוי איך האָב מיט זיך גענומען דעם טלית און תּפילין, ווייס איך, דאַכט זיך, אַליין ניט. האָט זיי מיר עמעץ מיטגעגעבן אָדער איך האָב עס אַליין געטאָן? איך געדענק דאָס ניט. מחשבותן, איר ווייסט, ווי אַזוי דער אָרעמער אורח איז אַריינגעקומען אין הויז אַריין?

— איך האָב געזען אייניעם, ווי ער האָט זיך מיט אייך געסודעט.

— יאָ, ער האָט גערעדט און גערעדט, און איך האָב קוים פאַרשטאַנען, איך געדענק נאָר, אַז ער האָט מיר אָנגעמוט אַ רינג, לסוף מיך געצוואונגען אים אָנצונעמען, און גלייך ווי געפירט פון אַ פאַרבאָרגענער האַנט האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן צו מיין טלית־זעקל; איך האָב מיר צעבראָכן דעם קאָפּ צו דערמאָנען זיך, וואָס ער האָט מיר געזאָגט. אפשר האָב איך צו פיל וויין אויסגעטרונקען. אַלץ קומט מיר פאָר ווי אַ חלום... דער חלום און זיין פּתרון איז פון מיר אַנטרונען...

ביידע מענער זיינען פּלוצלונג שטיל געוואָרן. אין דער דערבייִקער קאַמער האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן. גלייך ווי דער לוק צום פירהויז וואָלט זיך שטיל געעפנט און אַ שאָטן זיך דורכגעשלייכט אין דעם חושך פון זייער תּפיסה, אומהיימלעך ווי אַ רוח.

אפשר האָט זיי אונטערגעהערט איינער פון די שומרים? האָט זיך געגרייט אויף זיי אַ נייע צרה? זיי האָבן אָן אָטעם געוואַרט אויף אַ באַפעל, אויף אַ התראה. דער נאַכט־רוח איז געבליבן שטיל, אומבאַוועגלעך.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט עפּעס אַ מין שטילער ניגון פון דער נאַכט־געשטאַלט. וואָס איז דאָס פאַר אַ ניגון? עפּעס אַזוי באַקאַנט, אַזוי נאָענט, אַזוי ליב, אַ בשורה טובה פון אויבן, אַ גרוס פון דער היים?

זיי האָבן געוואָלט דעם שליח פון הימל עפּעס זאָגן, אָבער ער איז שוין נעלם געוואָרן, אַריינטריפנדיק דעם באַלזאַם פון האָפענונג און פרייד אין די פאַראומערטע הערצער.

וואָס האָט די פרעמדע געשטאַלט געזונגען? עס איז געווען אַ ניגון אָן ווערטער, די באַקאַנטע און באַליבטע מעלאָדיע פון בבל, וואָס בן־חסדאי האָט מיטגעבראַכט און זי איז פון דאַן אָן יעדן איינעם געווען איינגעבאַקן אין הארצן.

„גאָט איז מיין פאַסטעך, עס טוט מיר ניט פעלן.
אויף גראָזיקע לאָנקעס מאַכט ער מיך הויערן.
אויף וואַסערן רויִקע טוט ער מיך פירן...״

און ווער איז עס געווען דער מאַן, וואָס ער האָט ניט גע־טאָרט ריידן און האָט זיין שליחות אַרויסגעזונגען אין טענער אָן ווערטער?

דער לוק האָט זיך, ווייזט אויס, פאַרמאַכט, די געשטאַלט איז פאַרשוואונדן, און אין קאָפּ ביי די איינזאַמע האָט געברומט און געזומט דער ניגון און אַזוי געעקבערט זיי אין מוח, גלייך ווי ער האָט געוואָלט דורכברעכן אַ טיר פון דער נאַכט און גייט אַרויס...

— יידן זיינען אַרום אונז, זאָרגן און טראַכטן, ווי אַזוי אונז צו העלפן, — האָט ר׳ עמרם געזאָגט.

— איצטער דערמאָן איך זיך דייטלעכער אויף אָן דעם אורח, — האָט סאַנגורי געזאָגט, — ער האָט געוואָרנט פאַר עפּעס... ער האָט מסתמא געוואוסט פון דער סכנה און דעריבער האָט ער מיר געבראַכט דעם רינג...

— האָט איר דעם רינג ביי אייך?

— איך האָב אים אַריינגעלייגט אין דעם טלית־זעקל.

מיט אַ פרייליכערן האַרצן האָבן זיי באַגעגנט דעם פרי־מאָרגן. ביים ערשטן שימער פון פאַרטאָג האָט סאַנגורי אַרויסגע־

נומען דעם רינג, און ר׳ עמרם האָט אים באַטראַכט פון אַלע זייטן.

— דאָס איז דעם כאַקאַנס רינג, — האָט ר׳ עמרם געזאָגט, — בולאַנס נאָמען איז דייטלעך אויסגעקריצט אויף אים. ווער עס האָט דעם רינג — דאָס ווייס איך פון מיין קענען די כוזרישע מנהגים — איז געשיצט פון יעדער גוואַלדטאַט און האָט אַ צוטריט צום כאַקאַנס פּאַלאַץ.

— געלויבט איז גאָט, וואָס שיקט צו די ישועה פאַר דער מכה, — האָט רבי סאַנגורי געזאָגט.

— און גוטע מענטשן, ברידער, וואָס שטייען אונז ביי אין דער נויט און זאָרגן פאַר אונז, — האָט ר׳ עמרם צוגעגעבן. — —

די האָפענונגען זיינען טאַקע באַלד מקויים געוואָרן, וואָרעם נאָך פאַר האַלבן טאָג זיינען געקומען באַדינערס, וואָס האָבן לויט אַ באַפעל פון העכער מיט אַלע כבודן אַריבערגעפירט די ביידע געפאַנגענע אין דער אַמאַר־ציטאַדעל, וואו מ׳האָט זיי אָפּגעגעבן אַ חדר, וואָס איז געווען באַזאָרגט מיט אַלעם נייטיקן. אויך האָט מען זיי געמאָלדן, אַז אַלע טאָג וועט מען זיי צושטעלן געקעכץ אויס דער קיך פון דעם לייבדאָקטאָר אַסאַריוס. ווען מ׳האָט זיי געפרעגט, וואָס ווינטשן זיי נאָך, האָבן זיי בלויז געבעטן, מ׳זאָל צולאָזן צו זיי די נייטיקע ספרים צום לערנען, און זייער בקשה איז תיכף דערפילט געוואָרן.

.XI

אין דער שכונה האָט זיך אויסגעלאָשן איין ליכט נאָכן אַנדערן. אַ טיפער חושך האָט זיך אויך געלייגט אויף די הערצער, וואָס מ׳איז אַזוי אומגעריכט אַרויסגעריסן געוואָרן פון ליכטיקייט און פרייד. קיינער האָט ניט געוואוסט אַקוראַט, וואָס און ווי אַזוי דאָס איז געשעען, און ווייניקער פאַר אַלעמען — בן־חסדאי און זיין יונגע ווייב; פון אַ הימלישן חלום האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט אין אַ ווירקלעכקייט, וועלכע מ׳האָט נאָך גאָרניט געקענט באַנעמען מיט די אויגן, וואָס זיינען נאָך צוגעוויינט געווען צו דעם ליכט...

דער פּאָטער און ר׳ עמרם אַוועקגעפירט, די גאַנצע קהילה און זיי גופא אין סכנה. זיי האָבן דאָס געמוזט איינמאָל און נאָכ־אַמאָל איבערזאָגן, אַזוי ווי קינדער די לעקציעס זייערע, ניט פאַרשטייענדיק דעם זין פון דער גאַנצער זאַך. וואָס האָבן זיי געטאָן? און וואָס וועט איצטער זיין?

בן־חסדאיס פריינד זיינען געזעסן אַרום אים און קוים גע־קענט אויסריידן אַ וואָרט. בת־שוע איז אַ פאַראומערטע געלעגן אין נחמהס אָרעמס.

— דער פּאָטער, דער גוטער פּאָטער,—האָט זי געקרעכצט.

צווישן די תלמידים איז געווען אָבער א י י נ ע ר, וואָס האָט יאָ געפונען ווערטער.

— דאָס האָבן מיר אַלץ צו פאַרדאַנקען דעם פרעמדן, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן קאָזאַריאַס, געקומען צו אונז, אַלצ־דינג אויסגעשפּירט, כּדי אונז לסוף שענדלעך צו מסרן. ער און ניט קיין אַנדערער האָט אויף אונז אַלעמען דאָס אומגליק גע־בראַכט, די גאַנצע צייט האָט ער זיך טאַקע אויסבאַהאַלטן ווער ווייס אים וואו... איך האָב אייך מתרה געווען...

דער, וואָס האָט אַזוי גערעדט, איז געווען מ כ י ר, דער „טאָטער״, און אַ סך האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד.

אַז ער האָט נאָך ווייטער געוואָלט האַלטן זיין באַשולדי־קונגס־רעדע, האָט אים געטראָפן אַ פאַרניכטנדיקער בליק פון בת־שועס פייערדיקן אויג, און ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

בן־חסדאי האָט גאָרניט געהערט מכירס האַרבע ווערטער און האָט אַלץ געטראַכט, וואָס מ׳טוט. צומאָרגנס, גאַנץ פרי, האָט מען זיך געלאָזט גיין אין דער כּוזרים־שטאָט אַריין, גע־וואויר צו ווערן גענויער וועגן דעם גורל פון די אַוועקגעפירטע.

דער ערשטער גאַנג פון בן־חסדאי און די פריינד זיינע איז געווען צו רפאל אַסאַריוס. דער זייער פאַרנומענער מאַן האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, געגעבן אַ קורצע, קלאָרע תשובה און זיי דערציילט וועגן דער ווענדונג צו בעסערן אין דער באַהאַנדלונג פון די ערבים. דערווייַלע איז ניטאָ קיין שום סכנה

ניט פאַר די געפאַנגענע, ניט פאַר דער קהילה. די סכּנה קען, חס ושלום, קומען נאָר דורך אַ מפּלה אין דער מלחמה קעגן די אַראַבער, וואָרעם דער פעגאַן האַמענאַס און מילקאַמין וואָלטן עס אויסגעניצט קעגן די יידן. אָבער דעם כאַקאַנס זון און יורש־עצר איז אַזוי באַהאַרצט און העלדיש, אַז מ׳מעג האָפן אויף גוטס. בכלל — האָט דער לייבדאָקטאָר געגעבן אַן עצה — דאַרף מען ניט צו אָפט קומען אין דער שטאָט פון די כּוזרים, לעת־עתּה אײַנגאַנצן זיך אָפּהאַלטן פון השתדלות צו באַפרייען די גע־פאַנגענע און לאָזן די זאַך ווי עס גייט. פאַר דעם גורל פון די תּפוסים וועלן זיי שוין זאָרגן דאָ אויפן אָרט. מיט דער דאָזיקער נחמה האָט בן־חסדאי זיך אומגעקערט אַהיים.

אָבער די ישיבה איז געבליבן פאַרלאָזן, און אין די הייזער האָט געהערשט טרויער און צער. מ׳האָט הייס מתפּלל געווען צו דעם אייבערשטן פאַר דעם נצחון פון דעם כּוזרישן געווער קעגן די אַראַבישע אָנפאַלער און מיט שפּאַנונג און פּחד האָט מען אַרויסגעקוקט אויף יעדער ידיעה פון דעם שלאַכטפעלד, אויף יעדער גאַכריכט איבער דעם מצב פון די עניינים, אָן וועלכע עס האָט זיך געווענדט דער גורל פון דעם יידישן קיבוץ אין כּאַזאַריע

און בן־חסדאי האָט זיך באַשלאָסן אויף אַ פּלאַן, פאַר וועלכן ער האָט זיך לכתּחילה אַליין דערשראָקן, אָבער וואָס מער ער האָט אים באַטראַכט, אַלץ מער האָט ער זיך אים געלייגט אויפן שכל. בשעת מ׳האָט זיך אין דער קהילה מיישב געווען וואָס מ׳זאָל טאָן מיט דעם צונויפגעזאַמלטן געלד, וואָס איז באַשטימט געווען אַלס צושטייער פאַר דער מלחמה און מיל־קאַמין האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס אָנצונעמען, האָט בן־חסדאי נאָך אַ געהיימען ישוב־דעת מיט זיינע פריינד געמאָלדן, אַז ער אַליין וועט אייגנהענטיק איבערגעבן דאָס געלד דעם העכסטן פירער פון דעם חייל, דעם יורש־עצר סאַלימאַן. לכתּחילה האָט מען געלאַכט פון דעם דאָזיקן געוואַגטן פּלאַן, אָבער מיט זיין פעסטקייט און אומדערשראָקנקייט האָט בן־חסדאי סוף־כּל־סוף באַקומען די הסכּמה אַפילו פון די קלענסטע מאמינים אין דעם.

ער האָט צוגעצויגן צו דער זאַך אַ קליינע גרופּע תּלמידים

און פריינד, און מיט זיי פלעגט ער אַלע טאָג אַרויסגיין אין דעם רוישט ביים צופוסנס פון גאַבאַ=באַרג, וואו זיי האָבן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען און אַפּילו זיך געאיבט אין באַנוצן אַ שווערד און אַ שפּיז, אַזוי גוט ווי זיי האָבן געקענט. ביי זיך אין האַרצן האָט חסדאי ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן קאָזאַריאָסן. ווי שטאַרק וואָלט ער איצט אים צו ניץ געקענט קומען! אָבער קאָזאַריאָס איז אַפילו אויף דער חתונה ניט געווען, האָט גאָרניט געגעבן צו וויסן פון זיך און דורך זיין פאַרשווינדן האָט ער אַרויפגעבראַכט אויף קלאַנגען, וועלכע ער, בן=חסדאי, האָט געמוזט אויפנעמען ווי שווערע פאָרוואורפן אויף קעגן זיך.

די דאָזיקע נייע טעטיקייט, צו וועלכער זיי זיינען גאָר ניט געוויינט געווען, האָט די תלמידים אינגאַנצן אָפּגעצויגן פון גריבלען זיך איבער מכירס באַשולדיקונגען.

וואָס לענגער זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער אַרבעט, אַלץ מער נחת=רוח האָבן זיי דערין געפונען. די ברוסט איז געוואָרן ברייטער, דער טראָט — פעסט און זיכער, דער קול — הילכיק און קלאָר.

— עס איז פאַר אונזער אייגענער זאַך! — האָט געזאָגט בן=חסדאי, וועלכער האָט אָנגעפירט די גאַנצע אונטערנעמונג, — אמת, ניט אונזער אומנות איז דורכצולייגן זיך דעם וועג דורך דער וועלט מיט דער פויסט און דער שווערד. דאָרט אָבער, וואו עס שטייען אין קאָן אונזערע הייליקסטע אינטערעסן, מוזן מיר אויך היינט ווערט זיין צו זיין אוראייניקלעך פון יהושע, דוד און די מכבים.

מכיר האָט ניט מיטן גאַנצן האַרצן זיך באַטייליקט אין דעם, באַמערקנדיק, אַז מ'מוז מער זיך אָפּגעבן מיט תורה...

קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער איז אויסן. איין בן=חסדאי האָט גערונצלט דעם שטערן און ניט ווילנדיק זיך דער=מאָנט אָן געוויסע שיטות, פון וועלכע ער האָט בשעתו געהערט אין בבל... די לעצטע צייט האָט ער געהאַט אַ קנאַפּע אמונה אין מכירן.

ניט די עלטערע בעלי=בתים, ניט די פרויען האָבן גאָרנישט ניט געוואוסט פון דעם נייעם גייסט ביי די יונגעלייט. נחמה

און בת־שוע האָבן זיך געפּיייניקט אין זאָרג וועגן זייערע פּאָ־טערס און האָבן געזוכט איינע די אַנדערע צו טרייסטן. אָבער לעבן דער פעסטקייט און זיכערקייט בן־חסדאיס פלעגט טיילמאָל אויך ביי זיי זיך אָנצינדן אַ געפּיל פון מוט און קראַפט.

ווען בת־שוע פלעגט פאַרדאגהט ריידן וועגן פאָטער, האָט זי איטלעכס מאָל אויך דערמאָנט קאָזאריאָסן:

— וואו קען ער זיין? ער וואָלט אונז איצט געקענט צו ניץ קומען...

— דו ווייסט, האָט נחמה זאכט געזאָגט,—אַ סך האַלטן, אַז אין דעם אומגליק איז שולדיק קאָזאַריאָס, וועלכער האָט אונז פאַר־ראָטן?...

— דאָס זיינען בילבולים! — האָט בת־שוע מיט פייער זיך אָפּגערופן,—לשון־הרע פון בייזע צינגער... מכיר — — —

— איך ווייס, בת־שוע, דו פאַרטראָגסט ניט מכירן, און די איינגעשפּאַרטקייט, מיט וועלכער ער זוכט זיך משדך צו זיין מיט דיר, איז אונז ניט ליב און ניט ניחא, אָבער דאָס איז נאָך קיין ראיה ניט, אַז יענער דאַרף שטייגן אין דיין אַכטונג. ער איז דאָך פאָרט אַ פרעמדער, וואָס האָט אריינגעבליקט אין אונזער לעבן, דערקענט אונזער כאַראַקטער — און איצטער באַ־האַלט ער זיך אויס פון אונז און וויל גאָר ניט וויסן פון אונזערע צרות. איז דאָס ניט קיין באַווייז קעגן אים?

— ער איז אומשולדיק! — האָט בת־שוע אויסגעשריען.

— דו קענסט דען אים און דאָס האַרץ זיינס?

— איך קען אים און דאָס האַרץ זיינס, ער האָט אונז ניט פאַרראָטן! — האָט בת־שוע זיך געהאַלטן ביי דאָס איריקע.

— אָבער דו אַליין האָסט דאָך מיט אים אויסגערעדט הלוואי אַ וואָרט?

— איך קען אים!

— קיינער קען אים ניט אַזוי גוט ווי בן־חסדאי, און...

נחמה האָט זיך אָפּגעהאַלטן אין מיטן זאַץ, כדי ניט צו פאַרשאַפן דער חברטע אירער צו גרויס עגמת־נפש.

— און בן־חסדאי גלייבט אין די פּלאַפּלערייען?

— אפשר ניט, אָבער ער הערט די פּלאַפּלערייען און שווייגט.

— און איך קען ניט שווייגן! — האָט זיך בת־שוע אָנגעצונדן, — איך בין גרייט עס אויסצושרייען אין אַלע גאַסן: קאָזאַריאָס איז אומשולדיק!...

פאַרטאָן אין דעם שמועס, האָבן זיי גאָרניט באַמערקט, ווי בן־חסדאי איז שטיל אַריין אין חדר. ער האָט נאָך געהערט די לעצטע ווערטער און ער האָט זאַכט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף בת־שועס אַקסל:

— היינט, ליבע שוועסטער, איז ניט די צייט אַריינצולאָזן זיך אין אַ קריג, ווער און וואָס איז שולדיק. אויב מכיר און זיינע פריינד זיינען גערעכט בנוגע קאָזאַריאָסן, און די מסירה שטאַמט פון אים, דאַן בין איך גאָר דער הויפּט־שולדיקער, וואָס דאַרף טראָגן די גאַנצע אחריות פאַר דעם אומגליק.

— און דעריבער שווייגט מיין מאַן אויף אַלע באַשולדיקונגען? — האָט נחמה געזאָגט.

— יאָ, דעריבער, ווייל איטלעכס וואָרט מיינס דערקעגן וואָלט געווען אַ פאַרענטפערונג פון מיין זייט, און פאַרענטפערן זיך ווי עס דאַרף צו זיין בין איך נאָך ניט אימשטאַנד...

— וואָס־זשע וועט איצטער זיין?

— מיר וועלן אָנהייבן צו טאָן, מאָרגן טאַקע שוין.

— וואָס האָסטו בדעה צו טאָן? — האָט נחמה דערשראָקן געפרעגט. — מ׳האָט דאָך אַפילו זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דאָס צונויפגעזאַמלטע גאָלד?

— דאָס גאָלד וועלן מיר פאַרוואַנדלען אין כוח און מעשים. מיר זיינען כמעט זאַלבעהונדערט, מוטיקע און געאיבטע אין תכסיסי מלחמה, און מיר וועלן אונזער גבורה און געטריישאַפט אַרויסווייזן אין מעשים...

— איר ווילט גיין אין דער מלחמה אַריין?

— יאָ, נחמה, אַקסל צו אַקסל מיט די כוזרים קעגן דעם שונא, — האָט ער געזאָגט ערנסט און פעסט.

— און איך, דיין ווייב?

— אַלס באַהאַרצטע יידישע אשת־חייל וועסטו וואַרטן אויף דער גאולה, אַזוי ווי אונזערע מוטערס האָבן געוואַרט אין מצרים, און ווען נאָך דער מלחמה פאַר דעם כבוד פון ישראל און פאַר דער רעטונג פון אונזער קהילה וועלן מיר זיך אומקערן אַהיים, וועסטו מיט בת־שוען, אַזוי ווי אַמאָל מרים און דבורה, אונז אַרויס אַנטקעגן מיט געזאַנג און האַרפנשפיל.

— גיי, און גאָט זאָל דיר מצליח זיין! — האָט נחמה געזאָגט מיט טרערן.

— ראַטעווען דעם כבוד פון די אַלע, וואָס די רשעות באַשולדיקט זיי אומגערעכטערהייט, — האָט בת־שוע צוגעגעבן.

אויסגעשטעלט אין מיליטערישן סדר, האָבן זיי מיט בן־חסדאַין בראש זיך געלאָזט אַראָפּ־באַרג פון דעם גאַבאַ. ביים אַריינגאַנג אין דער שטאָט פון די כוזרים האָט די וואַך זיי פאַר־האַלטן.

— פון וואַנען און וואוהין?

— אַ חיילס־אָפּטיילונג קעגן די אַראַבער, — האָט בן־חסדאי געענטפערט. און מ'האָט זיי דורכגעלאָזן.

פאַר דעם הויז פון רפאל אַסאַריוס מיט דעם גאָרטן אַרום זיינען זיי שטיין געבליבן. אין הויז האָט בן־חסדאי געטראָפן כספין און באַלשאַנען, וועלכע האָבן אים באַגעגנט מיט דעם גרוס: „גאָט זאָל זיין מיט דיר, מוטיקער העלד!" דער דאָקטאָר האָט אַפילו געהאַט ספקות בנוגע דער גאַנצער אונטערנעמונג, פונדען האָט ער מיט קענטיקער פרייד געקוקט, ווי די מחנה מאַרשירט פול מיט קראַפט. כספי אָבער האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דעם אויסגאַנג פון דער זאַך. „די כוזרים, האָט ער געזאָגט, זיינען אַ פאָלק פון קריגער. געלט רייצט זיי ניט, דערפאַר אָבער ווייסן זיי, ווי אָפּצושאַצן יעדן צייכן פון מוט און קראַפט און גבורה".

באַלשאַן האָט סקעפּטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט גע־קענט מילקאַמינס שטימונג און איז געווען מסופק, צי וועט ער דערויף אייַנווייליקן.

— דאָן וועלן מיר זיך אויף אייגענער אחריות דורכשלאָגן ביז דעם פעלד־חייל פון דעם יורש־עצר,—האָט בן־חסדאי אַנטשלאָסע־נערהייט געזאָגט.

— ווי איז אָבער, אַז ער וועט אייך אַלעמען תּיכּף לאָזן אַריינזעצן אָדער אָפּטאָן נאָך עפּעס ערגערס?...

— מילא, פּאַרפאַלן. מיר אָבער וועלן, אַזוי ווי אונזער רבי און פירער, האָבן דאַן גענומען אויף זיך מיט אונזער אייגענעם ווילן יסורים און נסיונות און אפשר גאָר מסירת־נפש. קען דען דאָס אינגאַנצן גיין לאיבוד און ניט ברענגען קיין שום פּרוכט פאַר אונזער געמיינדע אויף להבא?

— מילקאָמין און דער פּעגאַן וועלן איבערדרייען די שפּיז און משפּטן אייך אַלס בוגדים, — האָט באַלשאַן פינסטער געזאָגט.

— זאָל ער עס טאָן, — האָט בן־חסדאי אויסגעשריען, — אָבער דער אמת וועט אַרויפשווימען ווי בוימאייל אויפן וואַסער. מיר וועלן אים פון דער תּפיסה אַרויסשרייען, וועלן אים אין אונ־זער לעצטער שעה אַזוי הויך אַריינרופן אין די הערצער, ווי נאָר די כּוחות וועלן עס אונז דערלויבן... און איר וועט זיין עדות פון אונזער ערלעכן רצון, און אויך די שומרים פון די טויערן וועלן דערציילן, ווי אַזוי אַ מחנה פריייוויליקע קריגער האָבן דורכגעמאַרשירט דורכן טויער און...

אַ הייליקער אויפריכטיקער פייער האָט געוועדט פון דעם יונגנמאַן. ער האָט געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער פאַר אינע־ווייניקסטער אויפרעגונג.

כּספּי האָט זיך אויפגעהויבן און אַרומגענומען בן־חסדאין:

— נעם אָן דעם דאָזיקן קוש, יונגער פריינד, אַלס גרוס און ברכה פון טיפן יידישן הארצן. ווען איך וואָלט זיין מיט אַ צען יאָר ייִנגער און וואָלט ניט געוואוסט, אַז דאָ אויף מיין פּאָסטן בין איך נייטיקער—פאַר אייך אַלעמען—וואָלט איך צוגע־שטאַנען צו דיין מחנה.

ביי דעם אַלטן אַסאַריוס זיינען געשטאַנען דיקע טרערן אין די גרויסע בלויע אויגן.

באַלשאַן האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש און זיינע פינסטערע אויגן האָבן אַ ביסל אויפגעלויכטן.

— פאַר דעם דאָזיקן פאַל, וואָס איך האָב פאָרויסגעזעען,— האָט ער געזאָגט, — האָב איך באַצייטנס צוגעגרייט אַ כּתב אין כּוזריש און אַראַביש און מילקאַמין, פון גאָרנישט ניט וויסנדיק, האָט עס געחתמעט צוזאַמען מיט אַנדערע דאָקומענטן. דאָס איז אַ שיין אויף פרייען דורכגאַנג ביז צום פעלד-חייל, אויסגעשטעלט פאַר אַ קריגס-מחנה, און מילקאַמין איז אַפילו ניט חושד, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן יידן. ווען עס זאָל זיך דערגיין פאַר דער צייט, וועט עס מיר קאָסטן מיין קאָפּ,—האָט ער שטילערהייט צוגעגעבן, דערלאַנגענדיק דעם כּתב בן-חסדאין אין האַנט אַריין. — — — —

באַגיינען האָט בן-חסדאי, פון קיינעם אין שטאָט ניט באַמערקט, אַרויסגעמאַרשירט מיט זיין באַהאַרצטער מחנה איבער די בערג קיין דרום-מזרח צו דעם ים-פאַס צו.

.XII

ווען דער ראָט פון די זיבן חכמים איז זיך אין אַ חודש אַרום ווידער צונויפגעקומען אין דעם ווייסן מירמלנעם זאַל פון דעם כאַקאַנאַט, זיינען פאַר דעם כאַקאַנס באַלדאַכין-שטול געזעסן צוויי פרעמדע געשטאַלטן, וועלכע זיינען געווען דער צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. פאַטער יאָהאַנעס, אַ בכבודיקער פאַרשטייער פון דער קריסטלעך-ביזאַנטישער קירך, וואָס איז אויף בולאַנס איינלאַדונג מיט דער ערלויבעניש פון קיסר לעאָ ספּעציעל געקומען אַהערצו פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כּדי איינצוקנעלן מיט דעם הערשער פון דער כּוזרישער מלוכה די עיקרים פון דעם נוצרישן גלויבן; אָבער גלייכצייטיק האָט בולאַן אויך אויסגעשריבן פון דער פּערסישער הויפּטשטאָט אַ הויכן גייסטלעכן פון איסלאַמיטישן גלויבן, מיטן נאָמען אַלקאַצי, כּדי אויסצוהערן אין דער אייגענער צייט די חשובסטע לערער פון ביידע אמונות. ביידע מענער, פאַרטרעטער פון צוויי וועלטן, זיינען געזעסן פון ביידע זייטן טרוין, איינער אַ גלאַטער, אַ קיילעכדיקער, אין אַ שוואַרצן באַרעט אויפן קאָפּ און אַ ווייסער טאָגע, געהאָפטן מיט גאָלד, דער

אַנדערער — אַסקעטיש און ערנסט, די אויגן האַלב פאַרמאַכט, די לאַנגע שפּיציקע באָרד אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז איינער קוקט ניט אויף דעם אַנדערן, און פונ־דעסטוועגן זייגען הין און צוריק געפלויגן פאַרגנבעטע בליקן פול מיט שנאה און אומצוטרוי. דער פּעגאַן האַמענאַס, וואָס דער גאַנ־צער אויפטו איז אים געווען על אפו ועל חמתו, האָט זיך אומ־רויִק באַוועגט אויף זיין אָרט, און אַלע האָבן געקוקט דעם כאַקאַן אין די אויגן, וואַרטנדיק אויף אַ צייכן אָנצוהייבן דעם וויכוח.

פּאַטער יאָהאַנעס האָט באַקומען דאָס וואָרט צו דערקלערן די עיקרים פון זיין אמונה. ער האָט גערעדט וואַרעם, מיט אי־בערצייגונג, וועגן דעם אַלטן בונד און דעם ברית החדשה, וועגן די אַפּאָסטאָלן און די אויסלייזער, אויך וועגן די לערעס פון די ערשטע פיר קירכנפּאָטערס, און דערנאָך האָט ער רעזיומירנדיק פאַרענדיקט:

— מיר גלייבן אין גאָט דעם פאָטער, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, פירט זי און זי אויסגעלייזט דורך זיין זון. מיר גלייבן, אַז דער גאַנצער מין מענטש שטאַמט פון איינעם — פון אדם הראשון. מיר גלייבן אין אַ געטלעכער השגחה, סיי אין גרויסע זאַכן סיי אין קליינע, אין גאָטס אַנטפּלעקונג אין נאַטור און גע־שיכטע, און בכלל אין דעם אַלעם, וואָס שטייט געשריבן אין די אַלטע הייליקע ספרים פון תורת משה, וואָס די וואָרהאַפטיקייט דערפון איז פאַרזיכערט סיי דורך לאַנגע דורות און אַלגעמיינער אָנערקענונג, סיי דורך דער משיחישער לערע פון דעם זון.

אַלע האָבן רויִק צוגעהערט.

— לאַנגע דורות און אָנערקענונג, — האָט בולאַן זיך אָפּ־געררופן נאָך אַ קורצער פּויזע, — זיינען טאַקע פעסטע יסודות, אָבער זיי האָבן אַ האַפט נאָר פאַר דעם, וואָס האָט די לערע איבערגענומען בירושה פון זיינע אבות; פאַר מיר איז די לערע אַ נייע און קען געפינען אַ וועג צו מיין האַרץ נאָר דורך ראיות, וועלכע זאָלן זיין אַזוי פעסט, ווי אונזער איך און אונזער זיין. זאָג דו, אַלקאַצי, וואָס איז דער תמצית פון דעם איסלאַם.

אַלקאַצי האָט מיט דער פלאַכער האַנט באַרירט דעם שטערן און האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע איבער מחמד און זיין נבואה, זיין לערע, זיין שליטה איבער מענטשן און מלאכים. ער האָט מסיים געווען:

— מיר אָנערקענען די איינציקייט און די אייביקייט פון גאָט און שליסן אויס אַלצדינג, וואָס איז סותר זיין ריינע רוחניות. דאָס, וואָס מ'רעדט וועגן דעם בורא ווי וועגן אַ גוף, איז נאָר אַ בילד און אַ משל. דאָס בוך פון אַלע ביכער, דער קאָראַן, איז אונז מחייב צו דער לערע פון די נביאים אויף אַזאַ אופן, אַז עס איז מבטל אַלע פריערדיקע לערעס און געבאָטן אַלס אומפולשטענדיקע, צייטווייליקע, און רופט אַלע פעלקער פון דער ערד צו דעם איסלאַם. אַללאַה איז אַללאַה און מחמד איז זיין נביא! די, וואָס זיינען איבערגעגעבן און מקיים זיינע געבאָטן, נעמט ער צו אין די פעלדער פון די צדיקים, וואו די העכסטע תענוגים און פריידן פון לעבן בליען אָן אַ שיר און אין דער העכסטער השלמה. ווי איז אָבער צו דעם, וואָס ווידערשפעניגט אין דעם נביא, זיין וועג פירט צו דעם העלישן פייער פון דעם זיבנפלאַמיקן גיהנום, צו אייביקער פאַרשאָלטנקייט!..

אַלקאַצי האָט ווידער האַלב פאַרמאַכט די אויגן און אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ.

— ווערטער! — האָט בולאַן אַ זיפץ געטאָן, — ווער־טער פון אַ בוך, וואָס טוט וואונדער און איז הייליק פאַר די מענטשן, וועלכע זיינען אויפגעצויגן אין אים, פאַר מיר אָבער בלייבט ער פרעמד און קאַלט מיט זיינע אַראַבישע קלאַנגען און צייכנס. וואו זיינען די אותות ומופתים, וואָס באַווייזן די וואָרהאַפטיקייט פון אייער לערע קלאָר פאַר יעדן איינעם?

— קיין אותות ומופתים האָט ניט געפעלט אין די צייטן פון מ'חמד, און זיי האָבן באַוויזן די וואָרהאַפטיקייט פון זיין נבואה, אויב אַפילו זיי זיינען ניט אַלע אַריבערגעקומען צו אונז, — האָט אַלקאַצי אָפּגעענטפערט, אַ ביסל מיט רוגזה.

— ווייס אייער הייליק בוך צו דערציילן, אַז און ווי אַזוי האָט גאָט זיך אַנטפּלעקט צו די מענטשן, דורך אותות ומופתים

אַריינמישנדיק זיך אין דעם גאַנג פון דער נאַטור, און אַפילו ברעכנדיק די נאַטור-געזעצן?

— דער הייליקער קאָראַן חזרט איבער אַלץ, וואָס עס שטייט אויך געשריבן אין תורת משה וועגן יציאת מצרים, וועגן קריעת ים-סוף, וועגן מן, וועגן דעם באַרג סיני, וועגן דעם ווי די זון איז געבליבן שטיין אין די טעג פון יהושע, ווי אויך וועגן דעם מבול, דער איבערקערעניש פון סדום ועמורה און דעם ברית מיט אברהם. ווער וואָלט זיך עס געקענט דערוועגן צו לייקענען אין דער אמתקייט פון די דאָזיקע מופתים, וואָס ווערן איבערגעענטפערט פון דור צו דור?

דער כאַקאַן האָט זיך פאַרטראַכט.

— אויך דו, אַלקאַצי, ביסט זיך סומך אויף תורת משה?

— יאָ, אויך מיר זיינען זיך סומך אויף תורת משה, — האָט אַלקאַצי געזאָגט, — וואָרעם דאָס איז די עלטסטע נבואה צו די מענטשן, דאָס איז גאָטס שטים, וואָס רעדט פון דור צו דור...

דער פּאַטער האָט זיך אויפגעהויבן:

— דער איינציקער אויסטייטשער פון תורת משה איז נאָר דער משיח פון נצרת, וועלכער האָט מיט זיין בלוט אויסגעקויפט די זינד פון די מענטשן און מיט זיינע ווערטער אויסגעלייזט די נשמות. ער איז געקומען ניט צו מינערן אָדער צו מערן, בלויז נאָר צו טייטשן...

— און האָט פאַלש געטייטשט! — האָט אַלקאַצי איבערגעריסן דעם פאָדעם פון געדולד. — ער האָט קיין זאַך ניט געוואָלט מבטל זיין, זאָגן זיי, און דאָך האָט ער מבטל געמאַכט דעם צייכן, וואָס גאָט האָט איינגעקריצט אין דעם פלייש פון אברהם אבינו — די מילה. אויך האָבן זיינע אָנהענגער אים, דעם מענטשן, וועלכער איז געווען בלויז אַ נביא, געמאַכט פאַר אַ גאָט — קעגן דעם „איינציקן גאָט".

— און אייער מחמד? — האָט בולאַן געפרעגט.

— מחמד איז אַ נביא, נאָך משהן דער גרעסטער פון אַלע נביאים און שטייגט משהן אַריבער אין דעם, וואָס שטעלנדיק

זיך אויף דעם שטאַפּל פון תורת=משה, איז ער נאָך העכער אַרויף אויף דעם הימלישן לייטער...

— מיר זיינען זיך סומך, — האָט דער פּאַטער קורץ און מאַיעסטעטיש געזאָגט, — אויף די אומצייליקע פּסוקים פון תורת משה, ישעיהו הנביא און דוד המלכס תהילים, וואָס זאָגן אָן וועגן אָנקומען פון דעם וועלט=אויסלייזער, אָבער וועגן ישמעאלן שטייט אין די דאָזיקע ביכער געשריבן: „פרא אדם ידו בכל ויד כל בו"—אַ ווילדער מענטש, וואָס טשעפּעט זיך מיט אַלעמען און אַלע מיט אים...

— דער דרש פון דער קריסטלעכער תורה אויף די פּסוקים פון יידישן תנך,—האָט דער מאָסלים האַסטיק זיך אָפּגערופן, ניט אַ קוק טוענדיק אין זיין קעגנערס זייט, — איז דורכויס אויסגעזויגן פון פינגער, האָט ניט קיין שום גרונד, אַקעגן=זשע שטייט בפירוש געשריבן אין דעם ספר „דניאל", אַז דניאל האָט עס מחמדן פאָרויסגעזען אין חלום.

— ווער איז געווען דער דניאל און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט זיין בוך? זיין נאָמען האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט,—האָט בולאַן געפרעגט.

— דניאל איז געווען אַ ייד ביים בבלישן הויף, ער פלעגט דעם קיניג פותר זיין חלומות און האָט אַליין אָפט אין חלום געזען, ווי עס פאַלט אַראָפּ דער שלייער פון דער מענטשהייטס צוקונפט...

בולאַן האָט זיך פאַרטראַכט.

— אַ ייד, וואָס האָט חלומות פותר געווען און פאָרויסגעזעען די זאַכן, וואָס וועלן זיין?—האָט ער געפרעגט אַ ביסל צעטראָגן. אַ געדאַנק האָט אים געעקבערט אין מוח און אים אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם וויכוח פון די גייסטלעכע.

— עס איז שווער צו דערגיין דעם אמתן תוך פון טענות ומענות, בשעת זיי קרייצן זיך איינס איבערן אַנדערן,—האָט ער לסוף געזאָגט,—מיר וועלן דעריבער גוט טאָן, ווען מיר וועלן נאָכ=

אַמאָל אויסהערן די פּאַרטרעטער פון ביידע אמונות איינציקווייז און יעדן באַזונדער.

— —

אַז די ביידע גייסטלעכע זיינען אַרויס, יעדערער אין זיין באַשטימטן חדר, איינער רעכטס, דער אַנדערער לינקס, האָט בולאַן פרעגנדיק זיך אומגעקוקט אין דעם קרייז פון זיינע ראַטגעבער און זיין בליק איז צוערשט געפאַלן אויף טאַבאַגען, דעם גרויסן סופר פון דעם כאַקאַנאַט.

— וואָס אונז אַלעמען איז אויסגעקומען קשה, — האָט טאַ־באַגאַן אָנגעהויבן, — איז, אַז ביי דעם וויכוח פון די פּאַרטרעטער פון ביידע אמונות, האָט יעדער איינער זיך סומך געווען אויף אַ דריטער, עלטערער לערע, דער תורה פון משה און די נביאים. אויף אַזאַ אופן וואָלט געווען די גלייכסטע זאַך זיך צו באַקענען קודם־כל מיט דער דאָזיקער לערע און אויסצוהערן אַ קענער און פּאַרטרעטער פון איר...

— ביידע האָבן גערעדט רעכטפאַרטיק און אמתדיק — לויט זייער קוק און לויט דעם, וואָס מ'האָט זיי איינגעפּלאַנצט און געלערנט, אַז ס'איז הייליק. אָבער יעדערער פון זיי דרינגט אַרויס זיינע מיינונגען נאָר פון דעם, וואָס איז פאַר אים געגעבן. פאַר אונז אָבער, וויבאַלד די עיקרים סיי פון איינעם סיי פון דעם אַנדערן זיינען פאַר אונז ניט געגעבן, איז דאָס אַלץ נאָר אַ אַמפּעריניש מיט ווערטער. אָבער ביידע באַגעגענען זיך אין איין פּונקט — אַז תורת משה, וואָס יעדערער פון זיי דרשנט זי אויף זיין אופן, איז די עלטסטע געהייליקטע שריפט, וואָס אַנטהאַלט דעם אמת; דעריבער בין איך מסכים מיט טאַבאַגען, אַז זוכנדיק דעם אמת, מוזן מיר צום אַלעם ערשטן זיך באַקענען מיט דעם דאָזיקן עלטסטן מקור.

ענדלעך האָט דער פּעגאַן באַקומען די מעגלעכקייט אַרויס־צוריידן, וואָס ביי אים אויפן האַרצן:

— איך וואָלט פונדעסטוועגן וועלן דעם הויכן כאַקאַן און דער אסיפה פון די חכמים נאָכאַמאָל דערמאָנען די התראה־דיקע שטים פון דעם חלום: „דער ווילן איז גוט, אָבער שלעכט

איז דאָס טאָן!" עס שטעקט אַ הויכער ווילן אין דעם, וואָס מ׳זוכט אַזוי דעם אמת, אָבער עס וואָלט דאָך געהייסן שוין צו פיל אויפּרייצן די געטער, ווען מ׳זאָל איצטער נאָך גאָר לאָזן קומען צום וואָרט פאַר דעם ראָט די פּאַראַכטע יידן, די פיינד ניט נאָר פון אונזערע געטער; אויך די אַנדערע אמונות אומעטום, אין צפון און דרום, אין מזרח און מערב שטויסן זיי אַוועק פון זיך מיט פאַראַכטונג, הגם אין דעם וויכוח צווישן זיך ברענגען זיי אַ מאָל אַ ראיה פון זייערע אַלטע ספרים אויכעט.

טאַבאַן האָט נאָכאַמאָל געבעטן דאָס וואָרט:

— כדי צו באַשטעטיקן די לעצטע ווערטער פון דעם הויכן און אויסגעצייכנטן פּעגאַן, דעם ליבלינג פון טידדהאַרטע, בעט איך, אַז מאָרגן, ווען מיר וועלן איינציקווייז אויסהערן דעם גלח און דעם מאָסלים, זאָל מען זיי אויך אויספרעגן וועגן זייער באַציִונג צו תורת משה.

דער כאַקאַן האָט צושטימענדיק אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ.

— — — — — — — — — — — — — — — —

צומאָרגנס איז פּאַטער יאָהאַנעס אליין געשטאַנען פאַר דעם טרוין און דעם ראָט פון די זיבן חכמים. איצט, ווען ער האָט באַדאַרפט פאַרטיידיקן זיין זאַך אָן ריוואַלן, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אויף דער הייך פון זיין שליחות און האָט אויסגעפּאַקט זיין גאַנצן אוצר קלאַפּערגעצייג, כדי צו באַווייזן די לערע פון דער הייליקער דרייאייניקייט און מיט אותות ומופתים, מאמרים און געבאָטן פון די קירכנפאָטערס פאָרצושטעלן זי אַלס אמונה, וואָס ברענגט אַ ישועה דער מענטשהייט.

אָבער בולאַן האָט צוגעהערט נאָר מיט אַ האַלבן אויער און געגעבן טאַבאַנען אַ צייכן, אויף וועלכן יענער האָט געוואָרט.

— אין נאָמען פון דעם הויכן כאַקאַן, וואָס די הערשער פון הימל שטויסן אים אויף דעם וועג פון אמת, נאָכדעם ווי מיר האָבן דאָ מיט דאַנק און אַכטונג אויסגעהערט די קלאָרע באַלערעוודיקע ווערטער איבער דעם ביזאַנטישן גלויבן, האָב איך צו שטעלן דעם חשובן פּאַטער נאָר איין שאלה: די נוצרישע קירך —

וואָס האַלט זי צום העכסטן, אַחוץ איר אמונה? ווען ווען גיט זי אָפּ די בכורה — משהס תּורה אָדער מחמדס? אָנגענומען, אַז איר וואָלט אָפּגעשטויסן געוואָרן פון דעם אייגענעם גלויבן און וואָלט געדאַרפט אויסקלייבן צווישן תּורת משה אָדער איסלאַם?

— גאָר קיין ספק ניט, אַז תּורת משה, — האָט פּאַטער יאָהאַנעס קאַטעגאָריש געענטפערט אָן לאַנגן ישוב-הדעת.

— אַן אָפענער וואָרט, — האָט טאַבאַן געלויבט, — און מיר קומען פאַר אים דעם חשובן פּאַטער אַ יישר-כּוח! — — —

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אויך אַלקאַצי אַליין געשטאַנען פאַר דעם ראָט צו ענטפערן אויף דער אייגענער שאלה.

— גאָר קיין קלער ניט, — האָט דער מאָסלים געזאָגט מיט אַ פעסט קול, — אַז מיר אַלע וועלן גיכער אָננעמען די אַלטע לערע פון ישראל איידער אַ גאָט, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אויפגעשטאַנען פון מענטשנבלוט, וועלכן מיר קענען ניט און וואָס דער עצם און כאַראַקטער מאַכן אים נאָר פאַר אַ פאַרלויפער פון אונזער נביא. — — —

אַז דער ראָט איז געבליבן אַליין צווישן זיך, האָט טאַבאַן קוים געקענט באַהאַלטן זיין פרייד און נצחון איבער זיין שונא.

— דער אויסגעצייכנטער פּעגאַן, דער אויסדערוויילטער ליבלינג סידהאַרטעס און טרימורטיס, וועט מוזן מודה זיין, אַז די פאַרטרעטער פון ביידע רעליגיעס זיינען איינשטימיק אין זייער דעה איבער תּורת משה און אַז ביידע אָנערקענען זיי ישראלס גלויבן, אַפילו אין נייטיקן פאַל אים גרייט אָנצונעמען.

פּעגאַן האָמענאַס האָט שיר ניט געפּלאַצט פאַר כּעס. די בפירושע איראָניע אין דעם טאָן פון זיין אַלטן ריוואַל האָט אים אינגאַנצן צערויסגעבראַכט פון די כּלים.

מילקאַמין, דער פריינד זיינער, וואָס האָט געהאַט אין זיין האַנט די ענינים פון דער מלחמה, האָט גענומען פאַר אים דאָס וואָרט.

— אויב עס מוז שוין אַזוי זיין, — האָט ער געזאָגט, — אַז די געפערלעכע שפּיל זאָל ווייטער געטריבן ווערן און אַז אַפילו די פאַרביסנסטע שונאים פון די געטער, די יידן, זאָלן

קומען צום וואָרט, טאָ זאָל מען כאָטש אָפּוואַרטן דערמיט ביזן סוף פון דער מלחמה. ווי וועלן מיר קענען בויען אויף דער הילף פון די געטער, ווען מיר וועלן אין דער זעלביקער צייט זיך שפּילן מיט זייערע קעגנערס?

קעגן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג האָט קיינער גאָרנישט געקענט איינוווענדן און אויך דער כאַקאַן האָט געגעבן זיין הסכמה מיט אַ שטומען שאָקל פון קאָפּ.

XIII.

דער וויכּוח פון די גייסטלעכע האָט דעם כאַקאַן קיין מנוחה ניט געבראַכט. זיין גייסט, וואָס האָט מעכטיק געשטרעבט צום אמת, איז ניט געווען צופרידן מיט דעם גאַנג פון דער זאַך. ער האָט זיך געפילט ניט מיט אַלעמען, און אַלע קרייטעכצער פון זיין לייבדאָקטאָר רפאל אַסאַריוס האָבן דאָסמאָל ניט געהאָלפן.

— אַ באַדריקונג פון דער נשמה, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, — וואָס פאַרוואָגלט דעם שלאָף ביי דער נאַכט און נעמט אַוועק די פרישקייט אינדערפרי. דאָ מוז מען טראַכטן וועגן עפּעס אַ סגולה פאַר דער נשמה.

איינמאָל איז בולאַן אליין אים אַרויס אַנטקעגן אין האַלבן וועג.

— אויך דו, אַסאַריוס, ביסט אַ זון פון דעם פאָלק, וואָס באַזיצט דעם תּנך, דעם מקור פון אַלע אמונות פון דער גרויסער וועלט, דעם פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ משה, אַ דניאל — ווער איז אָט דער דניאל, וואָס פון אים האָב איך נאָך ביז אַהער גאָרניט געוואוסט?

— אַ ייד, וואָס איז געווען אַ מקורב פון דעם מלך בבל און אים פּותר געווען חלומות, וואָס האָבן פאָרויסגעזאָגט דעם גורל פון זיין מלוכה.

— און איצט האָט איר שוין גאָרניט צווישן אייך אַזאַ דניאל, וואָס זאָל אונז אויפבינדן די שטריק פון דער נשמה, וואָס זאָל אונז קענען עפּעס זאָגן איבער גאָט און וועלט און אַלע זאַכן, וואָס עקבערן אונז, לאָזן אונז ניט רוען? אָדער אפשר

דו אַליין, אסאַריוס, אַלס זון פון דיין פאָלק, ביסט אַזאַ נביא און אַ רופא פון דער נשמה?

— איך ניט, — האָט אסאַריוס מיט עניוות געענטפערט,— מיין אומנות איז פון אַלעמאָל אָן נאָר צו היילן די יסורים און וואונדן פון גוף און צו לינדערן די ווייטאָגן. אָבער רבי יצחק סאַנגורי, דער גרעסטער חכם צווישן אונז, איז דער מאַן, וועלכן דער גרויסער כאַקאַן זוכט.

— ווער איז ער און וואו געפינט ער זיך?

— אין דער ציטאַדעל, גרויסער כאַקאַן, אַלס געפאַנגע־נער, מיט זיין פריינד, דעם סוחר עמרם.

— אין וואָס ווערן זיי באַשולדיקט?

— זיי דאַרפן מיט זייער לעבן ערב זיין פאַר דעם גוטן סוף פון דער מלחמה, אין וועלכער זיי זיינען פונקט אַזוי אומ־שולדיק, ווי איך, דיין געטרייער דינער און רופא, און ווי די יידן, וואָס פירן זייער פרידלעך לעבן הינטער דעם גאַבאַ.

— יאָ, סאַנגורי דער רב, — האָט דער כאַקאַן זיך דער־מאָנט, — איך געדענק עפּעס וועגן דעם. אָבער דער גוטער סוף איז זיכער און נאָענט, און די געפאַנגענע טאָר קיין האָר ניט געקרימט ווערן, ביז די געטער וועלן ווייזן, צי זיי האָבן עפּעס קעגן די פרעמדגלויביקע. אָבער אויב דיין רבי קען אריינקוקן אין די נשמות, קען לייענען דעם פאַרבאָרגענעם כתב פון די חלומות; מיט איין וואָרט, אויב ער קען מיר העלפן, טאָ זאָל ער תיכף־ומיד קומען. — זאָל מען אים באַלד לאָזן אויסהאַמערן דעם פּאַסיר־רינג...

— דער פאַסיר־רינג, גרויסער כאַקאַן, — האָט דער דאָק־טאָר זיך אָפּגערופן, — טאָר לויט דעם כוזרישן געזעץ ניט אַרויס־געגעבן ווערן אַ געפאַנגענעם.

דער כאַקאַן האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט.

— אָבער, — האָט אַסאַריוס רויִק ווייטער געפירט, — אַלס לייבדאָקטאָר, וואָס דאַרף וואַכן איבער דעם לעבן און דעם געזונט פון דעם גרויסן כאַקאַן, איז עס געוועזן מיין התחייבות באַצייטנס דאָס צו באַזאָרגן. דעריבער האָב איך, מיט דער הילף

פון גוטע דינער, וואָס זאָרגן זיך פאַר דעם גליק פון זייער האַר געלאָזט אויסשלאָגן אַ רינג פאַר דעם מאַן, וואָס שוין אַ לאַנגע צייט ערוואַרט איך פון אים אַ היילונג פאַר דעם כאַקאַנס האַרץ; קורץ, פאַר זיין אַרעסט, ווען ער איז נאָך געווען אַ פרייער מאַן, האָט מען אים דעם רינג איבערגעגעבן. עס איז נייטיק בלויז אַ באַפעל פון דעם כאַקאַן, און דער וועג איז פאַר אים אָפן.

— אַ גרויסן דאַנק, אַסאַריוס. דעם באַפעל וועל איך תיכף אָפּגעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

רבי יצחק סאַנגורי איז אין פּאַלאַץ פון כאַקאַן בולאַן אויפגענומען געוואָרן פון אַ דינער, וועלכער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ ווייטן צימער; די זון האָט דאָ אַריינגעשיינט זייער קאַרג דורך די פאַרטונקלטע שויבן, ניט צו שטערן דעם כאַקאַן אין זיינע שטילע מחשבות. אויף דעם בלויעם קישנבעט איז געזעסן דער כאַקאַן, אַ גרויסער קרעפטיקער מאַן מיט רויִקע ווייכע שטריכן אין פנים, שטאַרק אָפּגעצערט פון אַ סך טראַכטן, דעם גרויסן קאָפּ אָנגעלענט אין די הענט. ער האָט אָפּגעוווערט די אָנגענומענע אונטערטעניקע אויסדרוקן פון כבוד מצד סאַנגורין און אים אָנגעוויזן אַ פּלאַץ ביי זיין רעכטער האַנט.

— איך האָב געהערט, — האָט בולאַן גלייך אָנגעהויבן,— אַז דו ביסט דער יידישער חכם און שטאַמסט פון די, וואָס זיינען פותר די מלכים זייערע חלומות.

סאַנגורי האָט זיך טיף פאַרנייגט.

— ביי גאָט איז דער פתרון, האָט אַמאָל יוסף הצדיק געזאָגט, און דערקענענדיק, אַז אייגענע חכמה איז פונקט אַזוי ווייניק ווי אייגענער כּוח, האָט ער געזוכט און געפונען דעם פאַרבאָרגענעם לשון פון חלום. דאָס, וואָס גאָט זאָגט אונז אָן אין רעטענישן, דאַרפן מיר אַליין טרעפן און פותר זיין. דערום זאָל דער גרויסער כאַקאַן זיין חלום דערציילן דעם אומווערדיקסטן פון זיינע דינער.

— איך וועל איבערגעבן מיין חלום אין אייניקע ווערטער, אויף וויפיל ער לעבט נאָך אין מיין זכרון. אין גאָרטן איז

דאָס געווען און אַ בוים, אַ צווייגהאַפטיקער, שטאַרק באַבלעטער־טער בוים איז געשטאַנען אין מיטלפונקט פון דעם חזיון. די פּרטים זיינען אויסגעמעקט געוואָרן פון מיין זכרון... דערנאָך האָב איך געזעען אַ חורבן און — אין דעם דאָזיקן חורבן אַ נייע אויפבליִונג... אַ שטורעם האָט געראַשט און געברויזט, אַז בלעטער זיינען אַראָפּגעפאַלן און צווייגן האָבן זיך געבראָכן... איך האָב געפּרוווט זיי איינהאַלטן, אונטערלענען, האָט אַ בת־קול זיך דערהערט פון די טונקעלע הייכן: „בולאַן, גוט איז דיין כוונה, אָבער דיינע מעשים זיינען שלעכט!" איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כּוחות ניט אומצופאַלן, און ווי־דער האָט דער קול גערופן הויך און צודרינגלעך, ווי פון ווייטן אין־סוף אַרויס: „די כוונה איז גוט, אָבער דאָס טאָן איז שלעכט!" איך האָב געוואָלט אַנטלויפן פון דער קאַטאַסט־ראָפע, אָבער הינטער מיר האָט ניט אויפגעהערט צו דונערן דער זעלביקער רוף. און איצטער, וואוהין איך זאָל ניט גיין און וואָס איך זאָל ניט טאָן, פון אויבן און פון אונטן, רעכטס און לינקס און אומעטום הילכט מיר אַנטקעגן: „נאָר דער ווילן איז גוט, בולאַן, ניט אַזוי אָבער איז דאָס טאָן!"

— און קיינער פון די חכמים האָט ניט געוואוסט קיין פּתרון און קיין באַשייד? — האָט סאַנגורי געוואָגט צו פרעגן.

— ניין, אונזערע כּהנים לאָזן אַוועק אַלע געבעטמילן, זאָגן אָפּשפּרעכענישן, רויכערן קרבנות נאָך קרבנות אויף סידרהאַר־טעס מזבח און ערקלערן, אַז דאָס זיינען די פרומע מעשים, נאָך וועלכע די געטער גאַרן. דער פעגאַן, וועלכער האָט געזעען דעם זעלביקן חלום און געהערט די זעלביקע ווערטער, זעט די גע־וואונטשענע פרומע מעשים אין דער פאַרלענדונג פון אַלע פרעמדע און שונאים פון די געטער. האָב איך געפרעגט אַ פרייען פילאָ־סאָף, וואָס איז ניט געבונדן מיט דעם גלויבן אין די געטער, און אין אַ לאַנגער געלערנטער רעדע, אויפן סמך פון די לערעס פון הערמעס, סאָקראַטעס, פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס, האָט מיר דער דאָזיקער פילאָסאָף אויפגעוויזן, אַז ווילן און טאָן קען מען גאָר אײנס פון דעם אַנדערן ניט אָפּטיילן, אַז יעדער ווילן, אויב

ער איז גוט, איז שוין אַליין פאַר זיך אַ טאַט, קיין נפקא־מינה ניט, וואָס איז די סיבה, ווירקונג און פועל־יוצא דערפון. ער האָט געזאָגט, אַז דער ציל איז די הויכע מחשבה און דער וועג צו דעם דאָזיקן ציל, איבער וועלכע טעמפּלען און מזבחות ער זאָל ניט פירן, ער מעג אַפילו ניט פירן איבער קיינע טעמפּלען און מזבחות, איז אַלעמאָל אַ גוטער און אַ אָנגעלייגטער. וואָס טראַכטסטו, רבי, איבער אַזאַ חכמה?

— דער ווילן, — האָט רבי סאַנגורי געזאָגט נאָך אַ ווײַלע טראַכטן,—ווען ער איז אַפילו גוט, קען עפּענען וועגן און פירן צו צילן, וועלכע זײַנען שעדלעך און שלעכט. מענטשן און פעל־קער באַקעמפן און פאַרטיליגן זיך. בײַ בײדע צדדים איז דאָ דער ווּאונטש און דער ווילן, אַז דאָס, וואָס מ׳האַלט דאָ פאַר גוט און גערעכט, זאָל מנצח זײַן, און פונדעסטוועגן זײַנען די וועגן בלוטיקע און דער ציל שטייט איבער דעם קבר פון דעם גליק פון טויזנטער מענטשן... דערום איז די פילאָסאָפיע ניט גע־רעכט, ווען זי זאָגט, אַז ווילן און טאָן איז אײנס, און דער בת־קול פון דײַן חלום, גרויסער כאַקאַן, וואָס לויבט דעם ווילן און טאַדלט דאָס טאָן, בלײַבט אָן אַ פּתרון...

— קאָנסט דו אים פּותר זײַן?

— איך וואָלט אפשר געקענט עס פּרווון, אויפן סמך פון מײַנע פאָרגעפילן און השערות. אָבער מעג דער קלענסטער פון דײַנע דינער דיר שטעלן אַ שאלה?

— פרעג, וויפיל דו געפינסט פאַר נייטיק.

— האָט דער גרויסער כאַקאַן שוין עפּטער זיך פאַרטיפט אין די פראַגן פון אמונה, מיט עמעצן זיך מיישב געווען, ווען און וואו?

— שוין ימים ושנים הערט די דאָזיקע פראַגע ניט אויף צו פאַרנעמען מײַן מוח, און דערהויפּט זינט מײַן זון סאַלימאַן האָט זיך צוריקגעקערט פון זײַן נסיעה אַרום און אַרום דער ערד, האָבן מיר עפּטערס געשמועסט וועגן די דאָזיקע זאַכן.

— אין גאָרטן?

— יאָ, אין די אַלעען פרימאָרגנצײַט; סאַלימאַן האָט אַזעל־

כע נייע אידעען, וועלכע זיינען תחילת מיר אויסגעקומען לחלוטין פרעמד און ניט צום פאַרשטיין.

— דאָס, וואָס בלייבט אָפּט פרעמד פאַר דעם דענקענדיקן גייסט אין דעם אָפּענעם שיין פון טאָג, זאַפּט איין אין זיך די זוכעדיקע נשמה אין שלאָף און אין חלום. אפשר האָט דער יורש־עצר געפּרווט צו דערקלערן זיינע אידעען דורך אַ משל מיט שטאַמען און ביימער?

— איך געדענק עס נאָר גאַנץ מטושטש. אינמיטן האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און סאַלימאַן איז אַוועק אין דער שלאַכט אַריין.

— דער בוים, וואָס דער גרויסער כאַקאַן האָט געזעען,— האָט סאַנגורי אָנגעהויבן,—האָט דאָך געהאַט צוויי צווייגן רעכטס און לינקס...

— יאָ, איך זע עס איצט ווידער קלאָר פאַר די אויגן, זיי זיינען אַראָפּגעהאַנגען פול מיט פּירות. איך האָב געוואָלט זיי אָנכאַפּן—רעכטס, לינקס—און די צווייגן האָבן זיך אָפּגעבראָכן...

— און דער שטאַם?

— אין דעם שטאַם — איך דערמאָן זיך איצט גאַנץ דייטלעך — האָב איך געפונען אַ אָנהאַלט און אַ אָנשפּאַרונג, וואָרעם אַרום מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו קערן וועלטן...

דער כאַקאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט פרעגנדיק אָנגעקוקט סאַנגורין. סאַנגורי האָט זיך פאַרטראַכט.

— ווען מיר זאָלן דעם דאָזיקן חלום מעגן טייטשן פּריי לויט אונזער שכל...—סאַנגורי האָט אומזיכער אַ קוק געטאָן אויפן הערשער.

— רייד אומגעשטערטערהייט, דו חכם פון די יידן!

— וואָלטן מיר דאַן געזאָגט, אַז דער שטאַם ווייזט אויף דער הייליקער תורה, וואָס איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן פון גאָט דורך אונזער פירער משה. פון דעם דאָזיקן שטאַם זיינען אַרויס צוויי צווייגן—נצרת און מעקאַ, וואָס שטרעבן ביידע נאָך הערשאַפט איבער דער וועלט. די דאָזיקע הערשאַפט איז אָבער סוף־כל־סוף באַשערט דעם שטאַם אַליין און —

— און?

— און דער הערשער פון די כוזרים איז אויסדערוויילט געוואָרן צו דערקענען דאָס דער ערשטער, פריער ווי אַלע אַנדערע...

ס'איז געוואָרן אַ פּויזע.

— חכם פון די יידן, — האָט דער כאַקאַן געזאָגט, — איך האָב שוין אַליין פאַר זיך שטילערהייט די אמונות פון דעם גאַנצן אָדער האַלבן „אחדות אלהים" טונקל פאַרגעשטעלט אונטער דעם דאָזיקן בילד, וואָס האָט זיך געוויזן אין חלום פאַר מיינע אויגן אין קלאָרע קאָנטורן — אָבער דו אַליין זאָגסט דאָך אויך ניט, אַז דער חלום איז אַ געטלעכע אַנטפּלעקונג, — האָסט בלויז געזאָגט, אַז דער חלום איז אַ שפּיגלבילד פון די מחשבות בייטאָג. אויב אָבער די דאָזיקע געדאַנקען פון טאָג באַוועגן זיך אין אַ ריכטונג, וועלכע איז קאַפּויער פון דעם אמת, דאַן רופן זיי דאָך לייכט אַרויס אויך די פ אַ ל ש ע ב י ל ד ע ר פון דער נאַכט. דערום, קלוגער רבי, הגם מיר לייגט זיך אויפן שכל, אַז דיין פּתרון פון מיין חלום איז אמת, וואָלט איך דאָך וועלן נאָכפאָרשן... דער קלאָרער פאַרשטאַנד זאָגט דאָך, אַז די קעסטלעכע פּירות טראָגן די צווייגן און ניט דער שטאַם, הגם זיי אַלע, אי די צווייגן אי די פּירות, ציען זייער יניקה פון דעם שטאַם... איך וויל זוכן און פאָרשן און וועל ניט רוען, כּל-זמן איך וועל ניט דערגיין, וו א ו און ו ו י איז די ט אַ ט, וואָס שטימט מיט דעם ווילן. — איך האָב דיך צוגעהערט, ס אַ נ ג ו ר י, און אַצונד וויל איך אָבער, אַז אויך די אַנדערע זאָלן דיך הערן און געוואויר ווערן, וואָס די לערע פון דיין גאָט זאָגט דערצו. אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט גליק און סאַלימאַן וועט זיך צוריקקערן, וועסטו אונז פאַר דער אסיפה פון דעם ראָט פאָרברענגען דיינע עיקרים.

סאַנגורי איז אָפּגעלאָזט געוואָרן.

ביים פּאָרטאַל האָבן די דינער אים אַנטקעגנגענומען מיט גרויס כּבוד און מילדקייט און אים אַוועקגעטראָגן אין זיין חדר אין דער ציטאַדעלע, וועלכער איז איינגעאָרדנט געוואָרן באַקוועם און היימיש. דאָרט האָט אויף אים געוואַרט ר' עמרם. אויך אַסאַריוס, כּספּי און באַלשאַן זיינען דאָ געוועזן, און מיט דער גרעסטער

שפּאַנונג האָבן זיי אויסגעהערט, וואָס ער האָט זיי דערציילט פון זיין ערשטן שמועס מיט דעם כאַקאַן.

XIV.

וואָכן נאָכאַנאַנד האָט בן־חסדאי מיט זיין מחנה געוואַנדערט איבער בערג און טאָלן, דורך וועלדער און מדבריות. עטלעכע פערד און אייזלען האָבן געטראָגן דעם פּראָוויאַנט און אויך די מענטשן, וועלכע זיינען מיד געוואָרן פון שווערן וועג. זייער וועג איז געגאַנגען דורך קליינע טשערקעסישע דערפער, וואו זיי האָבן זיך פון צייט צו צייט פאַרהאַלטן איבער נאַכט אין די ליימענע הייזלעך. קירגיזישע פאַסטעכער האָבן געפּיטערט זייער שאָף אויף די שיפּועס פון די בערג און געוויזן זיי די דורכגענג צו דעם ים־פּאַס, וואו עס האָט זיך געפונען דער הויפּטלאַגער פון סאַלי־מאַנס אַרמיי אַרום דער פעסטונג אַרדילאַן. ווען בייטאָג האָט די זון מיט אַ שרעקלעכער היץ געבאַקט די קעפּ פון די יונגעלייט, וואָס זיינען גאָרניט געוויינט געווען צו אַזא לאַנגן מאַרש, ווען ביינאַכט האָבן די פרעסט פון די בערג געמאַכט ציטערן זייערע גלידער, ווען מ'האָט דעם הונגער און דאָרשט געקענט שטילן נאָר בצימצום און קאַרג מיט דעם געטריקנטן ברויט און דעם אָפּגעשטאַנענעם וואַסער פון די לאָגלען, — דאַן האָט בן־חסדאי געשפּאַסט און דערציילט פון יידישע וואַנדערונגען אַמאָליקע צייטן, און דאַן האָט אין פולע אַקאָרדן זיך געלאָזט הערן אַ ליד, וועלכס האָט אָפּגעהילכט איבער באַרג און טאָל:

> „גאָט איז מיין פאַסטעך, עס טוט מיר ניט פעלן,
> אויף גראַזיקע לאָנקעס מאַכט ער מיך הויערן,
> אויף רויִקע וואַסערן טוט ער מיך פירן".

לסוף זיינען זיי ביים באַרג־דורכגאַנג אָנגעקומען צו אַן אָרט, וואו אַ ים גרויע געצעלטן אין וויטן טאָל האָט באַצייכנט דעם קריגס־לאַגער. דייטלעך האָבן זיך אָפּגעצייכנט אויפן האָרי־זאָנט די סילועטן פון הויכע טורעמס, די פעסטונג אַרדילאַן, הינ־טער וועלכער די אַראַבער האָבן זיך געזאַמלט צום קאַמף און

פון וואַנען זיי פלעגן אויף די פלינקע פערד מאַכן זייערע אויספאַלן און שיקן פאַרסמטע פיילן קעגן די כּוזרים. וואָכנלאַנג האָט זיך געצויגן דער קאַמף, כּמעט טאָגטעגלעך, און קיין צד האָט אַלץ ניט געקענט מכריע זיין. די אַראַבער האָבן געקעמפט מיט דעם ברען פון אַ ווילדן שבט, האָבן באַקומען לרוב פּראָוויאַנט פון אַרמעניע, און די מויערוועגט פון אַרדיילאַן מיט זייערע קלופּטן, שפּאַלטן און ריצן האָבן געשאַפן פאַר דעם שונא אַזוי פיל גינסטיקע פונקטן צום אָנפאַלן און אַטאַקירן, אַז דאָס כּוזרישע חייל האָט געדאַרפט אָנווענדן זיין גאַנצע גבורה און אויסהאַלטעוודיקייט, אָפּצושלאָגן די קלעפּ.

אַז בן=חסדאי מיט זיין מחנה האָט פּאַסירט דעם פאָדערשטן פּאָסטן, האָט מען זיי פאַרהאַלטן און געפרעגט, וואוהין און נאָך וואָס זיי גייען.

— אַ הילפס=מחנה פאַר סאַלימאַנען, — האָט בן=חסדאי געמאָלדן, דערלאַנגענדיק דעם כּתב, וואָס באַלשאַן האָט אויסגעשטעלט מיט מילקאַמינס חתימה. דער רייטער האָט זיך דערווייטערט מיט דעם כּתב און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ תּשובה פון דעם עלטסטן וואַכמאַן, אַז מ׳זאָל די מחנה נעמען אונטער אַ וואַך, ביז מ׳וועט דורכקוקן די פּאַפּירן און מ׳וועט באַשליסן, וואָס צו טאָן מיט דער מחנה.

באַלד איז אָנגעקומען אויפן פּלאַץ דער עלטסטער וואַכמאַן גופא, אַ ריז, באַוואָקסנט פון קאָפּ ביז די פיס, רייטנדיק אויף אַ פערד.

— איר זייט ניט קיין כּוזרים, — האָט ער קאָנסטאַטירט פון דעם ערשטן קוק.

— ניין, פון דעם שארית ישראל, וואָס לעבט אין כּאָזאַריע, — האָט בן=חסדאי געזאָגט.

— ווער האָט אייך געשיקט אַהער?

— דאָס געפיל פון חוב און דאַנק, און אויך דער פאַרלאַנג צו ווייזן אונזער געטריישאַפט אַלס ענטפער אויף די בילבולים פון די, וואָס ווינטשן אונז שלעכטס.

דערווייל האָט זיך אַרום דער אויסטערלישער מחנה

צונויפגעזאַמלט אַ רעדל קריגער, וואַכלייט און עלטסטע. איינער האָט געגעבן אַן עצה צו מעלדן תיכף די זאַך דעם העכסטן שר־צבא — סאַלימאַנען.

— דאָס איז ניט מעגלעך! — האָט זיך אָפּגערופן דער ערשטער וואַכמאַן. — דאָס לאַגער־געצעלט פון דעם יורש־עצר איז דריי מייל וועגס פון דאַנען. אגב, איז סאַלימאַן נאָך פאַרטאָג אַרויסגעריטן מיט אייניקע פון זיין שטאַב, מסתמא צוצוגרייטן אַ נייע אַטאַקע. הלוואי זאָל ער אום האַלבע נאַכט זיין צוריק אין זיין געצעלט.

אַ צווייטער קריגער האָט אַרויסגעזאָגט ספקות:

— פון זייער אויסזען און ריידן קען מען דרינגען, אַז דאָס זיינען אַראַבער אָדער לכל־הפחות פאָלק־קרובים פון די אַראַבער...

— ווי ווערט זיין, אַז סאַלימאַן וועט זיך צוריקקערן און מיר וועלן האָבן אַריינגעלאָזט אין לאַגער אַריין שונאים און פאַררעטער, — האָט אַ דריטער מתרה געווען פון עקסטן פאָסטן.

בן־חסדאי און זיינע לייט האָבן געזען קעגן זיך די בליקן פון די קריגער, פול אומצוטרוי און אַפילו שנאה, דעם גלאַנץ פון די אָנגעשטעלטע שפּיזן. דערקלערן זיי, פאַרענטפערן זיך איז דאָ געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע זאַך. דער נאָמען קאָזאַריאָס האָט זיך אים פלוצלונג דערמאָנט, אַזוי ווי אַ געדאַנק פון ישועה.

— מיר האָבן אַ פריינד, — האָט ער געזאָגט, — מיטן נאָמען קאָזאַריאָס, וועלכער געפינט זיך זיכער דאָ ערגעץ צווישן די מוטיקסטע גבורים. ער קען אונז, און קען אויך אונזער געטריישאַפט, און ער וועט פאַר אונז ערב זיין.

— קאָזאַריאָס? — די עלטסטע האָבן זיך איבערגעקוקט פרעגנדיקערהייט.

באַלד האָבן רייטער זיך אַלאָז געטאָן איבער אַלע וועגן און עקן פון דעם וויטן לאַגער און אויסגערופן דעם נאָמען קאָזאַריאָס. עטלעכע, וואָס זיי האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס מיינט מען זיי מיט דעם דאָזיקן נאָמען, האָבן זיך געמאָלדן, זיי האָבן אָבער

פרעמד, מיט קאַלטע בליקן געקוקט אויף דער מחנה. קיינער פון זיי איז ניט געווען דער געזוכטער.

קאָזאַריאָסן האָט מען אין לאַגער ניט געקענט געפינען און דער צוטרוי צו בן־חסדאיס מחנה איז דורך דעם ניט גרעסער געוואָרן.

אָן אַ געצעלט און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, ניט אויסשפּאַנענדיק און ניט אויספּאַקנדיק זיך, האָבן די הונדערט מאַן געמוזט איבערנעכטיקן אין די בערג אונטער אַ שטאַרקער שמירה. און דערווייל האָט אַ רייטער מיט חסדאיס דאָקומענטן זיך אַוועקגעיאָגט אין דער הויפּטקוואַרטיר און געוואַרט דאָרט אויף סאַלימאַנען.

אויף אַזאַ קבלת־פּנים האָבן זיי זיך ניט געריכט. מיד און צעבראָכן פון לאַנגן מאַרש, פאַרביטערונג און יאוש אין האַרצן, האָבן זיי זיך אַוועקגעלייגט אויף פּוטערזעק און אויף דער פייכטער ערד אָט דאָרטן, וואו זיי זיינען געשטאַנען אָדער געזעסן מיט זייערע מידע פיס און מאַטע גלידער.

איין בן־חסדאי האָט אַפילו אויף אַ רגע ניט פאַרלוירן דעם מוט.

— וואָס עס זאָל ניט זיין דער סוף, — האָט ער צוגעגעבן מוט זיך אַליין און זיינע חברים, — מיר האָבן געטאָן ווי מענטשן פון מעשים און פון פליכט.

שווער ווי בליי האָט זיך די נאַכט פון די בערג־ווענט אַראָפּגעלאָזט אין טאָל. דער ווילדער מלחמה־געשריי פון מזרח־זייט האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם וואָיען און ברומען פון איבערגעשראָקענע חיות. עס האָט געגרילצט דער שפּיזנגעקלאַנג פון די פּאָסטנקייטן, באַגלייט פון האַרטע רייד און דומפּע רופן. מיט אַ תפילה אויף די פאַרשמאַכטע ליפּן האָבן די מידע וואַנדערער זיך געלייגט אָפּרוען און טאַקע באַלד פאַרזונקען אין אַ געזונטן שלאָף. נאָר בן־חסדאי האָט ניט געשלאָפן. ער איז געזעסן אויף דעם פּוטערזאַק און שטאַר געקוקט צו די פינקלענדיקע שטערן אויף דעם פרעמדן נאַכט־הימל. האָט ער ווידער זיך שווער פאַרזינדיקט, פאַרפירט אין אַ צרה אומשולדיקע מענטשן, וואָס האָבן פון גאָרנישט חושד געווען? איז מכיר געקענט געווען, ווען ער האָט אים, בן־חסדאין, מתרה געווען ניט איינמאָל, געזאָגט אויף

אים, אַז ער מאַכט אָן צרות און איז אים טאַקע ניט נאָכגע־גאַנגען?

ווי שאַרף און פייערדיק די שטערן האָבן דאָ ניט געפינקלט האָבן זיי דאָ אויסגעוויזן קלענער, צאַנקענדיקער, און דער נאַכט־הימל — מאַטער, אומדורכדרינגלעכער. אים איז נאָך געבליבן פריי דער בליק צום אויסגעשטערנטן הימל־דאַרף ער זיך מייאש זיין?

דאָרט אין שטאָט זיינען געווען סאַנגורי און ר' עמרם, וואָס האָבן ניט געהאַט איבער זיך ניט קיין הימל און ניט קיין שטערן. האָבן זיי אויך געגלייבט אין דער מסירה פון דעם כוזרי און טאַדלען אים, בן־חסדאין, אַלס דעם אמתן שולדיקן? וואָס וועלן זיי איצ־טער טראַכטן פון זיין נייעם אויפטו. אויב דאָס בלוט פון הונדערט יונגע נפשות וועט פאַלן אויף זיין קאָפּ — נחמה, זיין יונגע ווייב, און בת־שוע...

צום ערשטן מאָל האָט בן־חסדאי דערשפּירט אַלע יסורים און פּחדים פון אַ פירער, ווען זיין אויפגאַבע נעמט אָן אַ שלעכ־טע ווענדונג.

אַלץ האָט פעסט געשלאָפן, נאָר בן־חסדאיס מאַטע אויגן האָבן זיך אַלע ווײַלע געעפנט צו דעם אויסגעשטערנטן הימלס־געצעלט. זיין כוח האָט געאַרבעט אָן אַן אויפהער... אָבער דאָס האַרץ האָט צו גלייכער צייט גערעדט אַן אייגענע שפּראַך:

„גאָט איז מיין פּאַסטעך,
עס טוט מיר ניט פעלן".

דאַכט זיך, עפּעס אַ גערויש קומט פון וויטן?

דייטלעך האָט ער איצטער דערהערט אָפּגעריסענע קלעפּ פון אַ פערד־טראַמפּלעריי, אַלץ נעענטער און נעענטער. אָט האָט דער פערד אַ זעץ געטאָן מיט די פאָדקעוועס, איז שטיין געבליבן אַ קורצער איבעררייד מיט דעם פאַסטן און שווערע טריט האָבן אָפּגעהילכט דורך דער נאַכט, אַ ליכט־פינטל האָט זיך דערנעענטערט צו זיין לאַגער־אָרט, מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט אויס־מיידנדיק אין אַ וויטן אומוועג אַלע שלאָפנדיקע אַרום אים. דאָס ליכט האָט זיך פאַרלאָשן און פאַר אים איז געשטאַנען אַ טונקע־לע געשטאַלט, אַזוי ווי אַרויסגעוואַקסן פון דעם נאַכט־באָדן.

— דאָ איז דער פירער פון דער פרעמדער מחנה?

— איך האָב געבראַכט אהער די מענטשן, — האָט בן־חסדאי געזאָגט, — פאַרהאַן אַ באַפעל פון סאַלימאַנען?

— דערווייַלע נאָך ניט, בן־חסדאי, אָבער דו האָסט זיך נאָכגעפרעגט אויף מ י ר.

— קאָזאַריאָס!..

בן־חסדאי האָט אין דער פינסטער געזוכט דעם כּוזריס האַנט.

— מיר האָבן אַלזאָ קיין טעות ניט געהאַט, דו ביסט דאָ און קומסט אַלס פריינד?!...

— יאָ, בן־חסדאי, איך בין דאָ און אויך נ י ט דאָ. איך שטיי אויף אַ געהיימען פּאָסטן, און סיי אַ פריינד סיי אַ פיינד קען מיך ניט אַזוי לייכט געפינען. אָבער ד י ך דאָ צו טרעפן, דאָס האָט זיך מיר אַפילו ניט געחלומט. וואָס האָט אייך פון דער באַשיידנקייט און מנוחה פון אייערע גאַסן געבראַכט אהערצו, אין דער האַרטער רויער לופט, וועלכע איז צעטרייסלט פון דעם געקלאַנג פון שפּיזן און פון מלחמה־געשריי?

— מיר ווילן אייך העלפן און זייט ביי זייט מיט אייך מיטאַרבעטן פאַר דעם גליק פון כּאָזאַריע.

— איר, פון דעם עם־הספר, וואָס ווייכט מיט אַזאַ פּחד פון שווערד און בלוט?

— מיר מוזן זיין שטאַרק, ווען די שווערד דאַרף דינען דעם ספר... אונזער ספר און אונזער לעבן נאָך דעם הייליקן ספר שטייט אין סכּנה, און די פריינד, וואָס קענען אונז העלפן, האָבן אונז פאַרלאָזן...

בן־חסדאי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון די דאָזיקע ביטערע ווערטער.

אַרום און אַרום אַ שווערע בייַנאַכטיקע שטילקייט.

— איך האָב עפּעס געהערט וועגן די באַשולדיקונגען קעגן אייך, — האָט קאָזאַריאָס געזאָגט נאָך אַ ווייַלע טראַכטן, — אָבער עס איז דאָך אַ משוגעת און מ׳קען עס ניט נעמען ערנסט, און דאָ

רעדט איר גאָר פון סכנות, הגם אַלע ווייסן, אַז דער כאַקאַן איז צו אַלעמען גוט, פונקט ווי קלוג און גערעכט.

— עס פעלט אונז דאָרט אַ מליץ־יושר, וואָס זאָל געווינען אונזער לערע, אונזער כאַראַקטער און מנהגים, און זאָל זיין אַן עדות אויף זייער ריינקייט און אונזער געטריישאַפט.

— און זיי מיינען עס מיך מיט דער דאָזיקער טענה?

— יאָ, אַ טייל...

— און די איבעריקע...

— די איבעריקע גייען נאָך ווייטער אין זייערע טענות... ביז צום חשד...

קאַזאַריאַס האָט אַזאַ שטאַרקן טופע געטאָן מיט דעם געשפאָרנטן פוס, אַז די ערד האָט אַ ציטער געגעבן.

— מכיר איז אויך דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, — האָט בן־חסדאי געענטפערט, — ער גלייבט ניט אין מיר און אין מיין שליחות און האַלט זיך פון וויטן.

— און האַלט און רעדט אַנדערע איין, אַז איך האָב פאַר אייער גאַסטפריינדשאַפט באַצאָלט מיט בגידה?...

— אַ אומגליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דיין פאַרשווינדן זאָל גראָד אויספאַלן אין איין צייט מיט דעם איבערפאַל אויף דער חתונה און מיט דעם אַרעסט פון סאַנגורי און ר' עמרם.

— אַלזאָ, האָסט דו אויך זיך טועה געווען אין מיר?

— ניין, קאַזאַריאַס, מיין האַרץ האָט דיך פאַרענטפערט, אויב אַפילו דאָס מויל האָט עס ניט געוואַגט—וואָרעם עס וואָלט געקלונגען ווי פאַרענטפערן זיך אַליין... פאַרהאַן בלויז געציילטע מענטשן, וואָס האָבן ניט מורא אָפן זיך אָנצונעמען פאַר דיר און אַרויסצושרייען דיין אומשולד פאַר דער גאַנצער וועלט...

— וואָס מאַכט בת־שוע? האָט ער ווידער געפרעגט.

— זי איז פאַרזאָרגט צוליב דעם פאָטער און צוליב יענעם,— וואָס האָט געקענט העלפן און לאָזט פון זיך גאָרניט הערן; אַ שטיצע געפינט זי אין נחמהן, וועלכע איז איצטער מיין ווייב.— אָבער, קאַזאַריאַס, לאָמיר ריידן פון נעענטערע זאכן, וואָרעם עס

איז נייטיק גיכע הילף. קענסטו אונז העלפן דאָ אין אונזער ביטערער לאַגע, קאָזאַריאָס?

— וואָס דאַרף מען טאָן און וואָס האָט איר בדעה צו אונטערנעמען?

— מיר זיינען ווינציק אין צאָל און ניט איבעריקס באַהאַוונט אין תכסיסי מלחמה, אָבער גוט אויסגעלערנט און מיט אַ גוטן ווילן. דאָך האָט מען אונז דאָ באַגעגנט מיט אומצוטרוי. קענסטו פאַרוואַרפן פאַר אונז אַ גוט וואָרט ביי סאַלימאַנען?

— אפשר; אָבער וואָס זייט איר בכלל אויסן?

— אין כוח און גבורה צו פאַרוואַנדלען אונזער חלק, וואָס מ'האָט אונז פאַרוּוערט אָפּצוגעבן אין גאָלד. ווען מיר זאָלן דערמיט נאָר באַצאָלן דעם כאַקאַן און זיינע ראָטגעבער אַ טייל פון אונזער דאַנק, וואָס מיר קומען, און געבן אַ באַווייז פון אונזער געטריישאַפט... אויך איז דאָ אַ כוונה, אָפּצונעמען דאָס געווער ביי די שונאים...

— דער פּעגאַן האַמענאַס און דער אויסגעצייכנטער מילקאַמין, וואָס פירט מיט זיין קלוגן ראָט די מלחמה — זיצנדיק אויף דעם ווייכן קישנבעט פון כאַקאַנאַט, — האָט קאָזאַריאָס מיט געשפּעט זיך אָפּגערופן.

— דו קענסט און ווילסט אַלזאָ אונז העלפן? — האָט בן־חסדאי איבערגעחזרט.

— איך וועל פּרוּוון, ווי ווייט עס ליגט אין מיין רשות, סיי דאָ אין לאַגער סיי דאָרטן אין באַלאַגאַר—פונדעסטוועגן, חסדאי, קענסטו דאָ אויף מיין נאָמען ניט בויען. ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, בין איך דאָ אויף אַ געהיימען פּאָסטן, בין — דעם אמת געזאָגט, גאָר ניט דאָ... איך וועל אָבער נאָך קומען ווידער—און אין דער שטילקייט פון דער באַרג־נאַכט וועלן מיר ווייטער קענען ריידן וועגן אונזערע ענינים.

דאָס ליכט־פּינטעלע אויף דעם כוזריס ברוסט האָט ווידער זיך אָנגעצונדן.

אַ קורצער גרוס אויף דעם כוזרישן שטייגער און קאָזאַריאָס

איז מיט פעסטע שריט אַוועק פון דאַנען. אַ הילכנדיקער קלאַפּ פון פאַדקעוועס—און דער פערד מיטן רייטער זיינען פאַרשוואונדן אין דעם חושך פון דער נאַכט.

XV.

וואָכן נאָכאַנאַנד האָט דער גערעַנגל צוליב די מויערן פון אַרדילאַן געפלאַקערט מיט דער גרעסטער פאַרביסנקייט. אין קאָן איז געשטאַנען דער אויסגאַנג פון דער מלחמה. די גאַנצע אַרמיי פון אַכמאַדוס איז צוזאַמענגעצויגן געוואָרן הינטער דער פעסטונג, וואו זי האָט מיט טאָג־טעגלעכע אויספאַלן שטאַרק באַדריקט דעם רעכטן און לינקן פליגל פון די כוזרים. אָבער סאַלימאַנס אייזערנער רייף האָט אַלץ ענגער און ענגער אַרומגענומען די אַראַבער, אַזוי אַז זיי זיינען איצטער געבליבן כמעט ווי אין אַ זאַק אין און הינטער אַרדילאַן. מיט אַ ווילדער רציחה האָבן די פאַרשפּאַרטע געשטורעמט אויף רעכטס און אויף לינקס, כדי דורך פאַרטיזאַנישן קאַמף אויפצוהאַלטן סאַלימאַנס חיילות, אויסמאַטערן זיי און אויף יעדן פאַל איבערלאָזן פאַר זיך אַ פרייען וועג אָפּצוטרעטן אין די בערג אַריין. אָבער סאַלימאַנען האָט זיך איינגעגעבן צונישט צו מאַכן אַלע כוונות און פּלענער פון דעם שונא. ער האָט פאַרנומען אַלע דורכגענג און האָט פון אַלע זייטן אַלץ ווייטער פאַרצויגן דעם קרייז אַרום דער פעסטונג ביז צו די אַרויסגענג פון די בערג. דערנאָך האָט ער מיט זיין הויפּט־חייל אַזוי אימפּעטיק געשטורעמט קעגן דער מויער, אַז אונטער די גוואַלטיקע קלעפּ פון די מויערברעכערס האָט זיך אָפּגעבריקלט אַ שטיין נאָך אַ שטיין און די לאַגע פון די אַראַ־בער איז געוואָרן קריטישער פון שעה צו שעה.

זיבט דער ערשטער ביינאַכטיקער באַגעגעניש מיט קאָזאַר־יאַסן האָט זיך אויך געענדערט די מערכה פון בן־חסדאי און זיין מחנה. אויף צומאָרגנס האָט אַ העראָלד זיי געבראַכט אַ פּאַפּיר פון יורש־עצר סאַלימאַן, אַז זיי ווערן אויפגענומען אין דער קריגס־אַרמיי. זייער אויפגאַבע איז געווען נאָר אַ אומדירעקט

קריגערישע. זיי האָבן געהאַט אויף זיך דעם דינסט אַלס וואַכ־לייט, פלעגן באַזאָרגן באַפעלן און עסנוואַרג פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן און האָבן אַזוי גוט אויפגעהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן די באַזונדערע אָפּטיילונגען, אַז די געבענטשטע ווירקונג פון דעם „חסדאי־לעגיאָן", ווי מ'האָט זיי גערופן, האָט זיך גע־לאָזט פילן ביז די ווייטסטע ווינקעלעך פון דעם לאַגער. דורכ־דעם זיינען פאַר דער הויפּט־אַטאַקע פריי געוואָרן געניטע שלאָג־פעיקע קרעפטן. די באַזאָרגונג מיט פּראָוויאַנט און אַמוניציע, ווי אויך דער קאָנטאַקט צווישן די מלחמה־אָפּעראַציעס האָבן זיך כּסדר פאַרבעסערט און מקרב געווען דעם גוטן סוף.

דאָס אַלץ האָט ביז גאָר דערהויבן די ווערדע פון דער חסדאי־מחנה אין די אויגן פון די בטבע דאַנקבאַרע כּוזרים. די „חסדאיער" האָבן געהאַט אַ שם פאַר פלינקע און געטרייע, וואָס מ'קען זיך אויף זיי אין אַלצדינג פאַרלאָזן; גוטע קענער פון אַראַביש, זיינען זיי זייער שטאַרק צוניץ געקומען אויך אַלס טאָלמעטשער פאַר די געפאַנגענע, וואָס די כּוזרים פלעגן באַהאַנד־לען זייער איידל, שטאַרק צוניץ געקומען צום איבערלייענען אַראַ־בישע געשריפטן און צייכנס.

דערביי האָבן די חסדאיער צווישן זיך אָפּגעהיט זייערע אייג־נע מנהגים און טראַדיציעס. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענעם אָפּגע־זונדערטן לאַגער, וואו זיי האָבן אונטער בן־חסדאיס הנהגה געפירט זיך גאַנץ יידישלעך, ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט ביי די באַדינ־גונגען פון מלחמה־לעבן. אין די נעכט, ווען זיי זיינען פריי געווען פון דינסט, זיינען זיי זיך געזעסן אַרום זייער אייגענעם פייער און גערעדט וועגן דער היים און וועגן ענינים פון דער יידישער תורה. זייער אייגענע פעלדקיך האָט דערוועקט פּונקט אַזוי וויניק אויפרעגונג, ווי זייער דאַווענען בציבור און זייערע לידער, אין וועלכע זיי האָבן אויסגעזונגען די גאַנצע בענקשאַפט פון הארצן.

בלויז נאָך איינמאָל איז קאָזאריאָס געקומען צו חסדאין אין דער סודותפולער שטילקייט פון אַ נאַכט אָן שטערן. און גערעדט האָבן זיי נאָר קורץ, שטיל, אין האַלבע ווערטער, וואָרעם די שעה

פון דער אַנטשיידונג האָט זיך גענעענט, און ס׳איז ניט געווען קיין צייט פאַר לאַנגע שמועסן.

— אונזער זאַך האַלט גוט,—האָט קאָזאַריאַס ביים אָפּשייד געזאָגט,—און עס איז שוין נאָענט די צייט, ווען מיר וועלן מעגן ריידן אין מיטן העלן טאָג, אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט. איצט איז די צייט צו טאָן!...

* *
*

אויך די חסראיער האָבן דערשפּירט, אַז דער סוף דערנעענ־טערט זיך. זיי האָבן געהיט די פאַרנומענע וועגן און דורכגענג, זיך אַרומגעיאָגט מיט באַפעלן און שליחותן אַהין און צוריק און האָבן ניט געהאַט איצט קיין רו סיי בייטאָג סיי ביינאַכט.

אין אַ לבנהדיקער נאַכט איז בן־חסדאי מיט אייניקע פון זיינע געטרייסטע חברים אויפן באַפעל פון דער העכסטער וואַך געשטאַנען אויף אַ שפּיץ באַרג מיט אַן אויסזיכט אויף די געזימסן און טורעמס פון אַרדילאַן. פון דאָרטן האָט מען געדאַרפט לויגן אויף דעם גאַנג פון דער שלאַכט. אויף די וואַלן פון יענער זייט מויער האָבן זיך באַוועגט שוואַרצע שאָטנס, איילנדיק און פאַר־האַוועט ווי די רוחות. אָבער פון אויסן האָבן געשטורעמט די חיילות און ס׳האָבן געקנאַלט די שטורעמהאָרנס, אַזש די בערג און די טאָלן האָבן געהילכט פון ווילדן מלחמה־געשריי, וואָס האָט באַטויבט די אויערן. שוין לאַנג האָט בן־חסדאיס בליק נאָכגע־שפּירט אַ באַוועגלעכן פּונקט אויפן לינקן פליגל פון דער מויער. דאָ, אויף דעם שטילסטן עק פון דעם מלחמה־פּלאַץ, האָט מען גע־קענט אָבסערווירן לייכטער ווי אַנדערש־וואו.

— דאָס איז אַ מענטש, וואָס רוקט זיך דורך דער נישע,—האָט באַמערקט חזקי, וועלכער האָט געלוגט אין טאָל אַראָפּ, לעבן חסדאין.

— מיר מוזן שטאַרק אַכטונג געבן,—האָט חסדאי אַרויפגע־פּליסטערט, און ביידע האָבן זיך אויסגעצויגן אויפן ראַנד פון באַרג און נאָכגעקוקט.

דאָס שוואַרצע פּינטל האָט זיך באַוועגט ווי אַ שאָטן, וואָס גנבעט זיך, זיך שפּרינגענדיק געשלענגלט פאַזע דער מויער און אַזוי ווי אַ מוילוואָרף דורכגעפּויזעט אויף דעם זאַמדיקן

באָדן; דערנאָך איז די געשטאַלט פאַרשוואונדן ביים צופוסנס פון באַרג אַזוי ווי אַ דורכשוועבנדיקער באַרג־גייסט.

— אַן אַראַבישער וואַך־פּאָסטן, וועלכער האָט פון די וואַלן עפּעס אַנטדעקט אויפן האָריזאָנט און לאָקערט איצט דערויף, — האָט בן־חסדאַי אַרויסגעזאָגט זיין השערה.

— לאָמיר אַראָפּגיין און שלאָגן אַלאַרם, — האָט חזקי פאָרגעלייגט.

— שוין צו שפּעט, — האָט בן־חסדאַי געענטפערט, — פונדערווייטנס, פון מזרח־זייט, הער איך שוין אַ טראַמפּלעריי פון פערד. עס דערנעענטערט זיך איין רייטער אָדער עטלעכע, אויף וועלכע עס לאָקערט דער פיינדלעכער אויסשפּירער. לאָמיר, חזקי, טאָפּלט אָנשטרענגען אונזערע אויגן און אויערן און דורך אַ סיגנאַל מתרה זיין די רייטער, ווי נאָר זיי וועלן זיך דערנעענטערן צו אונז אויף אַ מהלך פון אַ מענטשלעכן קול.

אין דער רגע איז געקומען אָנצורייטן די קליינע קאַוואַלקאַדע בראש מיט אַ גרויסער, שלאַנקער געשטאַלט אויף אַ שוימעדיקן פערד מיט אַ פלאַטערנדיק פענדל אויף דער בלישטשעדיקער שפּיז. דאָס איז געווען אַ הויכער קריגסמאַן מיט מענטשן פון זיין שטאַב — בן־חסדאַי האָט עס גלייך באַמערקט פון דער ווייטער הייך נאָך דער גאַנצער האַלטונג פון דער קליינער רייטער־גרופּע.

דער רעש און געשריי און דאָס שטורעמען האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אויף דער צווייטער זייט, וואו עס האָט זיך באַשיינפּערלעך אָנגעהויבן דעם שונאס אַ נייער אויספאַל. דאָ אונטן איז געוואָרן שטילער. די רייטער אונטן האָבן, ווייזט אויס, רויק און בהרחבהדיק געוואָלט אויסזוכן נייע גינסטיקע פונקטן צו אַטאַקירן די מויער, ווארעם דער פירער איז אַראָפּ פון פערד; פון שפּיץ באַרג האָט מען געקענט זען נאָר זיין רוקן און די האַנטבאַוועגונגען. אַקעגנאיבער אויף די וואַלן איז דערווײַלע ווידער לעבעדיק געוואָרן און בן־חסדאַין האָט אַדורכגענומען דאָס געפיל, אַז ער מוז שיצן דעם אומבאַקאַנטן קריגער אונטן, מעג זיין, וואָס עס וויל.

ער האָט אָנגעשטרענגט אַראָפּגעקוקט אונטן צו דעם פּינטל, וואָס האָט זיך אין דער רגע לאַנגזאַם אָפּגעטיילט פון דער פעלזנ־וואַנט.

— ער אַכט אָפּ זיין קרבן, לאָזט אים פון אויג ניט אַרויס, זע—ער שפּאַנט זיין פיילנבויגן! — האָט בן־חסדאי אויסגעשריען, איינגאַנצן אויסער זיך.

חזקי האָט אַ בלאָז געטאָן אין זיין האָרן צו געבן אַ התראה־סיגנאַל, בן־חסדאי האָט אַרונטערגעשריען מיט אַלע זיינע כּוחות, די רייטערס אונטן האָבן גאָרנישט ניט געהערט און ניט געזען. אָבער דער אַראַבער האָט משמעות דערהערט דעם רעש. ער איז געוואָרן פאָרזיכטיק, אומאַנטשלאָסן, אומ־זיכער, זיך אַרומגעקוקט אַרויפצו און אויף די זייטן און, איינ־גאַנצן זיך צוגעדריקט צו דער באַרג־וואַנט, האָט ער איבעראַנייס גענומען זיך אָריענטירן לגבי זיין ציל און ריכטונג.

בן־חסדאי האָט דערווייליע ווידער איינגאַנצן זיך באַהערשט.

— איינער פון אונז מוז וואָס גיכער אַרונטערלאָזן זיך און אָפּהאַלטן דעם קלאַפּ, — האָט ער קורץ און שאַרף באַ־שלאָסן.

— דער באַרג־שטעג פירט דורך אַ רוישט, וואָס ליגט אַ היפּשן מהלך פון דאַנען, — האָט חזקי באַמערקט.

— אַזוי פיל צייט האָבן מיר שוין מער ניט צו פאַרלירן,— האָט בן־חסדאי האַסטיק אָפּגעענטפערט, — איך לאָז זיך אַראָפּ דאָ גלייך איבער דער שטייַלער וואַנט.

— זי פירט אין באַרג־שפּאַלט אַריין און — אפשר צו דעם טויט.

— איך מוז עס וואַגן! — האָט בן־חסדאי אויפגערעגטער־הייט אויסגעשריען. — עס מוז געשעען! זיי געזונט און גיב אָפּ אַ גרוס נחמהן...

איידער חזקי האָט געהאַט צייט עפּעס איינצווענדן, איז בן־חסדאי אויף אַלע פיר אַראָפּגעקלעטערט פון די ערשטע אַרויס־שטאַרצן, געפּויזעט פון שפּיץ צו שפּיץ, און מיט אַלע זיינע כּוחות

געפלייסט זיך איינצוהאַלטן, ביז ער האָט סאַמע פאַר דעם באַרג-שפּאַלט דערגרייכט דעם אַראַבישן בויגנשיסער.

דערשראָקן אויף טויט, האָט דער שיסער ווי אַ קלעם זיך אָנגעכאַפּט אָן בן-חסדאַיס אָרעם, און ביידע זיינען אַרונטער געפאַלן אין דער טיפעניש...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז בן-חסדאַי איז צום ערשטן מאָל ווידער געקומען צו זיך, האָט ער זיך דערזען אין אַ ליכטיקן, זויבערן געצעלט, גוט און וואַרעם איינגעהילט אין פעלן און דעקעס. ער האָט ניט געשפּירט קיין שום ווייטאָג, אָבער ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ, גלייך ווי וועלנדיק זיך דערמאָנען אָן עפּעס, וואָס איז געווען אַזוי ווייט פון אים... ער האָט געטאַפּט אַרום זיך, ווי ער וואָלט געזוכט אַ אָנהאַלט, ניט אַרונטערצופאַלן. ביי זיין געלעגער איז געשטאַנען קאָזאַריאָס.

— דו האָסט אויפגעוואַכט, חסדאַי, לעבסט און וועסט געזונט ווערן! מיר האָבן אַזוי זיך געשראָקן פאַר דיר!...

— וואָס איז דאָס געווען, קאָזאַריאָס? איך קען זיך גאָרניט דערמאָנען.

— דו האָסט אָפּגעטאָן אַ גרויסע זאַך, חסדאַי, אַז דער גרעסטער גבור מעג דיר מקנא זיין. דו האָסט זיך דערוועגט אַ שפּרונג צו טאָן אויף אַ זיכערן טויט פאַר אַן אַנדערן... און דו ווייסט — פאַר וועמען?

— איך ווייס קיין זאַך ניט, קיין זאַך ניט!..

— פאַר דעם ערשטן און העכסטן חיילס-פירער, פאַר דעם יורש-עצר סאַלימאַן.

— וואָס איז געשען?

— פאַר דער לעצטער שלאַכט איז סאַלימאַן מיט אַ פּאָר מענטשן פון זיין שטאַב אַרויסגעריטן צו באַטראַכטן נאָכאַמאָל די מערבדיקע זייט מויער, וואו מ'האָט געוואָלט דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ. נאָר ער אַליין האָט געוואוסט פון דעם פּלאַן, און האָט גאָרניט באַמערקט, אַז דער טויט האָט שוין געלאָקערט אויף אים און זיין פּלאַן... דאָ אָבער איז ער, דער טויט,

הייסט עס, אָפּגעהאַלטן געוואָרן, און דורך דיין גבורה איז ניצול געוואָרן סאַלימאַן און דאָס לאַנד פון די כּוזרים. איצט ווייסטו שוין, וואָס דו האָסט געטאָן? סאַלימאַן האָט מיך געשיקט אַהער, דיר צו זאָגן אַ דאַנק.

— מיין זכרון וועקט זיך איצט לאַנגזאַם אויף. איך האָב דעם פאַרגנבעטן שיסער אַ ריס געטאָן אַרונטער מיט מיר צוזאַמען. אָבער וואָס איז ווייטער געוואָרן?

— און דאַן זייט איר ביידע געבליבן ליגן צונויפגעקלאַמערט ביי סאַלימאַנס פיס. סאַלימאַן האָט תּיכּף פאַרשטאַנען די לאַגע. דעם אַראַבערס פייל איז געווען געסמט, און עס איז ניט געווען קיין שום ספק, קעגן וועמען ער האָט געצילט... און דער, וואָס האָט אים דעם פייל אַרויסגעשלאָגן פון דער האַנט, איז אַ חסדאיער, חסדאי אַליין. ביידע האָבן נאָך געעטעמט. נאָר דו האָסט דורך דער אויפטרייסלונג און אָפּגעמאַטערטקייט געחלשט, און לויט סאַלימאַנס פאַראָרדענונג האָט מען דיך געבראַכט אין דעם בעסטן געצעלט אַריין, און די בעסטע רופאים האָבן דיר דיינע וואונדן פאַרבונדן און דיך צוגעזעען.

— און וואָס איז געוואָרן מיט דעם אַראַבער?

— דער אַראַבער איז געבליבן ליגן פאַרפלאָנטערט אין זיין פיילנבויגן, מיט אַ שטאַרק צעבלוטיקטן קאָפּ, אָבער מיט אַ דייטלעכן אָטעם נאָך. איינער פון די רייטער האָט אים געוואָלט דערשלאָגן אויף טויט. אָבער סאַלימאַן האָט אָפּגעהאַלטן זיין האַנט. און פאַרוואָס דען טאַקע האָט ער געדאַרפט מיט זיין לעבן באַצאָלן פאַר זיין גבורה צוליב ז י י ן פאָטערלאַנד? דער רייטער האָט, אמת, געהאַט אַ טענה, אַז דער אַראַבער האָט דעם איבערפאַל געוואָלט אויספירן ניט אין אַן אָפענער שלאַכט, נאָר פון אַ הינטערווינקל אַרויס. דער שר־צבא אָבער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע—אַז אַזויערנאָך האָט דער אַראַבער נאָך מער איינגעשטעלט. ער איז דאָך אויסן געווען אים, דעם פירער פון דער גאַנצער מלחמה, און דערמיט האָט ער געוואָלט ראַטעווען זיין פאָלק. מ׳האָט אים אויך איבערגעבונדן און רופאים זעען אים צו. ווי נאָר ער וועט געזונט ווערן, וועט מען אים אָפּלאָזן צוריק צו די זיי־

ניקע, ער זאָל זיי דערציילן, ס׳אַר וואַכיקע אויגן די כּוזרים האָבּן און ווי זיי וויסן צו שעצן גבורה אַפילו ביים שונא...

בן־חסדאי האָט פאַרטראַכטערהייט געקוקט שטאַר אין דער ווייט אַריין.

— וואָס איך האָב, קאָזאַריאָס, געטאָן, איז געווען מיין חוב. פאַרוואָס זאָל סאַלימאַן די ערפילונג פון אונזער חוב אונז פאַררעכענען העכער ווי די אַנדערע?

אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט קאָזאַריאָס זיך ניט אָפּ־געשטעלט.

— עס האָט זיך ניט געהאַנדלט בלויז אום סאַלימאַנען, דעם כּאַקאַנס איינאונאיינציקן זון, — האָט ער געזאָגט, — נאָר אום דעם כּוזרישן לאַנד גופא... אָבער איצט איז ניט קיין צייט צום ריידן. דו הערסט, ווי די האָרנס שאַלן? דער לעצטער קאַן גייט און אַלץ שטייט אין קאַן. סאַלימאַן רופט. ווי נאָר דער נצחון וועט זיין פאַרפול, וועט ער אַליין קומען אָפּדאַנקען זיין לעבנס־רעטער. האָרך זיך צו, חסדאי, צו דעם קלאַנג פון די האָרנס: וועט שאַלן די פרייד פון נצחון, זאָלסטו זיך מיטפרייען, וואָרעם פון דעם דאָזיקן נצחון ווענדט זיך זייער אַ סך...

קאָזאַריאָס איז אַרויס פון געצעלט מיט גיכע טריט.

XVI.

אזוי ווי אַ באַטויבטער איז בן־חסדאי געבליבן אין זיינע דעקעס. האָט ער באַנומען אַלצדינג, וואָס דער צוריק געפונע־נער כּוזרישער פריינד האָט אים געזאָגט? און ווי אַנדערש האָט עפּעס הייגט גערעדט דער מענטש, וואָס איז תּמיד געווען אַזוי שטאָלץ און קאַלט! ער האָט זיך פּלוצלונג עפּעס דערמאָנט. דאַ־מאָלסט אויפן בית־עלמין אין באַגדאַד! דער אַראַבער מיט דעם קינזשאַל פאַר אים און הינטער אים דער שטאַרקער מאַן, קאָזאַ־ריאָס, וועלכער האָט מיט זיין געזונטער האַנט אַוועקגעלייגט דעם רוצח! ווי אַזוי ער האָט עס דאַמאָלסט אָפּגעשטויסן יעדן אויס־דרוק פון דאַנק! ווי ווייניק אַכט ער האָט עס געשאָנקען דער דאָזיקער פּאַסירונג! און איצטער...

איז דאָס קאָזאַריאָסעס ליבשאַפט צו זיין פאָטערלאַנד, צו זיין אַרמיי־פירער און דעם קומענדיקן כאַקאַן? אפשר איז ער גאָר געווען צווישן די רייטער אונטן ביי דער מויער אַרום סאַלימאַנען? ער האָט דאָך טאַקע געזאָגט, אַז ער שטייט אויף אַ געהיימען פאָסטן?...

ווער איז בכלל דער דאָזיקער קאָזאַריאָס און וואָס קומט פאָר אין דעם דאָזיקן האַרצן הינטער דער געפאַנצערטער ברוסט? דאָ האָט ער גערעדט ווייניקער וועגן ענינים פון רוחניות און אמונה, דאָ איז ער אינגאַנצן געווען אַ קריגער, אַ העלד, אָבער דאָס רעטעניש פון זיין נשמה איז אַלץ געבליבן אומבאַשיידט ווי פריער.

דינער זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען, געבראַכט דאָ דאָס, דאָ יענץ פון רפואות און דערפרישונגען. רופאים האָבן אים אָפגעהיטענערהייט אויסגעווישט די וואונדן אויפן קאָפ. אַלצדינג אַרום אים איז געווען לויטער ליבשאַפט און אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געפילט אין קאָפ אַ מין רוישן און זשומען, אָבער זיסט קיין שום ווייטאָג ניט. די אָפגעשלאָפטקייט איז עפעס ווי אַוועקגעשוועקט געוואָרן פון נייע שטראָמען כוחות, וועלכע ער האָט געשפירט פליסנדיק אין זיינע אָדערן. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער און זיך צוגעהאָרכט, וואָס טוט זיך דרויסן.

טראָמפייטן האָבן געשאַלט, האָרנס האָבן געקלונגען פון אַלע זייטן, ווילדע אויסגעשרייען און שטורעם־סיגנאַלן. אַזוי ווי אַ רוישן פון ווינט האָט געפלאַקערט דער מלחמה־גערודער אַרום דעם געצעלט; דאָ פון דער זייט, דאָ פון יענער זייט האָט דער דאָזיקער גערודער זיך געשטאַרקט און שוואַכער געוואָרן, כדי ווידער אויפצושטייגן אַזוי ווי אַ אוראַגאַן פון ערגעץ אַן אַנדערער זייט. בן־חסדאי האָט זיך צוגעהערט צו דעם רעש און ביי יעדן נייעם געקלאַנג פון שלאַכטפעלד האָט זיין האַרץ אויפגעציטערט.

דאַכט זיך — פאַנפאַרן פון נצחון, אַ שמחה פון זיגער? אָט איז שטיל געוואָרן און דאַן ווידער — געזאַנג און התלהבות, פריילעכער קלאַנג פון האָרנס און אויסגעשרייען פון פרייד אויס

טויזנט שטאַרקע קעלן. ער האָט שוין ניט געקענט מער בלייבן אין בעט און האָט זיך אַרויסגעכאַפּט.

דינער זיינען אַריינגעלאָפן אין געצעלט אַריין.

— די מויערן פון אַרדילאַן געפאַלן, אַכמאַדוס געשלאָגן אין נאַקן, די זאַקרויב איז גרויס אָן אַ שיר!..

— סאַלימאַן און זיין שטאַב! — האָט אָנגעזאָגט אַ צווייטער, — מיט וואָס פאַר אַ התלהבות דאָס חייל נעמט אים אויף, ער רייט אַהערצו, צו דעם געצעלט...

— סאַלימאַן, דער ליבלינג פון די געטער, קומט אָן! — האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די רייען.

— רעדט ניט פון די געטער, סאַלימאַן האַלט ניט צו פיל פון זיי און האָט ניט ליב, אַז מ׳דערמאָנט זיי, — האָט איינער באַמערקט.

בן־חסדאי האָט זיך אויפגעשטעלט אינגאַנצן, וואָרעם דער הויכער גאַסט, וואָס איז איצטער, געפאַנצערט און קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, אין דער געזעלשאַפט פון עלטערע קריגסלייט, אַריין אין געצעלט, איז געקומען צו אים...

— זיי געגריסט, בן־חסדאי, אַ נצחון, אַ פולער ענדגילטיקער נצחון! די אַראַבער זיינען געשלאָגן אין נאַקן, דער לעצטער רעשט האָט זיך אונטערגעגעבן, אַרדילאַן געפאַלן און אונזער אַרמיי גייט פאָרויס ביז צו די אַרמענישע בערג!...

בן־חסדאי האָט אָן זינען שטאַר געקוקט אויף דעם אָנזאָגער פון דער גוטער בשורה.

— איז דאָס ניט דער קול פון קאָזאַריאַס? מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז סאַלימאַן דער יורש־עצר קומט אין געצעלט אַריין?

— ער איז דאָ און דריקט זיין לעבנסרעטער צו דער ברוסט.

און דער רייטער אין דעם מיט גאָלד געהאָפטענעם מונדיר האָט אַרומגענומען בן־חסדאין און אים אַ קוש געגעבן. אַלע זיינען געשטאַנען אַרום און, שטאַרק גערירט, געקוקט אויף דעם גרויסן שטאָל־האַרטן זיגער פון אַרדילאַן, ווי ביי אים אין האַרצן

האָט זיך געעפנט אַ קוואַל פון וואַרעמער מענטשלעכקייט, וועלכן קיי־נער האָט גאָר קיינמאָל ניט חושד געווען.

בן־חסדאי איז געשטאַנען ווי אַ באַטויבטער, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און ניט געקענט אויסריידן קיין וואָרט.

— הער, חסדאי, איר האָט מיך גערופן קאָזאַריאַס און דער שלייער איבער מיין פּערזאָן האָט ניט געטאָרט אַראָפּפאַלן ביז אָט דעם מאָמענט, ווען איך האָב מיט דער געוואונענער פרייהייט פאַר מיין פאָלק אויך געוואונען די פולע פרייהייט פון מעשים. דו דאַרפסט, חסדאי, דעם יורש־עצר סאַלי־מאַנען שענקען ניט ווייניקער צוטרוי ווי דעם פריינד קאָזאַריאַס.

בן־חסדאי האָט זיך טיף געבוקט פאַר סאַלימאַנען.

— זיי מוחל, גרויסער בן־מלך, מיר האָבן צו פיל גע־וואַגט !...

— ניט אַזוי פיל ווי איך, ווען איך בין אַריינגעדרונגען אין אייער קרייז אונטער אַ פאַלשן נאָמען...

— נו, וויבאַלד מיר האָבן איינגעזעען דעם טעות, — האָט בן־חסדאי אומגעשטערט ווייטער געזאָגט, — זאָל־זשע דער דער־לויכטענער בן־מלך אונז אַרויסווייזן זיין חסד און אונז שיקן אַהיים, כּדי מיר זאָלן אין דער שטילקייט פון אונזער קליינעם יידישן לעבן, ניט ברענגענדיק עס פאַר קיינעם פון די ליפּן, זיך קענען קוויקן מיט דעם נחת, אַז מיר האָבן געהאַט צווישן אונז אַלס פריינד און שטיצער דעם קומענדיקן הערשער פון כאַזאַריע. קיינמאָל וועלן מיר ניט אויסניצן דעם דאָזיקן חסד, וואָס גאָט האָט מיט אונז געטאָן, סיידן אַז מיר וועלן מוזן שיצן אונזער רעכט קעגן בייזוויליקע שונאים...

— ניין, חסדאי, — האָט סאַלימאַן לעבעדיק אים איבערגע־ריסן, — דו וועסט צוזאַמען מיט מיר אַריינציען אַלס זיגער קיין באַלאַגאַר. אַ רייטער איז שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט דער פריילע־כער בשורה. ביסטו שוין, חסדאי, אַזוי ווייט געקומען צו די כּוחות, אַז דו זאָלסט מאָרגן אימשטאַנד זיין מיט מיר זיך צו לאָזן אין וועג ?

— איך פיל זיך אינגאַנצן געזונט און דאָס גליק פליסט מיר דורך אַלע גלידער, אַז איך וואָלט געקענט בערג איבערקערן.

— און נאָך אַזאַך, חסדאי: די שלאַכט איז געוואונען, אָבער אַ צווייטע שלאַכט שטייט אונז פאָר, אַ גייסטיקע אין באַלאַגאַר... דער פעגאַן טאָר אונז ניט מקבל־פּנים זיין אין נאָמען פון סידדהאַרטע און אַנדערע געטער, און מיר וועלן ניט ברענגען קיין שום קרבנות אין דעם טעמפּל פון טרימורטי. ניט די דאָזיקע געטער האָבן אונז געגעבן דעם נצחון. דאָס וועט באַלד געוואויר ווערן דאָס גאַנצע פאָלק. אַ נייער גייסט ציט איצט אַריין קיין כאַזאַריע. דער נצחון וועט געפייערט ווערן מיט אַ יום־טוב פאַר דעם אמת...

פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג און אַ געקלאַנג און אַ פרייד־געשריי פון טויזנטער קולות. האַרטע טריט און אַ טראַמפּלען פון פערד.

— דו הערסט, חסדאי, דעם פריילעכן מאַרש? דאָס חיל קערט זיך אום אַהיים. איך און מיין שטאַב מאָרגן און דו מיט מיר ביי מיין זייט. מיר גייען צו אַן אַנדערן נצחון, אַ גרעסערן, אַ נצחון, מיט װעלכן אונזער פאָלק וועט זיך אויסראַנגלען דאָס העכסטע פרייהייטסגליק, וואָס אַ פאָלק, אַחוץ דיינעם, האָט ווען עס איז געהאַט. שטיי אויף, חסדאי, גורט זיך אָן מיט קראַפט!...

XVII.

אין באַלאַגאַר האָט מען מיט גרויס שפּאַנונג אַרויסגעקוקט אויף דעם מצב־העניינים אַרום אַרדילאַן, מיט אַ באַזונדער ציטער אין האַרצן — אין דעם יידנשטאָט, וואו מ'האָט גוט געוואוסט, אַז פון נצחון אָדער מפּלה הענגט אָפּ דער גורל פון די איינוואוינער. סאַנגורין און ר' עמרמען האָט מען נאָך אַלץ געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין ציטאַדעל, זיי האָבן אָבער געהאַט דאָרט פולע באַוועגונגס־פרייהייט און די בעסטע באַהאַנדלונג. קרובים און פריינד האָבן אומגעשטערט געקענט קומען זיי געוואָר ווערן, און זיי האָבן אויך געמעגט פירן זיך יידישלעך און עוסק זיין

אין זייערע ספרים. זייערע שומרים זיינען געווען ניט אַזוי תּפיסה=וועכטער, ווי געטרייע וואַרטער, וואָס האָבן געזאָרגט און געוואַכט איבער זייער פּערזענלעכן וואוילשטאַנד. ניט איינמאָל האָט מען פון דער געמיינדע געפּרוווט דערוועקן אַ השתּדלות ביים כאַקאַנאַט, מ׳זאָל די מנהיגים אינגאַנצן באַפרייען. אָבער סיי די געפאַנגענע גופא, סיי אַסאַריוס, כּספּי און באַלשאַן האָבן געהאַט וויכטיקע טעמים, דאָס ניט צו דערלאָזן. מ׳האָט ניט געטאָרט אויפרייצן דעם צד שכּנגד צו אַ קאָנטער=אַקציע.

אויך האָט קיינער ניט געוואוסט די סיבה פון דער ענדערונג אין דער באַהאַנדלונג פון די ערובניקעס. סאַנגורי האָט פאַרזאָגט, מ׳זאָל ניט דערציילן וועגן זיין שמועס מיט דעם כאַקאַן. אַחוץ די דריי יידן אין דער שטאָט פון די כּוזרים האָט קיינער דערפון קיין אַנונג ניט געהאַט.

דאָס לעבן אין דער קהילה איז נאָך אַלץ ניט אַריין אין די רעלסן. דאָס יונגוואַרג איז אַוועק און די ישיבה איז געשטאַנען ליידיק. סאַנגורי פלעגט נאָר טיף אָפזיפצן, ווען ער האָט גערעדט פון די אַוועקגעגאַנגענע, אָבער ניט געבראַכט פאַר די ליפּן קיין וואָרט ניט צו לויבן ניט צו טאַדלען. יחידי=סגולה האָבן געוואוסט, אַז ער האָט די אונטערנעמונג געהאַלטן פאַר אַ גרויס איינשטעלעניש, אָבער שטילערהייט האָט ער זי געבענטשט פון טיפסטן האַרצן.

נחמה פלעגט אָפט קומען אין ציטאַדעל אריין און שטאַרק זיך געעסקט אַרום פאָטער; מיט פרייד און שטאָלץ האָט זיך געהויבן איר ברוסט, ווען זי האָט גערעדט וועגן בן=חסדאין און דערציילט דעם פאָטער די פּרטים וועגן די וואונדער, וואָס זיינען אונטער איר מאַנס אָנפירונג פאָרגעקומען אין די הערצער פון די תּלמידים.

אויפן אָרט פון דעם אַוועקגעגאַנגענעם בן=חסדאי האָט מכּיר דער „טאָטער", גענומען זיך שפּילן די ראָלע פון אַ פירער פון דעם קליינעם איבערגעבליבענעם רעשט יוגנט, וועלכע ער האָט געפּרוווט צובינדן צו זיך מיט נייע געדאַנקען און אידעען... סאַנגורי האָט ניט צוגעלאָזט צו זיך קיין שום לשון=הרע. זיין אמונה

אין יעדן איינעם פון זיין מסיבה איז געבליבן מויערשטאַרק און מכירס בקיאות אין אַלע טיילן פון תנך, ווי אויך זיין גרויס חריפות אין דרשנען דעם פסוק, אַפילו די האַרבסטע ערטער, האָט באַזונדערס פאַרדינט זיין לויב.

אין שטאָט האָט מען אָבער דערציילט וועגן מכירן, אַז ער האָט אָפטמאָל אַ מגע־ומשא מיט פרעמדע מענטשן, פאָרט אַוועק אויף גאַנצע טעג און דרשנט פאַר זיינע תלמידים שיטות, וואָס ווייכן שטאַרק אָפּ פון סאַנגוריס; מ׳האָט אויך דערציילט, אַז ביי אים איז אַ געוויסע צייט איינגעשטאַנען עפּעס אַ מאָדנער רייזנדער פון קרים, וועלכער האָט זיך אַליין גערופן „דער שליח פון די בני מקרא״; פון דאַן אָן האַלט מכיר זיך עפּעס גאָר משונהדיק, עסט ניט קיין פלייש און טרינקט ניט קיין וויין, אַפילו לכבוד שבת ניט, און רעדט וועגן דער נאָענטער גאולה. אַנדערע זאָלן אויך האָבן געזעען, ווי ער לייגט תפילין אויף די האַנטלעפּל און טיף אַראָפּגערוקט אויפן שטערן ביז די אויגן. פון די גרויסע גמרות האָט ער זיך עפּעס ווי אינגאַנצן מרחיק געווען, און אַנשטאָט דעם האָט ער שטענדיק זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ קליינעם שיין געשריבענעם תנך, פון וועלכן ער האָט אַלעמען, וואָס האָבן געוואָלט הערן, מיט אַ ברען און אַ התלהבות פאָרגעלייענט, דערקלערט און געדרשנט. ער האָט זיך געפילט באַרופן צו שטיין אויף דער וואַך פון דעם ריינעם פשט פון דער תורה, צו שיצן זי פון פאַלשע טייטשונגען און פאַרדרייוונגען... אָבער קלאָר האָט ער זיך נאָך אַלץ ניט אַרויסגעזאָגט, ווער זיינען עס די דאָזיקע פאַלשע טייטשער און פאַרדרייער.

די אַלטע האָבן זיך קנאַפּ־וואָס געקימערט וועגן אים און וועגן זיינע שיטות, פון די יונגע זיינען אָבער נאָר געציילטע דאָ איבערגעבליבן און די דאָזיקע האָט געפעלט די אָנפירנדיקע און צונויפהאַלטנדיקע האַנט פון בן־חסדאי.

אַזוי־אַרום איז מכירס השפעה געוואַקסן אַלץ מער, וואָס אַ לענגערע צייט עס איז אַריבער און וואָס ווייניקער מ׳האָט געהערט פון בן־חסדאי און זיין מחנה.

פון קוריערן פון דעם שלאַכטפעלד, וואָס פלעגן ברענגען באַריכטן דעם כאַקאַנאַט, זיינען די יידישע פאָרשטייער אין דער כּוזרישער שטאָט געוואויר געוואָרן, אַז די „חסדאיער" קומען דאָרט שטאַרק צוניץ. כּספּי האָט זיך צוגעאײַלט איבערצוגעבן די בשורה סאַנגורין אין דער ציטאַדעל. לעת־עתּה האָבן זיי זיך געמוזט באַנוגענען דערמיט.

בכלל האָט סאַנגורי זיך איצטער מרחיק געווען פון די ענינים פון וועלט און פון לעבן נאָך מער, ווי ווען עס איז פריער. ער האָט זיך געמוזט צוגרייטן צו אַ שליחות, וואָס אַזוינס איז אין די ווייטערע יאָרהונדערטער אפשר ניט אויסגעפאַלן אויף קיין תּלמיד־חכם, און צוליב דעם האָט ער פאַרגעסן סיי די זאָרג פון זיין הויז, סיי די געשעענישן אין דער קהילה און אין דעם קליינעם קרייז אַרום מכירן.

אָפּטער ווי פריער האָבן אים אָנגעהויבן צו באַזוכן אַסאַריוס, כּספּי און באַלשאַן, און ער פלעגט טיילמאָל מיט זיי אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, זיך געעישובט און אַן עצה געהאַלטן. צוזאַמען מיט דעם דאָקטאָר האָט ער שטודירט די ספרים פון דער פילאָסאָפיע און באַטראַכט אַלע אַרגומענטן פאַר און קעגן דעם גאָטס־געדאַנק, ווי אויך אַלע ראיות פאַר און קעגן די אַנדערע אמונות על־פּי מסורה און על־פּי לאָגיק. און כּספּי מיט באַלשאַנען האָבן אינפאָרמירט סאַנגורין וועגן אַלץ, וואָס קומט פאָר אין כאַקאַנאַט. יעדע פרייע מינוט פון דעם טאָג און פון דער נאַכט איז אויסגעניצט געוואָרן אויף שטודירן און פאַרטיפן זיך אין די אַלטע און נייערע ספרים.

סאַנגורי האָט זיך פאָרגעברייט צו דעם גרעסטן טאָג פון זיין לעבן, צו דעם טאָג, אין וועלכן ער האָט, נאָך דעם נצחונדיקן צוריקקער פון סאַלימאַן, געדאַרפט דעם כאַקאַן און דעם ראָט עפנטלעך געבן אַ תּשובה און אַן אויפקלערונג איבער דעם מהות און דעם כאַראַקטער פון דער יידישער לערע.

ער איז געווען דורכגענומען פון דעם גאַנצן פּחד פון דער שווערער פאַראַנטוואָרטלעכער שליחות, הערנדיק פון אַסאַריוס, אַז

פון זיין תשובה און אויפקלערונג הענגט אָפּ די צוקונפט פון כּאַזאַריע.

אים האָבן אָבער באַרויִקט די ידיעות פון דעם גוט באַהאַוונטן באַלשאַן און פון דעם רירעוודיקן, אין אַלע סיטואַציעס גוט אָריענטירטן כּספּי, אַז סיי דער כּאַקאַן סיי אַלע חכמים פון ראַט, אַחוץ דעם פּעגאַן און מילקאַמינען, קוקן אַרויס אויף דעם וויכּוח און זיין פּועל־יוצא אָן שום פּאָראורטייל, אַפילו מיט סימפּאַטיע, צום טייל זאָגאַר מיט אַ גרויסער האָפענונג אין האַרצן.

אין דער צייט, וואָס אַרום סאַנגורין איז אַלץ ווי איינגעהילט געווען אין אַ שלייער פון פרײדפולער ערוואַרטונג, האָבן זיך איבער ר׳ עמרמס הויז צעלייגט טונקעלע שאָטנס. בת־שועס צושטאַנד האָט פאַרשאַפט שווערע זאָרג און דאגות. די מיידל האָט זיך איינגאַנצן פאַרענדערט, די בליענדיקע רויטקייט איז פאַרשוואונדן פון אירע ליפּן און דאָס פריילעכע לאַכן — פון אירע אויגן, אין וועלכע ס׳האָט אַצונד געברענט אַן אַנדער פייער, אַ פייער, וואָס קיינער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן.

אומרויִקע, פון שלאָף פאַרוואָגלטע נעכט מיט אַ לאַכן און וויינען דורך דולע חלומות; גרויע טעג, אין וועלכע בת־שוע פלעגט שטיל און פינסטער קוקן אין דער וועלט אַריין מיט שטאַרע אויגן, ריידנדיק פאַר זיך אָדער וועגדנדיק זיך צו עמעצן אַ אומגעזעענעם ווען מיט ווערטער פון ליבשאַפט. ווען מ׳האָט זי דערביי געשטערט, פלעגט זי ווילד אַ געשריי טאָן און זיך אַריינטאָן אין אַ דערשראָקענעם שווייגן.

אין שטאָט האָט מען שוין גאַנץ אָפן גערעדט, אַז בת־שוע איז ניט ביים זינען, און מ׳האָט דאָס דערקלערט מיט אַ איבערשרעק בשעת דעם פּאַטערס אַרעסט. די, וואָס האָבן מער געוואוסט, האָבן געמורמלט, אַז די מיידל ליידט אויף אַ מאַניע פון גרויסקייט. זי וואַרט אויף אַ בן־מלך, אויף אַ מונבז, וועלכער ביידערט אַראָפּ פון זיין טרוינשטול זי אַריינצובערענגען אין זיין פּאַלאַץ... דערפאַר זאָגט זי שאַרף אָפּ די חשובסטע תּלמידים, די גרעסטע עילויים, וואָס זוכן זיך משדך צו זיין מיט איר. מכּירן האָט זי ווילד אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין און דערנאָך בלויז מיט

די בליצנדיקע אויגן אַנגעוויזן אויף דער טיר... אויס פּאַרצווייפֿ־לונג האָט ער עס דאַן געבילדעט די נייע כּיתה, זוכנדיק אַ טרייסט אין נייע לערעס. אָבערגלייבישע נאַטורן האָבן גערעדט, אַז אין דער מיידל איז אַריין אַ דיבוק. אַסאַריוס, וועלכער האָט זי באַ־טראַכט עטלעכע מאָל, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז מ׳מוז עס לאָזן דער צייט, זי זאָל פון איר דעם „דיבוק" אַרויס־טרייבן...

אַפילו מיט נחמהן האָט בת־שוע גערעדט זייער קורץ, אָפּ־געקערט פון איר די אויגן, פאַרשלאָסן דאָס האַרץ, און נחמה איז דאָך געווען די איינציקע, וואָס האָט געוואוסט די סיבה פון איר עגמת־נפש.

— זע, בת־שוע, — פלעגט זי זי טרייסטן, — בן־חסדאי איז ניטאָ, מיין מאַן, דער געליבטער פון מיין יוגנט, דער באַ־שערטער מיינער פון גאָט און לייט.

— ער וועט קומען, ער וועט קומען, — בת־שוע האָט מיט פאַרלוירענע בליקן געקוקט אין דער ווייט אַריין, ווי באַפאַלן פון אַ חלום, — דער געליבטער פון דיין יוגנט, און אויך ער, ער רייט אויף אַ שטאָלצן פערד, און האַרנס בלאָזן... די ערד ציטערט אונטער זיינע פיס... ניין, ניין, זאָל ער מיך ניט באַרירן... ער איז ניט קיין ייד... נאָר זעען וויל איך אים. בלויז נאָך איין מאָל.— בת־שוע האָט פאַרמאַכט די אויגן, צוגעדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און זיך צעוויינט.

— בת־שוע! — האָט נחמה זיך ביי איר געבעטן.

— גיי, נחמה, קוש דיין מאַן, איך מוז בלייבן דאָ, איך טאָר זיך ניט דערנענטערן צו דעם מענטשן, וואָס קוקט אַראָפּ אין טאָל... ער טוט מיך זוכן... זאָג אים, מיר קענען ניט קומען איינער צו דעם אַנדערן, צווישן אונז ליגט אַ שטראָם, אַ גרויסער, רייסנדיקער שטראָם, אַ באַרג אַזאַ הויכער און מעכטיקער, אַז ער צעשיידט וועלטן...—זי האָט ווידער פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און געוויינט.

— בת־שוע! — האָט נחמה זי געמונטערט.

אָבער אומזיסט זיינען געווען אַלע אירע באַמיִונגען אויפֿ־

צומונטערן די מיידל, וועלכע איז אַמאָל געווען אַזאַ לעבעדיקע, אַזאַ פריילעכע.

— זע, ווי ער זוכט... ער יאָגט אויף זיין פערד איבער דעם באַרג, לאָזט זיך איבער דעם שטראָם... ער וויל אָהער קו־מען און שלאָגט אַוועק מיט דעם פערדס פּאָדקעווע אַלצדינג, וואָס ליגט אים אין וועג.

— בת־שוע, דו מוזט דערוואַכן, קומען צו זיך!

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען אַמאָל פלעגט נחמהן זיך איינגעבן זי צו באַרויִקן און בת־שועס גייסט פלעגט אויף קורצע מאָמענטן זיך אויסלייטערן, פלעגט זי זאָגן:

— ער איז דאָך ניטאָ דאָ און וועט אויך ניט קומען ווי־דער, דעריבער איז ניטאָ קיין סכנה אין דעם, וואָס איך גיב זיך אָפּ מיינע טרוימען און לעב זיי איבער אויף דער וואָר... גלייב מיר, נחמה, ווען ער זאָל געווען זיין דאָ נאָענט לעבן מיר, וואָלט איך, גאָר ניט צווינגענדיק מיין נשמה, געבליבן קאַלט, ווי איך בין דאָס תמיד געווען.

— מ׳טאָר זיך ניט שפּילן מיט דעם האַרצן, אַפילו מיט דעם איי גענעם אויך ניט, — פלעגט נחמה דערויף איר זאָגן.

XVIII.

אין דער דאָזיקער צייט איז מכיר, וואָס זיסט האָט מען אים נאָר זעלטן געזען אין גאַס, געקומען צו ר׳ עמרמען אין דער ציטאַדעל אַריין און אָפן און קלאָר געבעטן בת־שועס האַנט.

— קענסטו בת־שוען און ווייסטו וועגן איר אויסטערלישן כאַראַקטער און איר פאַרענדערטן געמיט?—האָט ר׳ עמרם פאַר־וואונדערט געפרעגט.

— יאָ,—האָט דער בחור געזאָגט,—איך ווייס אַלצדינג.

— און פונדעסטוועגן האָסטו זיך דערויף אַנטשלאָסן?

— מיר זיינען צוויי איינזאַמע נשמות און וועלן פאַרשטיין איינס דאָס אַנדערע.

— איך פאַרשטיי ניט דעם זין פון די ווערטער.

— איר ווייסט, ר׳ עמרם, אויך איך בין אויסטערליש אין כאַראַקטער און אויסטערליש אין געמיט.

— יאָ, איך האָב עפּעס געהערט ריידנדיק... אָבער קהלשע און אייגענע דאגות, ווי אויך דאגות וועגן מיין קינד האָבן מיך ניט געלאָזט זיך צוהערן צו דעם, וואָס לייט פּלוידערן. וואָס מיינסטו צו זאָגן מיט דיין אויסטערלישקייט?

— ר׳ עמרם, מ׳האַלט מיך שיר ניט פאַר אַ כּופר בעיקר...

— און דו ביסט ריין און ווערסט באַשולדיקט אומזיסט?

— מיין חטא איז, וואָס איך לערן פלייסיק די תורה און זוך אַרויסצוגעפינען איר אמתן פּשט אויס דעם באַרג פאַלשע טייטשונגען,—האָט מכיר זיך אָפּגערופן.

— דיינע ווערטער זיינען פאַר מיר אַ רעטעניש, איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין.

ר׳ עמרם, וואָס האָט ביז איצט זיך צוגעהערט מיט אַ האַלבן אויער, איז געוואָרן זייער אויפמערקזאַם.

— מיר האָבן פאַרגעסן ריכטיק צו לייענען דעם ספר פון אונזער תורה, און מיר מוזן עס לערנען איבעראַנייס, — האָט מכיר געזאָגט מיט היץ.

— זיינען פאַר דיר ווייניק סאַנגוריס טייטשונגען אויפן סמך פון משנה און גמרא, מכילתא, סיפרי, ספרא און מדרש?

מכיר האָט געשוויגן פינסטער און פאַרביסן.

— וואָס באַטייטן דיינע טונקעלע רמזים, אַז דער דרש פון דעם פסוק האָט כּלומרשט ניט קיין האַפט?

— מ׳טוט צו פיל טייטשן און דרשנען; עס מוז גילטן דער ערשטער, איינפאַכער פּשט פון וואָרט...

— דו ווייסט דען ניט, אַז דאָס, וואָס דו רופסט טייטשן און דרשנען, האָבן שוין געטאָן די תנאים און אמוראים?! אַניט ווי אַזוי וואָלטן מיר דען געוואוסט וועגן די באַזונדערע תקנות ביים מקיים זיין די געבאָטן?

— דאַן וואָלטן מיר זיי אָפּגעהיט אין זייער ריינעם נוסח,

ווי ער לאָזט זיך קלאָר און דייטלעך אָפּלערנען פון דעם איינ־פאַכן פשט...

— דו האָסט די העזה אָפּצופרעגן די רייד פון די חכמים?

עמרם איז אַ דערשראָקענער אויפגעשטאַנען פון אָרט, אָבער ער האָט זיך באַהערשט און האָט אפילו דערפילט אַ מין רחמנות אויף דעם בחור, וועלכער איז געזעסן דאָ פאַר אים אי באַדריקט אי עזותדיק, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט. מ׳האָט אים ניט געטאָרט לאָזן אויף הפקר און איינגאַנצן אָפּשטויסן.

— הער, מכיר, — האָט ער זאַנפט געזאָגט, אַזוי ווי מ׳רעדט צו אַ צעלאָזן קינד, — דו רעדסט וועגן דער ריינקייט און דעם אמתן נוסח פון דער תורה, וועלכע איז געבונדן צו דעם וואָרט. ווי שטעלסטו זיך פאַר דעם שבת און דעם פסח און די אַלע תרי״ג מצוות, וואָס זיינען אין דער תורה שבכתב נאָר אָנגעטייט בקיצור, אין די הויפּט־שטריכן, ווי שטעלסטו זיי זיך פאָר אָן דער אויס־טייטשונג פון די חכמי התלמוד? ווען סטו אפשר פייערן שבת אין דער פּינסטער און ניט פאַרלאָזן דעם פלאַץ—ווייל דער פסוק קען אויך אַזוי פאַלש געטייטשט ווערן: „איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינונגען” און „בלייבט איטלעכער אויף זיין אָרט, קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין אָרט אין דעם זיבעטן טאָג”...

— דעם דאָזיקן קרבן נעם איך שוין לאַנג אויף זיך, — האָט מכיר מודה געווען, אָפּקערנדיק זיין בליק.

ר׳ עמרם איז בלייך געוואָרן.

— אַזוי ווייט האָלטסטו דען שוין?

— ווער קען עס מיר פאַרווערן מחמיר צו זיין אין די מצוות?

— אָבער וויפל מאָל וועט אויסקומען מקיל צו זיין און מתיר צו זיין, ווען מ׳זאָל זיך לאָזן מיט דעם דרך? האָלטסטו דען שוין אויך אין דעם פרט ביי דעם לעצטן גדר?

— ניין, נאָך ניט... לכל־הפחות אין מקיים זיין די מצוות

האַלט איך נאָך ניט ביי דעם לעצטן גדר...—האָט מכיר געענטפערט מיט אַ שטילן קול.

— אויב אַזוי, קענען מיר נאָך שמועסן. דו זעסט דען, מכיר, אַליין ניט איין דעם טירוף, וואָס שטעקט אין דער דאָזי־קער שיטה? איך האָב פון איר עפּעס אַמאָל יאָ געהערט, אָבער כ׳האָב ניט געגלייבט, אַז זי זאָל ווען־עס־איז קענען גע־פינען אָנהענגער אין אונזער קרייז. ווי שטעלט איר זיך אייגנט־לעך פאָר דעם דין לויט דעם איינפאַכן פשט פון פסוק? אפשר ווילט איר אָנהייבן צו ציילן ספירה אויפן שטייגער פון די פאַר־צייטיקע צדוקים — ערשט מוצאי שבת נאָך יום־טוב, אָדער אפשר ווילט איר גאָר אָנווענדן אין בית־דין דעם „שן תחת שן״, „עין תחת עין״—פשוטו כמשמעו?

— אָט טאַקע דער דאָזיקער לעצטער פסוק — ווער האָט עס די חכמים געגעבן דאָס רעכט צו פאַרדרייען דעם איינפאַכן פשט און צו טייטשן אים אַזוי, אַז מ׳מיינט גאָר כלומרשט דער־מיט אַ געלט־קנס?

— ווער?—ר׳ עמרם האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג.— ווער? פרעגסטו—די מסורה. צי דען האָבן די חכמים אויסגע־טראַכט פון קאָפּ עפּעס, וואָס איז ניט איבערגעענטפערט געוואָרן פון קדמונים אָן, פון דור צו דור, זינט די צייטן פון משה רבינו און יהושע? ווייסטו דען ניט, אַז אַפילו די דרייצן שליסלען, מיט וועלכע ר׳ ישמעאל שליסט אויף די הלכה פון דעם פסוק, קענען אָנגעווענדט ווערן ערשט דאַן, ווען זיי שטיצן זיך אויף אַ קבלה שבעל־פה?

— ווער איז אונז אָבער ערב, אַז די דאָזיקע מסורה איז אמת?

— די חכמים אַליין, אין „פרקי אבות״, אין מסכתא „עדיות״.

— קעגן די דאָזיקע עדות שטייט דאָס וואָרט פעסט און ניט צו צעטרייסלען אַזוי ווי אַ גראַניט, אָן וועלכן עס ווערן צעבראָכן אַלע פּשטלעך,—האָט מכיר געטענהט דאָס זייניקע מיט אַלץ וואַקסנדיקן עזות.

ר׳ עמרם האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

— און וואָס ווילסטו דאָ האָבן פון מיר מיט דיין פאַר־קרימטן מוח? וועגן וואָס ביסטו געקומען?

— וועגן בת־שוען.

— דו האָסט נאָך די העזה, נאָך דעם אַלעם...?

— יאָ, זי איז קראַנק, איך אפשר אויך, מיר וועלן איינס לעבן אַנדערן געזונט ווערן.

ר׳ עמרם האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם ווידערשפּעניקן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

סאַנגורי איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, ווען ר׳ עמרם האָט אים דערציילט פון זיין שמועס מיט מכירן און מיט אימה איבער־געגעבן, ווי ווייט יענער האלט שוין. צי האָט ער דען די גאַנצע צייט אַזוי געלעבט אין דער וועלט פון רוחניות, אַזוי ווייט פון דער ווירקלעכקייט, אַז אַזאַ זאַך זאָל קענען פּאַסירן אונטער זיי־נע אויגן און ער זאָל עס ניט האָבן באַמערקט?

ער איז געווען אויסער זיך. ער האָט זיך ניט געקענט מוחל זיין, וואָס צוליב דער גרויסער שליחות, צו וועלכער ער האָט זיך געגרייט, האָט ער אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט פון אויג דאָס נאָענטע, די אָנגעטרויטע דער גייסטיקער השגחה זיינער. די דאָזיקע הכּרה האָט אים שרעקלעך נידערשלאָגן, בפרט ער האָט קיינמאָל ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך, אַז אַזאַ שינוי אין די מוחות זאָל קענען פּאַרקומען אין זיין סביבה, און די אַלע סימנים דערפון האָט ער אָדער ניט געזען אָדער ניט צוגעגעבן זיי קיין שום באַדייטונג.

ער האָט זיך געפּרוּווט אויסטענהן מיט מכירן, אָבער דער־פון איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. מכיר איז געקומען, איז אָבער געבליבן שטיל, איינגעשפּאַרט אין זיך און האָט קוים אויפגעהויבן די אויגן אויף דעם רבין, ווען יענער האָט שטרענג און זאַנפט, מילד און האַרב גערעדט צו זיין געוויסן. ער איז אַוועקגעגאַנגען, אַזוי ווי ער איז געקומען, אָן חרטה, אָן תשובה.

איינמאָל האָט סאַנגורי זיך אָנגערופן צו ר׳ עמרמען

— ער ווייזט אונז דעם נאַקן. וואָס האַלט אים נאָך צו

צו אונז?—אייער הויז. ער וויל זיך משדך זיין מיט בת־שוען— — איר דאַרפט אים ניט אָפּשטויסן...

— אים, דעם אָפּטריניקן, מיין טאָכטער?—האָט ר׳ עמרם זיך דערשראָקן.

— לעבן איר וועט ער אפשר זיך באַדאַכטן און זיך אומקערן צום שכל.

— און ווער וועט זי אומקערן צום שכל, רבי?

ר׳ עמרם האָט שטיל געוויינט אין זיך אַריין.

— אפשר ער,—האָט סאַנגורי געענטפערט,—די וועגן פון דעם אייבערשטן זיינען ניט צום פאַרשטיין, סיי ווען ער שלאָגט, סיי ווען ער היילט...

— מיין פרום, גוט קינד! — האָט ר׳ עמרם פאַרבראָכן מיט די הענט.

— ר׳ עמרם, — האָט סאַנגורי אים געמוסרט, — איר ווייסט דאָך, וואָס דער מדרש דערציילט וועגן יעקב אבינו: איינע פון די גרעסטע צרות אין זיין לעבן, די מעשה מיטן אַוועקפירן דינהן, האָט ער געמוזט אָפּקומען אַלס שטראָף דערפאַר, ווייל בשעת ער האָט זיך געזען מיט עֵשָׂוון, האָט ער דינהן אויסבאַהאַלטן און זי ניט געוויזן דעם ברודער זיינעם. ווען ער וואָלט זי געגעבן עשון, וואָלט יענער אפשר גאָר ניט געוואָרן קיין עֵשָׂו... די השפעה פון אַ פרוי איז זייער גרויס, סיי צו גוטן סיי צו בייזן...

ר׳ עמרמען זיינען די ווערטער טיף אַריין אין האַרצן. אָבער ווען מכיר איז נאָכאַמאָל געקומען אין דער ציטאַדעל אַריין, איז בת־שוע אַזוי שרעקלעך אויפגעבראַכט געוואָרן, אַז מ׳האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון יעדן געדאַנק וועגן דעם.

— זיי מיינע, — האָט מכיר זיך געבעטן, — איך וועל דיך אַוועקפירן אין אַ גן־עדן, וואו ס׳וועט זיך פאַר דיר עפענען דער הימל. מיר וועלן אַוועקפאָרן קיין ירושלים, אין דער הייליקער שטאָט אַריין...

בת־שוע האָט זיך גרילציק פונאַנדערגעלאַכט, דורכגעעק־

בערט מיט אַ פייערדיקן בליק דעם קליינעם שוואַרצן בחור און זיך פאַרגאַנגען אין אַ כליפּען הויך אויף אַ קול.

— קום מיט מיר, בת-שוע, דו ביסט קראַנק, איך אויך. דאָרטן, אין ירושלים, איז דער הייליקער מאַן, ענן הייסט ער, ער שעפּט זיין כוח פון דער הייליקער תורה, ער וועט אונז העלפן...

— ענן, ענן, ענן, — האָט זי איבערגעזאָגט ווי פון וועג מיט אַ פאַרקרימטע פּנים און אַ משוגעהדיקן קול. — ענן איז וואַלקן, וואָס שעפּט פון דער ערד און פון וואַסער, — אָבער דער דאָזיקער וואָלקן ווערט געיאָגט פון ווינט, זיין וואַסער קערט זיך צוריק צו דער ערד ניט אום... ווער עס הייבט זיך אויף פון באָדן, ווערט פון אים אָפּגעריסן... אָבער פון די בערג גיסן זיך אַהער נייע שטראָמען אין דעם טייך אַריין... ענן, דער וואָלקן, פאַרפליט, קערט זיך מער ניט צוריק, אָבער דער באַרג-שטראָם ברויזט אַהערצו, פליסט צו אונז...

אַ פאַרחלשטע האָט זיך די מיידל אַוועקגעוואָרפן אויפן דיוואַן און זיך צעוויינט.

— דער גייסט איז איינגעהילט אין נאַכט און זעט חלומות, — האָט ר' עמרם אין דערביייִקן צימער פאַרצווייפלט געשאָקלט מיטן קאָפּ צו סאַנגורין.

סאַנגורי האָט פאַררונצלט דעם שטערן.

— אין דער נאַכט, ווען דער גייסט ווערט באַפרייט פון דעם גוף, זעט ער העל און ווייט... לאָמיר ניט האַלטן פאַר גרינג די רייד פון דער קראַנקער, זיי קלינגען ווי אַנטפּלעקונגען, ווי אַ נבואה!...

— בת-שוע, — האָט מכיר ווידער געפּרוווט אָנהייבן.

— גיי אַוועק! — האָט זי אויסגעשריען, אַרויסגייענדיק פון די כלים, — אויך דו ביסט ענן, אַ וואָלקן, און מוזט פאַר-שווינדן... פאַרשווינדן איידער דער באַרג-שטראָם האָט זיך צע-גאָסן...

— בת-שוע! — האָט איצט נחמה זיך ביי איר געבעטן און זי אָנגענומען פאַר דער האַנט.

פון בת־שועס אויגן האָבן בליצן געפינקלט, און זיי האָבן אָנגעצונדן מכירן טיף אין האַרץ אַריין.

דער בחור איז אַוועקגעגאַנגען שטום און מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ.

— ער וועט שוין מער ניט קומען, — האָט סאַנגורי גע־זיפצט.

— דער וואָלקן פאַרגייט, דער באַרג־שטראָם ברויזט אַפיר, — האָט די מיידל פאַנטאַזירט ווי אין אַ דיבוק.

.XIX

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, גאַנץ פרי, האָבן פאַנפאַרן אויפ־געוועקט פון שלאָף די איינוואוינער פון באַלאַגאַר און העראָלדן אויף פערד זיינען דורכגעריטן דורך די גאַסן. „נצחון! נצחון!" האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל, פון גאַס צו גאַס, און די מענטשן זיינען אַרויסגעלאָפן פון די הייזער, שטורמענדיק פאַר פרייד, געוואויר צו ווערן מער נייס פון די שלוחים און די גאַסנ־רופן. אויך אַריבער דעם גאַבאַ־באַרג ביז צו דער יידנשטאָט האָט די שאַלונג פון פרייד געפונען איר וועג און האָט טיף אויפגע־רודערט אַלע מוחות.

אין רבי סאַנגוריס חדר אין דער ציטאַדעל האָבן זיך אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן פאַרזאַמלט אַרום דעם רב און ר' עמרמען דער דאָקטאָר רפאל אַסאַריוס, די יידישע שררות פון דער כוזרי־שער שטאָט און אַלע פּני פון דער שכונה אויף אַן ערנסטער אסיפה.

אַסאַריוס האָט באַגריסט די מענער פון דער יידנשטאָט און האָט זיי מגלה געווען, וואָס זיי אַלע האָבן שוין אַזוי אויך גע־וואוסט—סאַלימאַנס פולן נצחון איבער די אַראַבער. באַלשאַן, מילקאמינס שרייבער, האָט געוואוסט צו דערציילן פרטים איבער דעם אַריינמאַרש פון די זיגערס, וואָס האָט גע־דאַרפט פאָרקומען אין דעם אייגענעם טאָג נאָכמיטאָג, און כספי האָט צוזאַמען מיט דאַהאַבאַלן געהאַט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן

פאַר דעם קבלת־פּנים און דעם נצחון־פּאַראַד און ער האָט דערזעבער געקענט אויפוואַרפן אַ בילד פון דער גרויסער שמחה אין פאָלק און אין דעם כאַקאַנאַט. ניט אַזוי פריילעך איז געווען דאָס, וואָס באַלשאַן האָט געהאַט צו דערציילן וועגן דער שטימונג פון זיין האַר. מילקאַמין און אויך דער פּעגאַן האַמענאַס האָבן אָפּגעהאַלטן שטילע באַראַטונגען, און עס איז געווען צו דערקענען אין זיי, אַז זיי זיינען ניט אַזוי צופרידן פון דעם גאַנג פון די געשעענישן. דער טריומפאַלער אַריינמאַרש סאַלימאַנס איז איינגאַנצן געווען קעגן זייערע כוונות. בשתיקה זיינען אַלע פּריסטער און אויסגעפּרוווטע אָנהענגער סידהאַרטעס אויפגערופן געוואָרן צו אַ בונד צו שיצן די געטער...

— איצטער אָבער, האָט אַסאַריוס געזאָגט,—גייט עס אין דעם, אַז אויך די יידנשטאָט זאָל פייערן ווי געהעריק דעם נצחון, און דערצו דאַרפן מיר קודם־כל די עצה און די הילף פון ר׳ סאַנגורי.

כּספּי, אַ פריינד פון אָרדענונג, האָט אויפגעוואָרפן אַ פּלאַן מיט אַלע פּרטים. די גאַנצע יידנשטאָט זאָל זיך צונויפקומען אויפן אָרט פון דער פייערונג יום־טובדיק אָנגעקליידט און די עלטסטע פון דער קהילה מיט סאַנגורין בראש זאָלן זיך באַטייליקן אין דעם קבלת־פּנים.

— איך האָב מורא, מילקאַמין און דער פּעגאַן וועלן האָבן די מעגלעכקייט ניט צו דערלאָזן דערצו, — האָט באַמערקט דער פּאָרזיכטיקער באַלשאַן.

כּספּי האָט געהאַלטן אַנדערש:

— וויבאַלד דאָס גאַנצע פאָלק איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צום קבלת־פּנים, קען קיינער ניט שטערן אויך די יידן צו זיין דערביי. אונזער פייערלעכע באַגעגעניש וועט זיך וואַרפן אין די אויגן בולאַנען און דעם יורש־עצר. דאָס איבעריקע וועט שוין קומען פון זיך זעלבער...

סאַנגורי האָט געפונען פאַר נייטיק אויף זיין קלאָרן שטייגער נאָכאַמאָל דורכצוטראַכטן דעם גאַנצן ענין.

— מ׳קען ניט לייקענען, אַז דער נצחון פון די כּוזרים איז אין דער זעלביקער צייט אויך אַ נצחון פון אונזער זאַך, ווי־

באַלד די רשעים האָבן די גאַנצע מלחמה געשטעלט אונטער דעם צייכן פון דער שנאה צו די פרעמדע, און אונטער דער השפעה פון ביזאַנטיע, וואָלטן זיי ליבערשט מיט די יידן באַצאָלט די געטער פאַר דעם נצחון... מ׳האָט געפּרווט וואַרפן אויף אונז אַ חשד, מאַכן אויף אונז אַ בילבול, אָבער די דאָזיקע אַלע פּרווון זיינען צעבראָכן געוואָרן אָן דעם איידעלן ווילן פון דעם גנעדיקן כאַקאַן, וואָס גאָט, דער פירער פון די מלכימס הערצער, האָט אים אָנגעוויזן אויף דעם וועג, ער זאָל צו דעם ווילן צופּאַסן אויך דאָס טאָן... דער פּעגאַן און זיינע פריינד פּרווון אויס אַלץ אין דער וועלט, שרעקן מיט דער נקמה פון די געטער, וועלכע זיינען כלומרשט געקרענקט דורך דער סבלנות צו די פרעמדע און דורך דעם כאַקאַנס גאָטזוכעניש. דער גליקלעכער סוף פון דער מלחמה באַטייט די מפּלה פון דעם געצנדינסט, וואָס וואַקלט זיך שוין דאָ לאַנג. דאָס אַליין איז שוין פאַר אונז גענוג, אַז מיר זאָלן לויבן און דאַנקען דעם אייבערשטן. מיט דער הייליקער תורה אין דער האַנט, אָבער שטיל און באַשיידן אין אונזער בית־המדרש וועלן מיר פייערן דעם דאָזיקן טאָג.

מיט דעם דאָזיקן שלוס־וואָרט דעם רבס האָט זיך די אסיפה פאַרענדיקט.

ביי ר׳ עמרמען אין הויז האָט בת־שוע שאַרף זיך צוגעהאָרכט צו די פאַנפאַרן פון די העראָלדן און די נצחון־געשרייען אויף די גאַסן. אַ גרילציק געלעכטער געמישט מיט אַ קאָנוואולסיוון געוויין האָבן געטרייסלט איר קערפּער. דער מיידלס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ טונקעלן פייער און די פולע ליפּן האָבן געציטערט, גלייך ווי איר גאַנץ וועזן וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ שרפה. נאָך קיינמאָל האָט נחמה זי ניט געזעען אַזוי שיין, ווי אין דעם דאָזיקן מאָמענט.

— איך האָב דאָס שוין געהערט מיט דעם ערשטן אָנברוך אויף טאָג, — האָט נחמה געזאָגט, — און איך בין געקומען דיר עס אָנצוזאָגן. אַצונד הערסטו עס שוין אַליין, די מלחמה איז געענדיקט, אַ נצחון!

— יאָ, איך הער, איך זע... איך זע, ווי ער קומט... ווי אַ באַרג=שטראָם רײַסט ער זיך אַהער... טוליע מיך אײַן, שיץ מיך, נחמה, ער טאָר מיך ניט זען... ניין, לאָז מיך, זאָל ער אויף מיר פליִיצן, מיך אַוועקרײַסן מיט זיך... דו הערסט, ווי די טראָמפּייטן בלאָזן?... אַ וואַרע מאַכט! אַ וואַרע פּאַר מונבזן!...

— דו ביסט ווידער אויפגערעגט, מײַן טײַערע, קום צו זיך און באַהערש זיך. די מלחמה איז געענדיקט. אונזערע פּאָטערס זײַנען פרײַ, די סכנה פון דער קהילה איז פאַרבײַ. איידער נאָך ס'וועט אָוונט ווערן, וועלן די זיגערס אַרײַנציִען אין דער שטאָט אַרײַן... בן=חסדאַי, מײַן געמאַל, איז אויך מיט זיי, ער וועט אויך ברענגען אַ ידיעה פון אים... באַרויִק זיך, מײַן ליבע, ווילסטו אפשר אַרויסגיין מיט מיר צום קבלת=פּנים אויפן באַלאַגאַ=פלאַץ?

— באַלאַגאַ=פלאַץ? קבלת=פּנים? — די קראַנקע האָט געלאַכט מיט אַ פאַרשטיקט קול. — איך בין מקבל=פּנים און בין מקבל=פּנים שוין וואָכנלאַנג, זינט עס האָט זיך געוויזן די ערשטע בליעכץ... איך לעב אַלצדינג איבער אין מיר און זע אַרויס פון מיר ביזן סוף פון די וועלטן... הערסט די טראָמפּייטן? ניין? איך הער זיי און זע אַלצדינג, אָט דאָ, אין מײַן חדר...

— אָרעמע בת=שוע, ווען איך זאָל נאָר וויסן, ווי אַזוי דיר צו העלפן!...

— איך בין אַזוי גליקלעך, נחמה, אַזוי, גליקלעך... ווייסטו ליבע, וואָס דאָס הייסט, דאָס אַלץ צו טראָגן אין זיך און דערפון צו שעפּן דאָס גליק און דאָס ליכט און דעם צער, אַזוי אָפט און אַזוי פיל, ווי עס גלוסט זיך?... נאָר טײַלמאָל איז אין דער נשמה אַזוי לער, אַזוי וויסט... גלײַך ווי אַלצדינג וואָלט זיך אויסגעשעפּט... דאַן, דאַן מוז איך וויינען... דערנאָך אָבער ווערט ווידער פול און איך לאַך...

— גליקלעכע אומגליקלעכע!

— און זאָג מכירן, ער זאָל ביים פענסטער פון מײַן חדר מיר מער ניט פאַרשטעלן די זון און זאָל מיר מער ניט וואַרפן אין האַרצן קיין שאָטן...

— בת=שוע, איך גיי אַוועק, און הלוואי זאָל גאָט געבן, איך זאָל דיר באַלד ברענגען די גוטע בשורה...

בת=שוע האָט געקוקט אין דער ווייט אַריין, און איר אויג האָט געפינקלט, גלייך דערין האָט געברענט אַ גליענדיקער פייער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויף דעם ווייטן פּירעק פון דעם באַלאַגאַ-היגל האָבן געבלאַנקט טריומפאַלע אַרקעס און אַ יום=טובדיקע מאַסע האָט זיך געררודערט. דער וועג צו דעם מזרחדיקן טויער, דורך וואַנען סאַלימאַן האָט געדאַרפט אַריינמאַרשירן, איז געווען איבערגעצויגן מיט קייטן גירלאַנדעס און די ערנוואַך, בלישטשענדיק מיטן גאָלד פון די מלבושים און כלי=זיין, מיט פענדלעך אויף די שפּיזן, האָט געבילדעט אַ שפּאַליער. צווישן דעם טעמפּל און דעם כאַקאַנס פּאַלאַץ=גאָרטן האָט זיך דערהויבן אַ עסטראַדע, און אויף אירע מיט סאַמעט באַלייגטע שטאַפּלען זיינען פון ביידע זייטן געווען אויסגעשטעלט די העכסטע שררות פון דער מדינה, וואַרטנדיק אויף זייער האַר, דעם כאַקאַן בולאַן. צו דער באַשטימטער שעה האָבן אויפגעשאַלט טענער פון האָרנס, און העראָלדן האָבן אָנגעזאָגט, אַז דער כאַקאַן קומט אָן; פיר דינער האָבן געטראָגן דעם כאַקאַן אויף אַ גילדערנעם טראָגשטול דורך דעם פּאַרק אויף דער עסטראַדע אַרויף. מיט טויזנטער שטימען האָט געקלונגען דער כאָר פון דעם פריידפולן פאָלק: „לעבן זאָל דער גרויסער כאַקאַן! וואַקסן זאָל זיין רום!”

ווי נאָר דער כאַקאַן האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ, האָבן פויקן און טראָמפּייטן פון דער זייט פון מזרחדיקן טויער אָנגעזאָגט, אַז עס מאַרשירן די קריגערס. העראָלדן האָבן געריטן אויף צופריער מיט שופרות און פאַנפאַרן. אַ אָפּטיילונג פון דער לייבוואַך אין בלישטשענדיקער שטאָלערנער באַוואָפענונג איז נאָכגעקומען פון הינטן. פון דער עסטראַדע האָבן די קאַפּעליעס אַ קלאַפּ געטאָן אין די טעלערס און גלאָקן. און דאָס פאָלק האָט געשריען פאַר פרייד און באַגייסטערונג: „סאַלימאַן! געבענטשט זאָל זיין דער געצימטער יורש-עצר, דער ליבלינג פון פאָלק, דער זיגער און באַגליקער!”

רייטנדיק אויף אַ פערד, צווישן צוויי באַגלייטערס, איז דער פירער פון דער אַרמיי טריט ביי טריט אַריינגעפאָרן דורך דעם טויער, הינטער אים די מחנות און אָפטיילונגען קריגערס צו פוס און אויף פערד, מיט פלאַטערנדיקע פאָנעס און געקלאַנג פון טראָמפייטן. און אַלץ העכער האָט געשטיגן די באַגייסטערונג פון דער מאַסע. „לעבן זאָל דער גרויסער סאַלימאַן, דער ליבלינג פון פאָלק און דער באַגליקער! געבענטשט זאָלן זיין די גבורים, וואָס ברענגען נצחון און שלום!"

בלויז די פאָדערשטע אָפטיילונגען האָבן זיך געקענט אויסשטעלן אויף דעם פּירעק, די הינטערשטע מחנות זיינען שטיין געבליבן הינטערן טויער. ניט ווייט פון דעם יורש-עצרס שטאָב אויף דעם פּאַראַד-פּלאַץ איז געשטאַנען אַ קליינע גרופּע מיט אַן אייגענער פאָן און אַן אייגענעם פלאַג, אין שטרענגער אָרדענונג, צוציענדיק אויף זיך אַלעמענס בליקן—די חסדאיער.

צוויי קלעפּ פון די פּאַנפּאַרן, און ס'איז געוואָרן אַ טויטע שטילקייט. דער כאַקאַן אַליין — ס'איז נאָך קיינמאָל אַזאַ פאַל ניט געווען — האָט געזאָגט אַ וואָרט צום קבלת-פּנים. קורץ און שאַרף האָבן געקלונגען די ווערטער, אין וועלכע ער האָט אויסגעדריקט די פרייד פון דעם לאַנד און דעם דאַנק פון כאַזאַריע צו סאַלימאַנען און דעם חייל.

מילקאַמין, דער שר פון מלחמה, האָט איבערגעלייענט בולאַנס מאַניפעסט. אַלע, וואָס האָבן אייגנטייל גענומען אין דער מלחמה, זיינען צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס פּטור פון שטייערן אַ יאָר צייט. אַלע, וואָס געפינען זיך אין תּפיסה אָדער געפענגעניש צוליב עבירות קעגן די געזעצן פון לאַנד, אַחוץ גנבים און גזלנים, גייען אַרויס פריי. ווער עס איז אין דער מלחמה געשעדיקט געוואָרן, מעג האָבן אַ תביעה אויף אַ באַזונדערן שוץ און געהעריקער השגחה מצד דער מלוכה. ווער עס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין דער מלחמה; באַקומט אַ רייכע באַלוינונג, ער האָט געמעגט אויסקלייבן אָדער אַ שטיק אַקער-פעלד, אָדער אַ הערטשאַפט שאָף, אָדער אַ הייזל אין שטאָט.

אַ שטורעם פון פרייד האָט באַגלייט די דאָזיקע חסדים.

דאָס פאָלק האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען: „לעבן זאָל דער גרויסער כאַקאַן! וואַקסן זאָל בולאַנס רום און דער רום פון זיין געריכטן זון סאַלימאַן!"

ענדלעך האָט דער פעגאַן האַמענאַס מיט גרויס מי און מיט דער הילף פון די טרומייטערס און שופרות־בלאָזער באַקומען די אויפמערקזאַמקייט פון עולם:

— מענער און פרויען פון כאַזאַריע! איך פאַרשטיי אייער שמחה און טייל זי פון גאַנצן האַרצן. סידדהאַרטע איז געווען צו אונז גנעדיק און האָט סאַלימאַנען, דעם ליבלינג פון די געטער, אומגעקערט אַהיים אַלס זיגער מיט דעם קראַנץ אויף דעם קאָפּ, וואָס איז געקריינט מיט רום. דער גרויסער כאַקאַן אַליין האָט גערעדט פון זיין אייגענעם געהייליקטן מויל און איך, זיין אונטערטעניקסטער פירער און שפּרעכער, וואָלט באַדאַרפט שווייגן. אָבער דער פון די געטער געבענטשטער בולאַן האָט אין זיין גרויס חסד' גערעדט אַזוי, אַז מיר, זיין קנעכט, איז געבליבן אַרויס־צוזאָגן דעם דאַנק צו די געטער... איצטער געשיקט זיך פאַר אונז אַלעמען אָפּצוגעבן דעם מס, וואָס מיר קומען סידדהאַרטען און טרימורכין. איילט, איר מענער און פרויען פון כאַזאַריע! אין דעם פאָדערשטן הויף פון סידדהאַרטעס טעמפּל, וואו עס רויכערן די מזבחות און עס רוישן די געבעט־מילן, אין נאָמען פון דעם גרויסן כאַקאַן!...

בולאַן האָט פון דער בימה געגעבן אַ צייכן מיט דעם גילדערנעם שטאָק. אַזוי ווי אין דעם געווימל פון דעם המון איז דער דאָזיקער צייכן געבליבן אומבאַמערקט; האָט ער געלאָזט בלאָזן צוויי קורצע סיגנאַלן, וואָס דאָס האָט געדאַרפט דינען אַלס צייכן, אַז די רעדע דאַרף איבערגעריסן ווערן אינמיטן.

אַ פאַרשטיקטע שטילקייט איז געוואָרן, דערנאָך אַ אומהיימלעך געמורמל און שושקעריי. ענדלעך האָט זיך אויף דער בימה דערהויבן טאַבאַן. זיין ווייסע בכבודיקע געשטאַלט האָט געווירקט באַרויִקנדיק און זיין קלינגענדיקער קול האָט תיכּף איינגענומען דעם פאָלקס אויערן. ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט

דעם גילדערנעם שטאָק — אַ סימן, אַז ער האָט גערעדט אין נאָ־מען און אין שליחות פון דעם כאַקאַן.

— מענער און פרויען פון כאַזאַריע! בולאַן, דער גנע־דיקסטער פון אַלע מענטשנקינדער, האָט אייך צו זאָגן דורך מיר אַז מצד דעם אויסגעצייכנטן פּעגאַן איז דאָס אַ טעות, ווען ער נעמט זיך אָן צו רופן אייך צו די געטער אין נאָמען פון דעם כאַקאַן...

אַ נייער געמורמל און אַ טיפע באַוועגונג. די האָרנס האָבן ווידער געמוזט רופן צו רו.

— פאָלק פון כאַזאַריע! ביי אַלץ, וואָס ליגט אונז אין בלוט און אין נשמה, האָט בולאַן אַ נדר־געטאָן צו פייערן דעם דאָזיקן נצחון ניט אין דעם טעמפּל פון די געטער, נייערט אין דעם טעמפּל פון דעם אמת. ווער איר פרעגן, וואו־זשע איז דער אמת? איז דער ענטפער: מיר אַליין ווייסן עס נאָך ניט אויף זיכער, אָבער מיר זוכן אים... שוין ימים ושנים ווייזט מען אָן אונזער גרויסן כאַקאַן אין חלומות פון דער נאַכט אויף דעם ריכטיקן וועג. וואו צו זיין גוטן ווילן וועט זיך אויך באַהעפטן די גוטע טאַט. אין לאַנד דערציילט מען אַ סך וועגן די דאָזי־קע חלומות, אָבער איצטער וועט זיך אַנטפּלעקן דער גאַנצער אמת... איינס איז זיכער: ניט די געטער האָבן אונז געבראַכט דעם דאָזיקן נצחון, וואָרעם דאָסמאָל האָבן מיר מיט כוונה און מיט ישוב־הדעת אָפּגעשטויסן זייער הילף. די געטער, וואָס זיינען גאָרניט אונזערע געטער, נאָר אונזערע אבות האָבן זיי איבערגע־נומען פון די מאָסקוויטערס און אַנדערע, טיילווייז געצוואונגען דערצו אַפילו דורך דער שווערד,—די דאָזיקע געטער זיינען מיר בשום אופן גאָרנישט שולדיק, ניט קיין געהאָרזאַמקייט ניט קיין דאַנק.

מינוטנלאַנג האָט געהערשט אַ אימהדיק שווייגן. די רו, וואָס פאַר אַ שטורעם. און דער שטורעם האָט זיך באַלד געלאָזט פילן אין אַ רעש. די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו רודערן. עלטערע און ייִנגערע מענער האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַרום דעם פּעגאַן

און ווילד געווען צו די געטער. די סאָלדאַטן זיינען געבליבן שטום און אומבאַוועגלעך אַרום זייער פירער.

— מיר האָבן דאָס חייל פעסט אין אונזערע הענט. איין צייכן נאָר — און עס ווערט אַתּל פון דעם הײַפל שרייערס, — האָט איינער פון די פירער איינגערוימט סאַלימאַנען אין אויער.

דער יורש=עצר האָט פרעגנדיק אַרויפגעקוקט צו בולאַנס שטול. די לאַגע איז געווען אַ געפערלעכע און עס האָט אויסגעזען, אַז דער יום=טוב פון נצחון קען זיך אויסלאָזן מיט אַ שחיטה. נאָר אָט האָבן די ברוסטיקע טענער פון טאַבאַן, וועלכער האָט זיך געהאַט דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער מיט בולאַנען, דורכגעלייגט אַ וועג דורך דעם טומל.

— עס איז ניט אין דער טבע פון דעם גרויסן כאַקאַן צו בייטן עמעצן צו מעשים, וואָס זיינען קעגן זיין ווילן און קעגן דעם בת=קול פון זיין האַרצן. ווער עס שפּירט אין זיך, צוזאַמען מיט דעם אויסגעצייכנטן פעגאַן, אַ פאַרלאַנג מקריב צו זיין פאַר סידדהאַרטען, מעג עס טאָן ווי אַלעמאָל אומגעשטערטערהייט... מיר, דער כאַקאַן, סאַלימאַן און דער גרעסטער טייל פון די חכמים ראַטגעבערס, דאָ אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, ווען די זון וועט האָבן אַכט מאָל אויף= און אונטער=געגאַנגען, וועלן פאַר דעם גאַנצן פאָלק אויסהערן אַ חכם וועגן דער אמונה פון אַ איינציקן גאָט, נאָכדעם ווי מיר האָבן אומזיסט געזוכט דעם אמת אויף אַנדערע, זייטיקע וועגן. צו דעם דאָזיקן נצחון=יום=טוב פאַרבעטן מיר אַלעמען, וואָס האָבן אויגן צו זען און אויערן צו הערן און וואָס זייער חוש פאַרן אמת איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשלאָסן...

דאָס האָט געווירקט ווי אייל אויף די כוואַליעס. דער שטורעם האָט זיך אײַנגעשטילט. נאָכדעם האָט מען ערשט זיך געכאַפּט, אַז בשעת טאַבאַנס רעדע זיינען דער כאַקאַן מיט סאַלימאַנען אַוועק דורך דעם פּאַרק אין פּאַלאַץ אַריין. אונטער די קלאַנגען פון פּויקן און טרומייטן האָבן די חיילות אָפּגעמאַרשירט איינס נאָכן אַנדערן. אַ קליינע גרופּע איז געבליבן אַרום האַמעבאַסן און מילקאַמינען און מיט געמאָסטענע טריט שווייגנדיקער-

הייט זיך געלאָזט אין די הויפן פון דעם טעמפל צו סידדהאַרטעס רויכערנדיקע מזבחות.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

הינטערן גאָרטן פון דעם כאַקאַנאַט האָט נחמה געוואַרט אויף איר מאַן און דאָ ערשט האָט בן־חסדאי ענדלעך געקענט אַרומנעמען זיין באַשערטע.

— האָסט מיך אויסגעשטעלט אויף אַ לאַנגן, שווערן נסיון, בן־חסדאי, — האָט זי זיך געטוליעט צו אים. — איך האָב אויסגעקוקט נאָך דיר די אויגן ביז ווייטאָג. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דיין פלאַץ איז דאָרט געווען לעבן סאַלימאַנען און מ'דערציילט ניסים ונפלאות פון דיינע גבורות אין דער מלחמה. די גאַנצע וועלט רעדט וועגן דיר, נאָר איך, דיין ווייב, מוז וואַרטן און מוותר זיין.

— שוין ניט אַזוי לאַנג, נחמה, מיר גייען צו דער לעצטער טאַט. אַזוי ווי די מכבים אַמאָל, אַזוי איצט מיר אַריין אין גאָטס טעמפל צו זינגען אַ לויב און אַ דאַנק דעם, וואָס האָט געפירט אונזער זאַך. דאַן בין איך דיינער, אויף אייביק דיינער, פאַר דיר אַליין. אָבער, וואָס מאַכט בת־שוע, וואו איז זי?

— זי איז קראַנק און לעבט איבער ביי זיך אין דער היים, אַליין פאַר זיך, דעם אַריינמאַרש פון די זיגער...

— מיר וועלן שפּעטער אַ ווײַלע צוגיין צו איר, — האָט ער געזאָגט.

— ניין, בן־חסדאי, היינט ניט; זאָל דער אָנבליק פון דער קראַנקער ניט פאַראומערן דיר די פרייד און דאָס גליק פון דעם טאָג. אָבער, טייערער, זאָג, האָסטו ניט געטראָפן ערגעץ קאָזאַריאָסן, איז ער אפשר דאָ?

— איך האָב אים יאָ געטראָפן און ניט געטראָפן, ער איז יאָ דאָ און איז אויך ניט דאָ, מיר מוזן קאָזאַריאָסן אינגאַנצן אויסמעקן פון אונזער זכרון...

— דו רעדסט אין רעטענישן, מיין ליבער; איז אַלזאָ דער חשד געווען ניט אָן אַ גרונד?

— רייד ניט פון חשד און רייד ניט פון קאָזאַריאָסן. ניטאָ פאַר אונז קיינער מיט אַזאַ נאָמען...

— אָרעמע בת־שוע!...

— אויב זי וואַרט אויף איר קאָזאַריאָסן און אויב דאָס איז די סיבה פון איר קראַנקהייט, וועט זי געזונט ווערן, ווען זי וועט הערן און געוואויר ווערן, אַז דער דאָזיקער נאָמען איז נאָר אַ פאַרבלענדעניש, אַ חלום, וואָס איז פאַרגאַנגען און וועט זיך מער ניט אומקערן... זי וועט געזונט ווערן און וועט קומען צום שכל.

— קענסט אפשר ריידן אַ ביסל דייטלעכער צו דיין פרוי, דער לעבנסבאַגלייטערין דיינער?

— דערווייל קען איך נאָך ניט, איך בין נאָך געבונדן מיט אַ שבועה. די שעה וועט שוין באַלד אַליין פאַר מיר ריידן— אָבער, נחמה, דו הערסט שפיל און געזאַנג? דאָס זיינען מיינע לייט, זיי שטעלן זיך צום לעצטן מאָל אויס אין שורה און סדר און פירן אַרויס די פריי געוואָרענע תפוסים פון דער ציטאַ־דעל, כדי זיי צו באַגלייטן מיט טריומף דורך די יידישע גאַסן אין בית־המדרש אַריין. איך טאָר מיינע געטרייע חברים ביי דער דאָזיקער לעצטער האַנדלונג ניט לאָזן אַליין. זיי געזונט, נחמה, ביז אָוונט. — —

אויסגעשטעלט אין אַן ערנוואַך, האָבן די חסדאיער מיט געמאָסטענע גלייכע טריט מאַרשירט מיט געזאַנג און מוזיק אַראָפּ פון גאַבאַ, רבי יצחק סאַנגורי און ר׳ עמרם צווישן זיי אינמיטן. פון די כוזרישע הייזער האָט מען די מחנה באַגריסט מיט אַ פריינדלעכער האַנט־פאַטשעריי און מיט בלומען; ביים אַריינ־גאַנג אין דער יידנשטאָט, האָבן אויף בלומיקע ערנאַרקעס גע־בלאַנקט אויפשריפטן פון ברוך־הבאס אין פסוקים פון תנך. אין בית־המדרש גופא האָט יקותיאל געטאָן, וואָס ער האָט נאָר גע־קענט, כדי די שמחה זאָל זיין וואָס געהויבענער. די ערנערטער פאַר דעם רבין און ר׳ עמרמען זיינען געווען באַפּוצט מיט פרישן גרינס. אַלע מנורות האָבן געברענט און דער כאָר האָט געזונגען מזמורים פון תהילים. אַז ס׳האָט אויפגעקלונגען דער בבלישער

חסדאי־ניגון „גאָט איז מיין פאַסטעך”, דער ניגון, וואָס האָט די חסדאיער אַזוי אָפט באַגלייט אין דער מלחמה דורך נאַכט און דורך צרות, איז אַ רעש געוואָרן אין בית־המדרש, און טרערן האָבן פייכט געמאַכט די געזיכטער, וואָס זייגען האַרט געוואָרן אין ווינט און שטורעם.

רבי סאַנגורי איז אַרויף אויף די טרעפּ צום ארון־קודש, אָפּצוגעבן אַ דאַנק דעם אייבערשטן און בענטשן די אַהיים־צו־ריקגעקומענע. אין דער גמרא — האָט ער געזאָגט — ווארפט מען אויף דריי מענטשן, אליעזרן, אברהמס קנעכט, שאול המלכ׳ן און יפתחן, אַז זיי האָבן צופיל געוואַגט, צופיל איינגעשטעלט, פון זיי אָבער האָבן די ערשטע צוויי זיך געקענט פּאַרענטפערן מיט דער הצלחה פון זייערע מעשים. איר, מיינע ליבע יונגע ברידער, האָט ניט געפרעגט און געוואַגט אַ סך. דער גוטער גאָט האָט עס געפירט צום גוטן, פאַר אונז אַלעמען. דערפאַר קומט אייך ניט קיין פאָרוואורף, אַדרבא, איר האָט זוכה געווען צו אַ דאַנק און אַ לויב און צו אַ אייביקן זכר פון אייער גבורה. אָבער אַצונד, ווייבאַלד אייער שליחות האָט זיך פאַרענדיקט מיט גליק, גייט אַהיים, טוט אויס די מלחמה־קליידער, לייגט אַוועק דאָס כלי־זיין און זייט ווידער, וואָס איר זייט תמיד געוועזן: קינדער צו אייערע עלטערן, מאַנען צו אייערע ווייבער, און תלמידים פון דער תורה. זאָל אייך גאָט געבן שלום!

— אמן! — האָט ווי פון איין ברוסט און פון איין מויל אָפּגעקלונגען אין דעם הייליקן הויז.

— גאָט זאָל בענטשן חסדאין! — האָט עמעץ אויסגערופן פון דער מחנה און געפונען אַ הילכיקן ווידערקלאַנג. און מיט דעם דאָזיקן וואָרט פון ברכה האָט זיך פאַרענדיקט די שמחה און די שליחות פון די חסדאיער.

.XX

בת־שוע האָט באַגעגנט בן־חסדאין שטיל, מיט קאַלטע פרעגנ־דיקע אויגן. נאָר איינאיינציק וואָרט איז געקומען איבער אירע ליפּן:

— וואו איז ע ר?
— ער איז ניטאָ, איז קיינמאָל ניט געווען.
— אָבער ער וועט זיין! — האָט די קראַנקע אים מיט היץ איבערגעריסן.
— שלאָג זיך די פאַנטאַזיע אַרויס פון קאָפּ, בת־שוע, די מלחמה האָט זיך געענדיקט און מיר מוזן אַלע אויפוואַכן — צום שכל און צו אַרבעט.
— אַ אויפוואַכונג, אַ אויפשיינונג, ווי אַ העלער פרימאָרגן אויף דעם מזרחדיקן הימל... — האָט די איבערגערייצטע פאַנ־טאַזיאָרין גערעדט דאָס איריקע.
— בת־שוע, — האָט בן־חסדאי געפּרוווט ווידעראַמאָל — געדענקסט, אַז איך בין געקומען אַהיים פון בבל, ווי דו האָסט מיך באַגעגנט מיט אַזוי פיל פרייד און געלעכטער און האָסט גע־וואָלט וויסן אַלצדינג פון מיין נסיעה און פון מיינע איבערלעבו־נגען ביז די קלענסטע קלייניקייטן. צי דען אינטערעסירן דיך גאָר־ניט מיינע איבערלעבונגען אין דער מלחמה ביי סאָלימאַנס חייל?
בת־שוע האָט זיך פאַרקלערט. בן־חסדאיס ווערטער האָבן קענטיק לאַנגזאַם זיך דורכגעזאַפּט אין איר באַוואוסטזיין דורך אַ שמאָלן שפּאַלט אין דעם פאַרשלאָסענעם מוח.
— דו ביסט געווען אין דער מלחמה, בן־חסדאי, און איך האָב די מלחמה פון אָנהייב אָן איבערגעלעבט אָט דאָ, ביים פענסטער, מיט... איך האָב דיך געזען לעבן אים...
— לעבן וועמען?
מיט אַ געפיל פון אימה און איבערראַשונג האָט בן־חסדאי אַריינגעקוקט דער קראַנקער אין דעם פלאַמענדיקן פּנים אַריין.
— וואו איז ע ר? — האָט זי געפרעגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים, זיך מיענדיק, ווייזט אויס, צו פאַרהאַלטן דעם צופליסנ־דיקן שטראָם טרערן.
— דו מיינסט קאָזאָריאָסן?
— איך מיין א י ם...
— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט; אַזאַ נאָמען איז ניטאָ, קיינמאָל ניט געווען.

— שטיל, חסדאי! — האָט די מיידל קוים צו הערן גע־פליסטערט מיט בעטנדיקע הענט. — האָסטו ניט געזען דען, ווי ער קומט, ווי ער פלייצט אַהערצו, דער באַרג־שטראָם? שטער ניט זיין גאַנג... דער נעפל הייבט זיך אויף. די זון לייכט, די שטראַלן ברענען... ש־ש־ש... ער גיט אַ צייכן פון דער הייך... מונבז!..

— אָרעמע מיידל, הלוואי זאָל דער אייבערשטער צושיקן אַ רפואה שלמה דיין גוף און אַ דערלייטערונג דיין נשמה, — האָט בן־חסדאי שטיל מתפלל געווען ביים אַוועקגיין. — —

אויף דער גאַס, ביי בת־שועס פענסטער האָט ער זיך שיר ניט אָנגעשטויסן אויף מכירן; דערזעענדיק בן־חסדאין, האָט יע־נער אויף גיך געוואָלט אים אויסמיידן. אָבער בן־חסדאי האָט אים אָפּגעשטעלט.

— דו ווייכסט מיך אויס, מכיר. האָב איך דיר דען געטאָן עפּעס אַן עוולה?

— מ׳האָט מיך אַריינגעלייגט אין חרם, בן־חסדאי, דו טאָרסט מיר ניט געבן די האַנט, טאָרסט ניט אָנרופן מיין נאָמען.

— וואָס איז פון דיר געוואָרן, מכיר? ווילסט ניט אויס־ריידן דיין האַרץ פאַר דיין פריינד! מכיר, דו הערסט, איך רוף אָן דיין נאָמען מיט דער אייגענער פריינדשאַפט, וואָס אַמאָל.

— דו ווייסט דען ניט, אַז מ׳האַלט מיך פאַר אַ אַפּטריניקן?

— און דו ביסט עס ניט? דאַן וועט די זאַך גלייך קלאָר ווערן. רייד זיך אויס פאַר מיר. וואָס ביסטו אויסן מיט דיין ניי־ער לערע און מיט דיין ווידערשפּעניקייט?

— די נ י י ע לערע! אַזוי רופסטו אָן די אַלטע תורת משה, וואָס איך, אַזוי ווי אַ סך אַנדערע איצט אין בבל, אין קרים און אין ירושלים, האָב צוריק אויסגעפונען אין דעם מישמאַש, אין דעם ווילדן געפּלאָנטער פון די תלמודישע הלכות!

— אַזוי וויית האַלסטו שוין, מכיר, אַבי איך האָב געמיינט, מ׳האָט דיר געטאָן אַן עוולה, זיך צוגעאיילט דיך אַרויסצושטויסן מחוץ למחנה.

— איך האָב זיך ניט גערעכט, אַז דו זאָלסט מיך פאַר־

שטיין בעסער פֿאַר די אַנדערע, — האָט מכיר פֿאַרביטערט געזאָגט. — גוט פֿאַרשטאַנען האָבן מיר זיך אגב קיינמאָל ניט. אָבער איך האָב צו דיר אַ בקשה, רייד פֿאַר מיר מיט סאַנגורין, איך טאָר דאָך צו אים מער ניט קומען.

— דו מעגסט, אויב דו זאָלסט קומען מיט חרטה אין האַרצן. דו ווייסט, אַז סאַנגוריס גוטסקייט איז זייער גרויס, און דאַרפֿסט ניט האָבן קיין מליץ־יושר.

— איך קען אָבער ניט קומען מיט חרטה, איך האָב ניט אויף וואָס חרטה צו האָבן.

— וואָס זשע ווילסטו פֿון דעם רבין?

— מעורר זיין אים צום שכל הישר!

— אים מעורר זיין צום שכל הישר?

— יאָ, אין אַכט טעג אַרום דאַרף פֿאָרקומען דער גרויסער עפֿנטלעכער וויכוח פֿאַר דעם כאַקאַן און זיינע ראָטגעבערס, סאַנגורי וועט פֿאָרלייגן, באַגרינדן און פֿאַרטיידיקן די יידישע לערע — ווי אַזוי האָט ער עס בדעה צו טאָן?

— ווי אַזוי זיין וויסן און די הייליקע איבערצייגונג וועלן אים עס אונטערזאָגן.

— אַלזאָ, לויט די לערעס און עיקרים פֿון תלמוד? ווייסט איר, אַז פֿון דעם דאָזיקן וויכוח הענגען אָפּ גרויסע, גוואַלדיקע זאַכן, און מיינט איר אויף אַן אמת, אַז די כוזרים מיט דעם פּשוטן, פּראָסטן, געזונטן שכל זייערן, קענען באַנעמען די תלמודישע הלכות, פֿילן אַ טעם אין זיי?

— וואָס ווילסטו?

— איך וויל, אַז ניט אַלץ זאָל גיין פֿאַרלוירן, און דערום פֿאַרלאַנג איך און באַשווער סאַנגורין, אַז ביי דעם וויכוח זאָל ער יוצא זיין נאָר מיט דער תורה שבכתב, מיט דעם גלאַטן פּשט פֿון דעם פּסוק, אָן דריידלעך און פּשטלעך. אַלצדינג אין דעם וויכוח ווענדט זיך אָן דעם.

— דו פֿאַרלאַנגסט, אַז מיר זאָלן זיך איינשטעלן פֿאַר דיינע קאַראַימישע עיקרים?

— רוף דאָס אָן, ווי דו ווילסט. אין דעם פאַל הייסט דער שכל הישר אייך אויך, ניט צו ריזיקירן מיט דער גאַנצער זאַך...

— הער, מכיר, מיר ווילן ניט וויסן פון האלבע אמתן, דערום וועלן מיר שטעלן אויף דער גאַנצער זאַך. מיר ווילן אויך ניט וויסן פון שיטות אין גבול פון אונזער תורה. ווער עס איז ניט אינגאַנצן מיט אונז, איז אינגאַנצן קעגן אונז... ווידער אויפלעבן די שיטה פון די צדוקים וועט ביי אונז אַרויסרופן די אייגענע געפילן, ווי אין דער צייט פון אירע אויפטוער, פון צדוק און ביתוס.

— עס איז אַ טעות אָנצורופן אונז צדוקים. יענע האָבן געהאַט פּאָליטישע צילן, און מיר ווילן בלויז אומקערן זיך צוריק צו דעם אמתן מקור.

— דער אמתער מקור בלייבט פאַר אייך פאַרשלאָסן און דעם שליסל דערצו האָט איר אָנגעוואוירן. — אָבער מיר דאַכט זיך, מיר האָבן זיך שוין צופיל פאַררעדט... ווילסטו דאָ, אונטער דעם רבינס אויגן, ווייטער טאָן דיינע מעשים?

— ניין, איך גיי קיין ירושלים אין דער הייליקער שטאָט, פון וואַנען די תורה וועט זיך איצטער דורך עָנָנען צעגיסן איבער דער גאַנצער וועלט אין איר אַלטער ריינקייט. איך גיי אַהין — מיט בת־שוען אָדער אָן איר, אָבער ניט פריער, ווי איך וועל האָבן דאָ אָפּגעטאָן מיין שליחות...

— וואָס ווילסטו דען נאָך אָפּטאָן דאָ?

— איך האָב געוואוסט, אַז איר וועט מיין פאָרשלאָג ניט פאַרשטיין, דערפאַר האָב איך איבערגענומען די אַרבעט אויף מיין אייגענער אַחריות. צום כאַקאַן קען איך ניט צוקומען אָן אַ דערלויבעניש, און ניט אַסאַריוס, ניט בספי און באַלשאַן ווילן מיר העלפן אין דעם. דער יורש־עצר סאַלימאַן, וואָס הערט אַלע־מען אַזוי אויפמערקזאַם אויס, זאָגט זיך אָפּ מיך אויפצונעמען, וויפל מאָל איך האָב אים ניט געבעטן. יאָ, איר האָט געטאָן אַלץ אויפצושטעלן קעגן מיר די גאַנצע וועלט... אָבער איך וועל ניט רוען, וואו איך וועל אויך דאָ ניט אויספלאַסטערן אַ וועג פאַר

דעם אמת... דאַן וועל איך שטיל אַוועק פון דאַנען, מיט בת־שוען אָדער אָן איר.

פול מיט ווידערשפעניקייט און פאַרביטערונג האָט מכיר זיך געלאָזט גיין.

— אָרעמער מכיר, אויך דיין גייסט איז צעמישט. הלוואי זאָל דער אייבערשטער דיר צושיקן אַ רפואה שלמה און אַ דער־לייטערונג, — האָט בן־חסדאי מתפלל געווען, נאָכקוקנדיק אים.

.XXI

אַכט טעג פון אַנגסטיקער, צוגלייך אָבער מונטערער ער־וואַרטונג זיינען אַריבער איבער דער רעזידענץ פון די כוזרים. אין דער לופט האָט זיך שטאַרק געפילט אַ רעגונג און יורונג. די שטאָט האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון דער הייליקער ערוואַר־טונג פון אַ כלה, וועלכע ריכט זיך אויס צו דעם גרויסן טאָג.

אַלע צדדים האָבן זיך געגרייט צו דעם טאָג, יעדערער אויף זיין אופן. די פּריסטער, געשטיצט פון פעגאַן האַמענאַס און זיינע מקורבים, האָבן גערופן זייערע חסידים אין טעמפּל אַריין. נאָר געציילטע זיינען געגאַנגען אויף זייער רוף. פון די קריגערס, דער יוגנט און די העכערע קרייזן האָט זיך קיינער ניט געמאָלדן. פון דער אַנדערער זייט האָבן שלוחים פון טאַ־באַנס צד, וואָס האָט געפירט אַ רירעוודיקע פּראָפּאַגאַנדע, מבשר געווען דעם אונטערגאַנג פון די געטער און אין די פאַרביקסטע בילדער געשילדערט דעם כאַקאַנס חלום, דורך וועלכן אַ העכערע מאַכט האָט דעם הערשער און דעם פאָלק אָנגעוויזן דעם וועג צו דער דערקענטעניש. די גרעסטע צאָל צוהערער האָבן די דאָזיקע שלוחים געהאַט אין די רייען צוריקגעקערטע סאָלדאַטן; ציענדיק חיונה פון דער רייכער זאַקרויבּ, האָבן זיי אָנגעפילט די גאַסן און מיט באַגייסטערטער שמחה אויפגענומען דאָס אומבאַקאַנטע און דאָס נייע, וואָס זיי האָבן אויסגעקעמפט פאַרן פאָלק.

די באַגייסטערונג פון די קריגער האָט אַלץ מער און מער זיך אויסגעדריקט אין דעם רוף: „לעבן זאָל דער גערימטער יורש פון דעם טרוין, סאָלימאַן!“

מלחמה־געפאַנגענע אַראַבער האָבן זיך געמישט אין דעם גאַסן־געווימל. אויפן שטייגער פון געפאַנגענע זיינען זיי אַרומ־געגאַנגען איבער דער שטאָט אָן געווער, מיט אַנטבלויזטע קעפּ, אָבער פראַנק און פריי. קודם־כּל האָט בולאַן געבראָכן דעם אַלטן מלחמה־מנהג — צו פאַרקויפן די געפאַנגענע פאַר קנעכט אויפן חשבון פון דער מלוכה. אויך זייער גורל האָט זיך געווענדט אָן דער גרויסער אַנטשיידונג.

אַ טיפע באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע פאָלק, און אַפילו די גלייכגילטיקסטע און אומוויסנדסטע האָבן געשפּירט אַ הויך דערפון. גלייך ווי אין עק האָריזאָנט וואָלט זיך גע־דאַרפט עפענען די אויסשפּרייטונג פון הימל און איבער דער וועלט אויסגיסן אַ נייע שיין.

און אָט איז ענדלעך אויפגעגאַנגען דער טאָג, וואָס אַ הע־לערן און אַ זוניקערן האָט באַלאַגאַר קיינמאָל נאָך ניט געזען. פאַר דעם וויכּוח האָט מען אויסגעקליבן דעם טאָג פון בולאַנס אַרויפשטייגן אויפן טרוינשטול, לכּבוד וואָס דאָס כּוזרישע פאָלק פלעגט אַלע יאָר מאַכן אַ יום־טוב. דאָס איז געווען דער צענטער טאָג אין אב. אין דער יידנשטאָט האָבן זיי מיט אַ טאָג פריער געפאַסט און זיצנדיק אויף דער ערד באַקלאָגט דעם חורבן בית המקדש. היינט האָט דער פרימאָרגן אַזוי העל און אַזוי שיין אויפגעבליט און אויפגעשיינט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן פאַרגילדן אַלע צרות און אַרויסכּישופן פון אַלע חורבות אַ ניי לעבן.

סאַנגורי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון פאַרטיפטקייט אין זיך און פון געלייטערטקייט. אין די שטילע נעכט האָט ער אַזוי לאַנג אויף זיך געאַרבעט און געראַנגלט זיך מיט דעם גייסט פון די צייטן, אַז ער האָט זיך געפילט פולקום פאָרגעברייט צו דעם אָפענעם שטרייט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אינדעפרי אין דעם דאָזיקן גרויסן טאָג האָט סאַלימאַן גע־שיקט רופן בן־חסדאין. ער האָט אים באַגעגנט מיט אַ שטילן פאַרוואורף.

— דו אַנטלויפסט פון מיר, מיידסט אויס זיך צו טרעפן מיט מיר, שיר ניט מיט גוואַלד מוז איך דיך אַראָפּברענגען זיך דורכצורעדן מיט דיר. צי דען איז דיר, חסדאי, אַזוי שווער צו האַלטן בנוגע סאַלימאַנען די פריינדשאַפט און געטריישאַפט, וואָס דו האָסט געשוואָרן קאָזאַריאָסן?

— ס'איז מיר באמת טאַקע שווער... געטריישאַפט—יאָ, נאָך אפשר מער ווי פריער. אָבער ווי קענען מיר האָבן די העזה צו רופן פריינד דעם קומענדיקן יורש פון דעם טראָנשטול און דעם לאַנד? ער וועט אונז זיין אַ פריינד, ווען מיר וועלן זיך אין אים נייטיקן, אַזוי ווי ער וועט זיין אַ פריינד צו אַלע שוואַכע און גערודפטע, צו יעדער גוטער, געראַכטער זאַך.

— ניט צו בייגן דיין שטאָלץ און ניט איבערצומאַכן דיך! — האָט סאַלימאַן זיך געקלאָגט. — אָבער ערשטנס איז דער קומענדי־קער הערשער פון כאָזאַריע נאָך ניט אויפן טרוין, און ווען אפילו עס זאָל שוין אַמאָל קומען דערצו, קען ביז דאַן דער טרוין פון כאָזאַריע זיין אַזוי געבויט, אַז דו, חסדאי, זאָלסט זיך צו אים פילן גאָר ניט אַזוי פרעמד און ווייט...

— דערווייליקע אָבער, — האָט בן־חסדאי זיך אָפּגערופן, — וואָלט געווען זייער גלייך, אַז דער גרויסער רעכטפאַרטיקער זון פון כאַקאַן זאָל מאַכן אַ סוף צו דער שפּיל. איך מוז באַקומען רשות מבטל צו מאַכן די לעגענדע מיט קאָזאַריאָסן וועלכע טראָגט אַריין אַ צעמישונג אין דער שכונה. דעריבער מוז איך בעטן מיך צו באַפרייען פון מיין שבועה, איך זאָל קענען אָפן זאָגן, ווער איז עס געווען דער דאָזיקער סודותפולער קאָ־זאַריאָס. דער נאָמען האָט זיך איינגעקריצט אין קאָפּ און אין האַרצן פון אַן אומגליקלעך מיידל און צעמישט אַלע אירע רעיונות און חושים. מיר מוזן אויסמעקן דעם נאָמען, הינטער וועלכן עס איז גאָרנישט פאַרהאַן, כדי די מיידל זאָל געגעזנט ווערן...

— דו רעדסט פון בת־שוען?

— יאָ, איך מוז עס זאָגן, פון אירטוועגן. אין דער מיידל איז אַריין אַ קליפּה, אַ נאָמען, הינטער וועלכן זי זעט

אַ מענטשן פון איר גלייכן. אָבער ניט פאַר יידישע טעכטער איז אַ טרוין און אַ קרוין. דער שלייער איבער קאָזאַריאָסן מוז אַראָפּ־פאַלן צוליב בת־שועס וועגן...

— דאָס קען נאָך דערווײַלע ניט זיין, די אַנטשיידונג איז נאָענט — אויך אין דעם פּרט... — האָט סאַלימאַן קורץ געזאָגט.

— טאָ זאָל צו איר קאָזאַריאָס ווידער קומען. דער אַלטער קאָזאַריאָס פון אַמאָל, כאָטש איינמאָל קומען, וואָרעם די אָרעמע גייט אויס פאַר צער און בענקשאַפט.

— איך טאָר בת־שוען ניט זען, דערווײַלע — נאָך ניט, פרעג ניט פאַרוואָס — דו וועסט עס באַלד געוואויר ווערן.

בן־חסדאי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיין קול האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג, ער האָט זיך אָבער געצוואונגען צו רויִקייט, הגם זיינע ווערטער האָבן געקלונגען מיט פאַרדראָס:

— דער אומבאַקאַנטער, דער וואָס אָן אַ נאָמען, האָט ניט געטאָן קיין שום זאַך, וואָס דער יורש־עצר זאָל דאַרפן פאַר־ריכטן. קאָזאַריאָס האָט אַלעמאָל זיך באַנומען רויִק ביז גאָר, ווייל ער האָט געוואוסט, וואָס ער איז מחוייב פאַר זיין אמתן נאָמען, פאַר זיין גראַד, פאַר זיין צוקונפט. די מיידל האָט עס אָבער ניט געוואוסט און זיך געלאָזט באַהערשן פון אַ בייזן גע־פיל, — זי קומט אָפּ פאַר איר אייגענער שולד און קיינער קען איר ניט העלפן.

סאַלימאַן האָט זיך אומרויִק באַוועגט אויף זיין אָרט און האָט אָפּגעקערט דאָס פּנים.

— איר זייט ניט גערעכט קעגן מיר, אַזוי ווי דאַמאָלסט, ביים איבערפאַל. אָבער וואַרט צו, חסדאי, מיר מוזן אַלע וואַרטן און האָבן געדולד, בת־שוע אויכעט!... אויך איך מוז ליידן און נעמען אויף זיך די שולד, וואָס מ׳לייגט אויף מיר אַרויף, הגם איך פיל זיך פון איר פריי. לאָמיר־זשע וואַרטן ביז דער אַנט־שיידונג, וועלכע איז שוין ניט אַזוי ווייט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער גרויסער פּירעק פון דעם סידדהאַרטע־פּאַלאַץ איז אין דער מעריב־זייט געווען איינגערינגלט פון זיגזאַגיקע היגלען,

אין דער פאָרם פון אַן אַמפיטעאַטער. דאָרט האָבן זיך דערהויבן די עסטראַדעס, וועלכע זיינען באַלד פול געוואָרן מיט געסט און צוהערערס. אַלע שררות, און בכלל די, וואָס האָבן נאָר געהאַט אַ וועלכע עס איז באַציִונג צום כאַקאַנאַט אָדער צו דער עפנט־לעכקייט, האָבן זיך דאָ געפונען. אין פּאַוויליאָן, וועלכער האָט פון דער אַנדערער זייט געפירט אין גאָרטן פון פּאַלאַץ אַריין, האָבן זיך אויסגעזעצט די חכמים פון דעם כאַקאַנאַט, די גרויסע האַנדלס־מאַגנאַטן, די פּאָרשטייער פון די שטאַנדן און די פּני פון דער געזעלשאַפט. אויבנאָן צווישן זיי אויף זיין גילדערנעם ערנשטול איז געזעסן דער כאַקאַן בולאַן; ביי זיין רעכטער האַנט איז גע־זעסן סאַלימאַן, דער טריִומפאַטאָר. דער פּלאַץ ביי זיין רעכטער האַנט, פון דעם פעגאַן האַמענאַס, איז געוועזן ליידיק.

צווישן דער עסטראַדע און דעם פּאַוויליאָן האָט זיך צו־נויפגעדרענגט דאָס פּאָלק גאַנצע מחנותוויַיז, אַזוי אַז וואַכלייט אויף פערד האָבן געמוזט אייַנהאַלטן דעם שטראָם און האָבן גע־האַט גענוג צו טאָן, כדי אָפּצוהיטן די רו און די אָרדענונג.

רבי סאַנגורי איז אָנגעקומען אהער פון דער זייט פון גאָרטן צוזאַמען מיט דעם כאַקאַנס מקורבים. אַזוי ווי אין די גרויסע יום־טובים איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן אַטלעסענעם ראָק מיט אַ ברייטן גילדערנעם גאַרטל. זיינע האָר און די באָרד זיינען פאַר דער צייט וויַיס געוואָרן, אָבער זיין פּנים האָט גע־שיינט מיט אַ יוגנטלעכער פרישקייט. ער איז אַרויף אויף דער בימה, וואָס מ'האָט פאַר אים באַשטימט, אַזוי אַז רעכטס איז זיין בליק געווענדט געווען צו דעם כאַקאַן, אָבער גלייך פאַר זיך האָט ער דורך דער אָפענער קאָלאָנאַדע געקענט קוקן און ריידן צו די עסטראַדעס אַרונטער.

אָן אַ זייט פון דער בימה זיינען געזעסן צוויי מענער אויף שטולן מיט פעדערס און פּאַרמעט, כדי צו פאַרשרייבן די שאלות און תשובות, די טענות און מענות. וואָס פאַר אַ פריידפולע אי־בעררעאַשונג איז עס געווען פאַר סאַנגורין, אַז ער האָט אין די שרייבערס ביי זיינע פיס דערקענט כספין און באַלשאַנען.

עס האָט געדויערט אַ היבשע ווייַלע, ביז וואַנען טאַבאַן

האָט געקענט אָנהייבן צו ריידן אין דעם איינגעשטילטן רעש פון דעם עולם. אין גבול פון דעם ענגערן פּלאַץ פאַר דעם פּאַוויליאָן, אַרומגערינגלט מיט קריגערס, האָט מען קלאָר און דייטלעך פאַר־שטאַנען זיינע ווערטער און פון דאָרטן האָט זיך זייער זין איבער־געגעבן אויך ווייטער אין די מאַסן.

— מענער און פרויען פון כאַזאַריע! — האָט ער געזאָגט — דער חסד פון דעם גרויסן כאַקאַן האָט מיך גערופן אויף דעם דאָזיקן אָרט, אַז איך זאָל היינט ריידן אין דעם הערשערס נאָמען אָנשטאָט דעם פּעגאַן האַמענאַס, וועלכער איז דאָ ניטאָ. איר ווייסט אַלע, אין וואָס דאָ גייט. בולאַן, וואָס איז אונז אַ פירער און פאָ־טער, ווערט פון הימל געשטויסן אויף דעם וועג פון דעם אמת. אַ סך ריכטיקע און פאַלשע זאַכן דערציילט מען אין לאַנד וועגן זיינע חלומות. ריכטיק איז נאָר, אַז זיין ווילן ווערט גע־לויבט, אָבער זיין טאָן ווערט געטאַדלט. וואו איז אָבער די וואָרהאַפטיקע טאַט, וואו איז דער וועג צו דעם אמת? די געטער, וואָס אונזערע עלטער־זיידעס האָבן זיי גאָרניט געקענט, ווייסן אונז גאָרנישט ניט צו זאָגן וועגן דעם. האָבן מיר געפרעגט ביי די פילאָסאָפן פון העלאַדע און רוים, דערנאָך ביי די נוצרים, און אויך ביי די הייליקע פון מעדינאַ און מעקאַ, זיי האָבן זיך געאַמפּערט צווישן זיך — וועגן ווערטער — און האָבן אונז ניט גע־קענט צופרידנשטעלן...

און טאַבאַן האָט פאַרגעלייענט פון אַ לאַנגן טאָוול דאָס, וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן איבער דעם וויכוח מיט דעם פאַטער יאָהאַנעס און דעם מאָסלים אַלקאַצי.

— מושווה געווען זיינען ביידע צדדים, — האָט טאַבאַן ווייטער גערעדט, — אַז הייליק און אומבאַרירלעך איז אַן אַנ־דערע לערע, אַן עלטערע, די לערע פון משה; און כדי צו דער־גיין דעם אמת, האָבן מיר לסוף אויסגעהערט אַ פאָרשטייער פון דער דאָזיקער לערע...

— לעבן זאָל דער כאַקאַן און סאַלימאַן! — האָבן אויס־גערופן די ראָטגעבער און די קריגער, און דער רוף האָט געפּו־

נען אַ ווידערקלאַנג אין דעם המון, וועלכער האָט נאָר בחוש אי־בערגעלעבט דאָס, וואָס קומט פאָר אויף דער עסטראַדע.

— מיר האָבן אים אויסגעהערט, און איצטער דאַרפט איר אים אויסהערן און אויספרעגן. די שאלות, וואָס מיר האָבן צו פרעגן דעם רבין, דעם חכם פון ישראל, האָבן מיר אַפריער גוט באַטראַכט אין דעם ראָט. זיינע תשובות וועלן איצט קורץ און קלאָר פאָרגעלייגט די נדיבים און חכמים, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט, זיי זאָלן עס ווייטער באַטראַכטן; און כּדי די זאַך צו פאַרגרינגערן, זיינען די תשובות איינגעטיילט אויף אַ קלוגן אופן. עס זיינען פאָראויסגעזעען פינף טעג פון וויכּוח, מיט אַן אַכטאָגיקער הפסקה נאָך יעדן איינעם. אין משך פון די דאָזיקע הפסקות וועלן געלערנטע און באַרעדעוודיקע מענער אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט אויך דעם פאָלק געבן אויף אַ לייכטן אופן צו פאַרשטיין וועגן דעם פועל־יוצא פון די וויכּוחים.

עס איז געמאַכט געוואָרן אַ קליינע פויזע, כּדי צו דעם גאַנצן עולם זאָל דערגרייכן די דאָזיקע זאַך; אַ גרויסער טייל פון פאָלק האָט אָנגעהייבן פאַרלאָזן דעם פלאַץ מיט געזאַנג און שפּיל. אויך דאָס חייל האָט אָפּגעמאַרשירט אין דער געהעריקער מיליטערישער אָרדענונג. דער רעש איז שטילער געוואָרן. אויף דער עסטראַדע זיינען געבליבן בולאַן, סאַלימאַן און די ראָטגע־בערס, און מיט זיי נאָך אַ הונדערט פון די גרעסטע שררות און חכמים.

אויבנאָן צווישן די געסט האָט מען אויך געזען אַסאַריוסן, דעם לייבדאָקטאָר פון דעם כאַקאַן בולאַן.

סאַנגורי איז געשטאַנען אויף דער עסטראַדע, דעם קאָפּ אָנגעניינט ווייט אַריבער דעם באַריער. זיין פּנים האָט געהאַט אַ צאַרטן גלאַנץ, אַזוי ווי דער ווייסער אַטלעס פון זיין יום־טובֿ־דיקן מלבוש.

נאָך אייניקע שאלות אַלס הקדמה, אויף וועלכע סאַנגורי האָט געענטפערט קורץ און ניט פאַרקריכנדיק אין ווייטע דרכים, האָט ער גערעדט ריידן, וואָס ער ווייס וועגן דער עקסיסטענץ פון גאָט און וועגן דער אויסדערוויילטקייט פון פאָלק ישראל.

אין קלאָרע קורצע זאַצן האָט סאַנגורי דערציילט ביז די אבות, איז דאַן אַריבער צו דעם, ווי אַזוי אין גלות מצרים איז יעקבס משפחה אויסגעוואַקסן צו אַ פֿאָלק, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די אותות ומופתים פֿון יציאת מצרים און דעם וואַנדערן אין דער מדבר און האָט אויסגערעכנט די מענער פֿון משה רבינו ביז דעם לעצטן פֿון די נביאים, וועלכע האָבן אַלע עדות געזאָגט פֿאַר דעם אייניאייגנציקן גאָט און זיין תורה.

אין די פֿאַרשטיינערטע פּנימער פֿון די צוהערער האָט זיך קיין אבר ניט באַוועגט. דער כאַקאַן האָט עפּעס איינגערוימט טאַבאַנען אויפֿן אויער, און יענער האָט געזאָגט:

— בולאַנען און אונז אַלעמען, דו חכם פֿון די יידן, איז אין דיין רעדע קשה, וואָס אין דער באַגרינדונג דיינער הייבסטו ניט אָן, אַזוי ווי אַלע פֿילאָסאָפֿן און גאָט-פֿריידיגער, פֿון בריאת-עולם און נאַטור. דו רעדסט וועגן זאַכן, וואָס איר, בלויז *איר* האָט בקבלה און וואָס, אויב זיי זיינען אמת, מאַכן זיי אייער לערע פֿאַר *אַ יידישער* לערע, אין וועלכער מיר און אַלע אַנדערע קענען ניט האָבן קיין חלק. ווען דו וואָלסט גערעדט וועגן די זאַכן פֿון דער *נאַטור* אַרום אונז און זיי געשטעלט אַלס עדות פֿאַר גאָט, דאַן וואָלטן די דאָזיקע עדות צו אונז גערעדט נעענטער און פֿאַרשטענדלעכער און מער פֿון דעם, וואָס פֿאַרבינדט אונז, ווי פֿון דעם, וואָס שיידט אונז פֿונאַנדער...

— אויף דער דאָזיקער טענה האָב איך זיך געריכט,— האָט סאַנגורי געענטפֿערט מיט מער וואַרעמקייט און פֿאַראינטערעסירונג,— אָבער *דאָס*, וואָס מיר *ווייסן* פֿון די זאַכן, האָב איך מיט אַ כיוון גלייך פֿון אָנהייב געשטעלט *איבער* גלויבן, השערה און לאָגישן געדראַנג. איך בין זיך ניט סומך אויף בריאת-העולם, אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער נאַטור — ווייל דאָס זיינען שטומע עדות, וועלכע ריידן נאָר דאָס, וואָס מ'לייגט זיי אַריין אין מויל. עס האָט דאָך נאָך קיינמאָל ניט געטראָפֿן, אַז צוויי פֿילאָסאָפֿן זאָלן מיט דעם זעלביקן באַוויז האָבן געקומען צו דעם זעלביקן אויספֿיר... די וועלט און די נאַטור זיינען ביכער, וואו איטלעכס בלאַט איז אַ רעטעניש, אַ טונקעלע רעטע=

ניש, וואָס דעם באַשייד דערפון קען מען ניט איבערלאָזן דעם מענטשלעכן גייסט, וואָס זוכט גאָר אָפט אויף פאַלשע דרכים. דעריבער האָב איך אָנגערופן פאַקטן, פאַר וועלכע עס זיינען ערב זעקס הונדערט טויזנט עדות מיט אויגן און אויערן און וועלכע האָבן זיך לעבעדיק דערהאַלטן פון דור צו דור. — וואָס איז אָבער נוגע אונזער אויסדערוויילטקייט און בכורה, איז עס שקול מיט דער אויפגאַבע, אַרויסצוטראָגן אין דער וועלט די באַקומענע דערקענטענישן איבער גאָט און וועלט.

אויף דער שאלה. וואָס וויס ער וועגן דעם, ווי אַלט איז אונזער וועלט, האָט סאַנגורי לויט דעם סדר הדורות אין ספר בראשית צונויפגעשטעלט די צאָל יאָרן ביז משה רבינו, דערנאָך געגעבן אַ קורצן היסטאָרישן איבערבליק איבער דער צייט פון די שופטים, מלכים, נביאים און די ערשטע חכמים אויף די גרעניצן פון די תקופות ביז דער הייגטיקער צייט און האָט אַזוי־אַרום באַקומען די צאָל פון גענויע פיר טויזנט פינף הונדערט יאָר. פאַר דער דאָזיקער צאָל איז ווידעראַמאָל ערב די מסורה און דער פאַקט, וואָס מיליאָנען מענטשן אין משך פון אַלע דורות האַלטן זיך פעסט אָן איר אָן שום ספקות אין האַרצן. אַז דער מין מענטש האָט זיך אַנטוויקלט פון אַ אדם הראשון — האָט סאַנגורי באַוויזן זייער לעבעדיק און קלאָר דורך געוויסע גרונדשטריכן, וואָס מיר געפינען ביי אַלע מענטשן, און דורך געוויסע שפּראַך־עלעמענטן, וואָס זיינען אַלצאיינע ביי אַלע פעלקער. די נאַטור־קלאַנגען ביים אויסבראָך פון פרייד אָדער צער, די גרונד־צאָלן, דער סדר פון די טעג אין דער וואָך און נאָך אַנדערע זאַכן זיינען אַ ראיה, אַז די מענטשן־וועלט איז לכתחילה געווען אַ געמיינזאַמע, וועלכע ציט זיך פון איין מקור. די סברות פון די אינדישע הייליקע ביכער פון איין זייט און פון די נייע פילאָסאָפישע שיטות פון דער אַנדערער זייט, אַז די באַוואוינטע ערד איז שוין אַלט מיליאָנען יאָרן, האָט סאַנגורי אָפּגעפרעגט דורכדעם, וואָס ער האָט גרינגלעך אָפּגעלייקנט די יסודות פון די סאַביער און בראַמאַנער, וואָס ער האָט צוגערעכנט צו דעם מגושמדיקסטן מין געצנדינסט. און דאָס, וואָס די אַלטע, דעם

אמת זוכנדיקע העלענישע פילאָסאָפיע מיינט, אַז זי האָט אין דעם פּרט דערפאָרשט, איז ניט מער — האָט סאַנגורי געזאָגט — ווי אַ פאַרבלענדעניש אין דער געדאַנקענצעמישונג פון אַליין באַשאַפענע אילוזיעס.

די בני יפת איז חכמה און אמת ניט געגעבן געוואָרן אַלס ירושה. די חכמה איז צו זיי געקומען פון בבל און פרס, און נאָכדעם ווי זיי האָבן אַרויסגעבראַכט עטלעכע שטערן אויף דעם הימל פון דער פאָרשונג, האָבן זיי געמוזט זי צוזאַמען מיט דער וועלט־ממשלה אָפּטרעטן צו רוים, שוין קיינמאָל ניט צו באַקומען צוריק. די העלענישע חכמה איז אָן אַ אָנהייב און אָן אַ סוף, האָט ניט קיין שורש אין קיין שום באָדן פון לעבעדיקער מסורה, און דער חידוש דערביי איז, וואָס זי האָט געשטרעבט פאַרביי דעם פשוטן אמת. ווען פּלאַטאָן, אַריסטו און סאָקראַטעס וואָלטן זיך אויף וועלכן עס איז אופן געפילט געבונדן צו די סיפורים פון דער תורה וועגן בריאת־העולם, וואָלטן זיי די חריפות פון זייער גייסט אָנגעווענדט אויף צו באַשטעטיקן די דאָזיקע סיפורים, און ניט ווי זיי האָבן געטאָן — צו באַווייזן דעם היפוך דערפון, דערצו נאָך מיט אַ סך אומזיכערערע ראיות... „אגב, — האָט סאַנגורי פאַרענדיקט, — ווען עס וואָלט אַפילו דערוויזן געוואָרן אויף זיכער, אַז די ערד איז אַלט מיליאָנען יאָרן, וואָלט עס אַ האָר ניט געשאַדט אונזער גלויבן. מיר ריידן דאָך פון אונזער וועלט און פון דער מענטשישער ערד, און די חכמי־התלמוד לאָזן צו די מעגלעכקייט, אַז פאַר אונזער וועלט האָבן געקענט זיין אַנדערע, עלטערע וועלטן, וועלכע גאָט האָט חרוב געמאַכט".

בולאַן האָט דאַן געוואָלט וויסן מערער וועגן גאָט אַלס דעם פירער פון די וועלטן.

צוזעגרייט צו דער דאָזיקער שאלה, האָט סאַנגורי זי פאַרענטפערט קלאָר און באריכות; ער האָט אָנגעוויזן, אַז די נאַטור, די אָרגאַנישע וועלט, וואו אַלץ מיט אַנאַנדער אַרבעט אין האַרמאָניע, איז שוין אַ סימן, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ העכערער פירער און מנהיג, וועלכער האָט קיין שום גליד און קיין שום רעדל אין

דער גרויסער וועלט-מאַשין ניט אַריינגעזעצט אָן אַ תכלית און ניט אויף דעם ריכטיקן אָרט. אָפּשאַצן און באַוואונדערן די ערשיינונגען אַלס אַבסאָלוטע און אַליין ווירקנדיקע, אָפּגעריסן פון דעם העכסטן ווילן פון דעם וועלטנפירער, איז געווען און איז אויך איצטער אַ גרויסער טעות פון די, וואָס זיינען געבליבן ביים בוקן זיך צו דער נאַטור אָדער צו די הימלישע קערפּערס און זייערע בילדער, ווייל זיי זיינען ניט געווען בכוח תופס צו זיין די גאַנצע אַלוועלט און דעם, וואָס איז איבער דער אַלוועלט. די יסודות און כוחות פון דער נאַטור, ווי זיי זיינען פאַר זיך אַליין, לאָזן זיך אַריינמישן אין אונזער לעבן—איז אַלצאיינס, ווי באַנוצן די רפואות פון דער אַפּטייק אָן דעם רופא, ניט וויסנדיק וואָס און ווען. אין איין פאַל אָדער אין דעם אַנדערן וואָלט עס אפשר געהאַט אַ פּעולה, בכלל אָבער וואָלט עס געבראַכט צו אַן אומגליק. דער גלויבן אין געצן האָט זיך אַלעמאָל אָנגעהויבן דערמיט, וואָס די מענטשן האָבן איבער דער ערד און איר ווידמונג, איבער דעם הימל און זיין גלאַנץ פאַרגעסן דעם, וואָס מיט זיין איין האַנט האַלט ער צוזאַמען דאָס אַלץ און גיט יעדן טייל אַ ציל און אַ ריכטונג. אַ צייט איז עס אויך געווען אַזוי ביי אונז. מ'האָט געדאַרפט האָבן די האַנט פון אַ שטאַרקסטן פירער, וועלכע זאָל אָנווייזן אין דער הייך. אַז משה איז ניט געווען דערביי, האָט מען געמאַכט דעם עגל הזהב.

דערפון האָט סאַנגורי אָנגעצויגן אויף דער געשיכטע פון ישראל. ער האָט דערציילט, ווי אַזוי ישראל האָט צווישן אותות ומופתים, בלאָנדזשען און תשובה געפונען דעם וועג צו גאָט, און האָט פאַרענדיקט מיט אַ פייערדיקער שילדערונג פון דעם גרעסטן נס — פון מתן תורה אויפן באַרג סיני—און אַ קורצער באַלייכטונג פון די עשרת הדברות, וואָס פאַר אַ באַדייטונג זיי האָבן פאַר אונזער לעבן אין דער שטוב און אין דער געזעלשאַפט און פאַר דער גייסטיקער תחיה פון דער וועלט.

שטיל און פאַרגאַפט זיינען אַלע געזעסן אַרום און אַרום. עס האָט זיך געדאַכט, ווי די בערג-שפּיצן הינטער דעם גאַבאַ האָבן זיך רויט אָנגעצונדן און דורך דער לופט האָט געדונערט: „אנכי!"

.XXII

די ווירקונג פון דעם ערשטן וויכוח איז געווען אין לשער. האַמענאַס און מילקאַמין האָבן גערופן דאָס פאָלק אין דעם טעמפל פון די געטער, געדראָט מיט דעם גרימצאָרן פון סידדהאַרטע און צוגעזאָגט אַלע גליקן פון דער ערד און פון הימל פאַר די, וואָס בלייבן געטריי דעם אַלטן גלויבן. נאָר געציילטע זיינען געגאַנגען אויף זייער רוף. דאָס פאָלק האָט אין גרויסע מאַסן איבערגעפילט די גערטנער און האַלעס, וואו תלמידי־חכמים, סיי יידן סיי כוזרים, האָבן פאָרגעלייענט פון דער יידישער תורה וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט און פון דעם מענטשן און וועגן דער אַנטשטייונג פון יידישן פאָלק און געלערנט פאַרשיידענע דינים און מאמרי חז״ל.

אין דערזועלביקער צייט האָבן אַ סך פון די געבילדעטע און אָנגעזעענע כוזרים אָנגעהויבן צו לערנען לשון־קודש, כדי צוצוקומען צו דעם מקור פון דער יידישער תורה. בולאַן אַליין האָט עס שוין געטאָן נאָך פריער און האָט געהאַט דערביי אַ זיכערן פירער אין דער פערזאָן פון יורש־עצר סאַלימאַן.

אין אַכט טעג אַרום האָט זיך דאָס בילד אויף דעם היגל פון כאַקאַנאַט איבערגעחזרט, און דאָסמאָל איז דער אָנגעלאַף אויף די גאַלעריעס פאַר די צוהערער געווען אַזוי גרויס, אַז זעלנער האָבן געמוזט האַלטן די אָרדענונג. סאַנגורי האָט באריכות דערקלערט די נעמען און די אייגנשאַפטן פון גאָט, האָט גערעדט וועגן דעם, אַז די השגת־אלהות אין תנך ווערט פאָרגעשטעלט אין לשון פון בילדער, האָט גערעדט וועגן דער שייכות פון ישראל צום הייליקן לאַנד, וועגן דעם מהות פון דער נבואה, וועלכע איז געבונדן צו דער ארץ־הקדושה. אַ הייליקע באַגייסטערונג האָט זיך געפילט אין סאַנגוריס שפּראַך, ווען ער האָט געשילדערט די קרבנות אין זייער טיפערער באַדייטונג אַלס התקרבות צו גאָט און אַלס עליה פון דעם מענטשן אין די געטלעכע הייכן. דער צייכן פון דעם געטלעכן בונד מיט אונז — די מילה — האָט סאַנגורין געגעבן אַ געלעגנהייט צו ריידן וועגן דער הייליקונג

פון אונזער גוף פאַר דער העכערער עבודה צו גאָט. אויף בולאַנס פראַגע, פאַרוואָס ישראל ליידט מער פון אַלע צווישן די פעלקער, האָט סאַנגורי געענטפערט אַזוי: „ווייל ישראל איז דאָס הארץ פון דער מענטשהייט, וועלכעס רופט זיך צוערשט אָפּ אויף יעדער אומפינקטלעכקייט אין דעם אָרגאַניזם און פילט דעם צער פון דער וועלט טיפער פון אַלעמען. און דאָס איז דער זין פון דעם נביאס ווערטער אין ספר עמוס: „נאָר אייך האָב איך אויסדערוויילט צווישן אַלע משפחות פון דער ערד, דערפאַר טו איך אייך שטראָפן". ווען דער גוף געזונט ווערן און די מענטשהייט אינגאַנצן געהיילט ווערן, דאַן וועט זיך פרייען דאָס הארץ און ס'וועט קומען די גאולה פאַר ישראל. דערום טוען מיר בעטן אין דעם הייליקסטן פון אַלע טעג: „ובכן תן פחדך... על כל מעשיך... ויעשו כלם אגודה אחת..." און דערנאָך: „תן כבוד ה׳ לעמך..." און צולעצט די העכסטע מדרגה: „ובכן צדיקים יראו וישמחו..."

דער כאַקאַן האָט פאַרלאַנגט, אַז די דאָזיקע ווערטער זאָלן איבערגעלייענט ווערן אין לשון-קודש, און סאַנגורי האָט דערנאָך געמוזט אַריבער צו ריידן וועגן דער הייליקייט און דער בכורה פון דער העברעיִשער שפּראַך. דאָס, וואָס זי איז ביי היינטיקן טאָג אין רייכקייט און בייגעוודיקייט הינטערשטעליק לגבי אַראַביש, נעמט זיך דערפון, וואָס די שפּראַך מוז אַזוי ווי דאָס לאַנד טיילן דעם גורל פון פאָלק. דער נאַטור-קלאַנג, וואָס קלינגט נאָך עד-היום אַרויס פון אַ סך שרשים פון תנך, איז אַ קלאָרע ראיה, אַז די ערשטע מענטשן האָבן אין זייער גאָט-זוכן און נאַטור-לעבן געטראַכט און גערעדט אויף דער דאָזיקער שפּראַך. נאָך דער צעמישונג פון די לשונות אין בבל איז אויפגעקומען די אַראַמעיִשע שפּראַך, וואָס אברהם אבינו האָט נאָך גערעדט אין אור-כשדים, און די אַראַבישע שפּראַך פון ישמעאל, אָבער אין געהויבענע מאָמענטן און צו העכערע צוועקן האָט העברעיִש אַלץ נאָך געדינט אַלס לשון-הקודש. — — — די עשירות און פולקומקייט, די שיינקייט און גענויקייט פון דעם לשון זעען מיר פון דער תורה, למשל, אין דער באַשרייבונג פון דעם משכן און זיינע כלים אָדער ווען מיר טוען זיך אריין אין די געדאַנקענטיפענישן פון ספר

איוב, ווען מיר פילן־דורך די טרייסט־רייד פון ישעיה הנביא, אָדער ווען די מזמורים פון דוד המלכס תהילים קלינגען אָפּ אין אונזער נשמה.

פאַרגאַפּט און אויפגעציטערט פון אַ נאָך קיינמאָל ניט איבערגעלעבטער קדושה, האָבן די פאַרזאַמלטע צוגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם די פראַגמענטן, וואָס סאַנגורי האָט צום סוף פון דעם צווייטן וויכּוח פאָרגעלייענט פון נביאים און תהילים אין לשון־קודש, אַראַביש און כּוזריש.

„איך הייב אויף מיינע אויגן צו די בערג"...

און אַזוי ווי אַ שטילער רעש האָט זיך געהערט הינטער די בערג... די ווערטער, וואָס זיי האָבן דאָ פאַרנומען, זיינען דאָך געווען גאָר עפּעס אַנדערש, ווי דער טויטער געמורמל פון די געבעט־מילן, ווי דער געגעזלטער געזאַנג פון די פּריסטער, און האָט אָנגעצונדן די טיפעניש פון דער נשמה. מיט אַמאָל האָט אַלץ באַקומען אַ זין און אַ לעבן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער דריטער וויכּוח אין אַכט טעג אַרום האָט געבראַכט אַ נייע איבעראַשונג, אויף וועלכער סאַנגורי האָט זיך ניט געריכט.

בולאַן האָט פאַרלאַנגט דערקלערונגען וועגן די ק ר א י ם און זייער שיטה, מיט וועלכער ער האָט זיך אין משך פון דער לעצטער צייט געהאַט באַקענט; אין דעם תּוך אירן איז זי אים גאַנץ גוט געפעלן, וואָרעם ער האָט געזען אין איר אַ נאַטירלעכע פאַראייפאַכטע יידישקייט.

„מ כּ י ר !" איז געווען סאַנגוריס ערשטער געדאַנק, און ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס חסדאי האָט אים געהאַט דערציילט וועגן די לעצטע פּלענער פון דעם יונגן קאַראַים. אויך דער אומבאַקאַנטער, דער „שליח פון די בני מקרא" פון קרים, האָט זיך ווידער געוויזן אין שטאָט. מ'האָט זיי ביידן געזען אַפילו אין כאַקאַנאַט, וואו זיי האָבן געפירט שמועסן מיט טאַבאַנען.

אין איין הרף־עין האָט סאַנגורי זיך אָריענטירט אין דער לאַגע און אָנגעשפּאַנט זיין כּלי־זיין.

ער האָט אָנגעהויבן אויפצוווייזן, קעגן דער שיטה פון די קראים, אַז די מינדלעכע מסורה איז אַן אמת און אַ מוז, וואָרעם וואו הייבט זיך דען אָן דער ספק פון יענעס שיטה — ביי דער תורה שבעל פה, בשעת ווען די קראים טענהן, אַז זיי האַלטן זיך נאָר ביי תורה שבכתב. ווער קען זיי אָבער ערב זיין, אַז די דאָזיקע תורה שבכתב איז ריכטיק, ד. ה. אַז ס'איז ריכטיק דער נוסח, ווי מיר לייענען זי? דער ספר פון דער תורה איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן פון משה רבינו אָן נקודות, אָן נגינות, אָן טראָפּ. די חכמי המסורה האָבן זיי ערשט אַרומגעריגגלט מיט די בייטיקע צייכנס און נקודות, לויט די כללים, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי די כהנים און חכמים פון משה רבינוס צייטן אָן, און נאָר אַדאַנק דעם קענען מיר לייענען און פאַרשטיין די תורה. אָן דער מסורה קען יעדער איינער יעדן פסוק אַזוי לייענען, ווי עס פאַלט אים איין. די קראים לייענען די תורה אַזוי ווי מיר, געטריי דער מסורה, אַלזאָ — נאָך דער מינדלעכער קבלה, און מיט דער הילף פון דער דאָזיקער קבלה באַקומען זיי דערנאָך אי די מסורה אי אונז. —

אויב אָבער די קראים נעמען אָן דעם נוסח און וואַרפן אָפּ זיין טייטשונג, ווייל דאָס איז, לויט זייער מיינונג, אויסגעטראַכטע פּשטלעך, — ווי אַזוי זשע וועלן זיי זיך דאַן אַן עצה געבן מיט דעם דין, אָן שום דערקלערונג, אָן שום אויסטייטשונג? ווען גאָט זאָגט, למשל, קורץ: „דער דאָזיקער חודש איז אייך דער אָנהייב פון די חדשים", — מיינט מען דערמיט אַ חודש פון מיצרישן יאָר, אָדער פון כשדישן קאַלענדאַר, וואָס אברהם אבינו האָט שוין פון אים געוואוסט? מיינט מען דערמיט אַ חודש פון דעם זון־יאָר, אָדער פון דעם לבנה־יאָר? ווי וואָלט מען דאַן געקענט אָפּלערנען וועגן שחיטה פון דעם פסוק, וועלכער זאָגט נאָר קורץ: „דו זאָלסט שעכטן און עסן פלייש"? ווי קען מען באַשטימען די אומריינע פייגל אַחוץ די געציילטע, וואָס זיינען אויסגערעכנט אין דער תורה? וואָס איז „אַרבעט", וועלכע איז פאַרווערט אום שבת, און וואָס איז „אָרט", וואָס מ'טאָר ניט פאַרלאָזן אין דעם דאָזיקן טאָג? אָן דער מסורה ווי וואָלטן מיר

געקענט וויסן, ווי אַזוי מקיים צו זיין די מצוות פון מילה, פון סוכות, די דינים פון ירושה, פון משפטים, וואָס דאָס איז אין דער תורה אָנגעצייכנט נאָר בקיצור, אין אַלגעמיינע שטריכן?

דער אמת איז, אַז אויך די קראים האָבן זייער „תורה שבעל פה", אָן אייגענע, נייע לערע, זי האָט אָבער גיט קיין שום שייכות מיט דער אָנגענומענער מסורה, וואָס גייט לעבעדיק איבער פון מויל צו מויל, פון דור צו דור, אַ „תורה שבעל פה", וואָס איז געמאַכט פון מענטשן צוליב אייגענע צוועקן און איז דערום פול מיט חסרונות און סתירות. איז דען ניט משונהדיק, למשל, וואָס די קראים, זיך סומך זייענדיק אויף פריערדיקע כיתות, ווילן מדחה זיין דעם יום־טוב פון שבועות אויף דעם זונטאָג, וואָס נאָך אונזער פייערטאָג, גאָר ניט האָבנדיק קיין ספק, צי דער „דריטער חודש" און דער „ערשטער חודש", פון וועלכן מיר הייבן אָן צו ציילן ספירה, זיינען באמת ניסן און סיוון, ניט האָבנדיק בכלל קיין שום ספק אין אונזער לוח, וועלכער איז דאָך אין תוך אויך אַ זאַך פון דער מסורה? זיי ווילן ניט גלייבן אין די חכמים און האַלטן זיך פעסט אָן דער אמונה אין אייגענע לערעס, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעפּשטלט אויפן גרונד פון די זעלביקע איבערגעענטפערטע מאמרי חז"ל.

סאַנגורי האָט נאָך געמוזט שילדערן אין אַלגעמיינע שטריכן, ווי אַזוי די מסורה איז איבערגעענטפערט געוואָרן פון מויל צו מויל. ער האָט דאָס געטאָן קלאָר און דייטלעך על פי אבות, משנה, גמרא און דעם „סדר עולם", האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט ביי די גרויסע נעמען אויף דער גרענעץ פון נייע תקופות, ווי שמעון הצדיק, הלל, רבי יהודה הנשיא, און געניער געשילדערט זיי און זייער צייט. דער טראַגישער סוף פון רבי עקיבא און זיינע פריינד האָט אַרויסגערופן די העכסטע באַוואונדערונג אין די הערצער פון די כוזרים, וואָס האָבן אַזוי פיין געפילט יעדן מין גבורה.

צום סוף האָט איינער פון די ראָטגעבערס מעורר געווען, מ'זאָל אויך אויסהערן די קראים. דאַן האָט טאַבאַן גענומען דאָס וואָרט, אויסלאָזנדיק דעם וויכוח בזה הלשון:

— מיר האָבן אין כאַקאַנאַט די לעצטע צייט זיך זייער פיל פאַרנומען מיט דער לערע פון די קראים און האָבן אַרויס־געשטעלט קעגן איר די וויכטיקסטע טענות, וואָס סאַנגורי האָט דאָ פאָרגעלייגט, אָבער סיי די ספרים פון די קראים סיי זיי גופא האָבן די טענות ניט געקענט ווי געהעריק אָפּפרעגן. דעריבער האַלט דער כאַקאַן, צוזאַמען מיט דאָס רוב פון זיינע ראַטגעבערס, אַז אַ נייער עפנטלעכער וויכוח מיט די קראים איז ניט נייטיק.

XXIII.

די ווירונג אין כוזרישן פאָלק האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. עס האָט געקאָכט און גערעשט ווי אויף אַן אויפגע־רודערטן ים. פאַר יחידי־סגולה האָט שוין דער דריטער וויכוח מכריע געווען אינגאַנצן. — — —

אין סידדהאַרטעס טעמפל האָט מען ביים רוישן פון אַלע געבעט־מילן געפונען אַן אַ סימן פון לעבן ליגנדיק אויף דעם גע־בעט־טעפעך דעם פעגאַן האַמענאַס, דעם משנה למלך פון דער כוזרישער מדינה. לעבן דעם בר־מינן איז געלעגן די ליידיקע שאָל, פון וועלכער עס האָט געטריפט דער אָפּזאַץ פון אַ גרינער פליסיקייט. זעענדיק, אַז זיין זאַך איז פאַרלוירן, האָט ער אויס־געטרונקען דעם בעכער גיפט ביזן דעק.

קיינער פון זיינע געטער איז דעם פעגאַן נעבעך ניט ביי־געשטאַנען, און דאָס האָט אָפּגעטריבן פון טעמפל דאָס לעצטע ביסל גלויביקע. — — —

דעם אייגענעם טאָג אין אָוונט האָט זיך אַ שאָטן געשלייכט פאַרביי בת־שועס פענסטער. מכיר איז געשטאַנען אַ דערשלאָגע־נער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט זיך געבעטן מיט צי־טערנדיקע ליפּן:

— נאָך איין מאָל, בת־שוע, צום לעצטן מאָל! אַלע האָבן זיך פון מיר אָפּגעקערט... ווילסטו מיך ניט צוהערן?

בת־שוע האָט געהאַט געעפנט דאָס פענסטער אין דעם בלויעם זומערדיקן אָוונט אַריין, האָט אָבער געקוקט אַריבער מכירן, אין די בערג...

— בת־שוע, מיין שפּיל דאָ איז אויס. מיין אַרבעט ביי די בורים — געענדיקט. סאַנגורי האָט מנצח געווען... איך גיי אוועק פון דאַנען... ווילסט מיך ניט צוהערן?

בת־שוע האָט געקוקט אויף די שטערן איבער די טונקעלע בערג־שפּיצן און האָט גאָרנישט געהערט.

— קום מיט מיר, — האָט דער בחור געבעטן רחמים, — אין דער הייליקער שטאָט אַריין, דו און איך, מיר וועלן געגעזנט ווערן... ענן וועט אונז העלפן...

— ענן איז וואָלקן, ער פאַרגייט... — האָט דאָס מיידל גריילציק זיך צעלאַכט און פאַרמאַכט דאָס פענסטער. — — —

פאַרטאָג האָט מען געזען, ווי מכיר, באַגלייט פון עטלעכע פריינד, מיט געשנירטע רענצלעך אויפן רוקן און דעם ספר פון דער תורה אין דער האַנט, איז געגאַנגען צו מזרח־זייט.

קיינער האָט די גייער ניט געשאָנקען קיין שום אויפמערקזאַמקייט. — — —

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אַ ברייטפּלייציקער מאַן אין דעם לאַנגן ברייטן מאַנטל פון אַ קריגער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון רבי סאַנגורי, וועלכער איז געזעסן פאַרטיפט אין זיינע ספרים.

— דער רבי דערקענט מיך שוין ניט?

סאַנגורי האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם פרעמדן אין פּנים אַריין.

— אייער פּנים און פיגור זיינען מיר קענטלעך, אָבער איך געדענק ניט... וואָס זשע האָט אייך געבראַכט צו מיר?

— איך בין געקומען, כּדי איר זאָלט מיך כּדין וכּדת אַריינפירן אין דעם בונד פון ישראל; אין האַרצן האָב איך שוין לאַנג געהערט צו דעם דאָזיקן בונד.

— איר ווילט ווערן אַ ייִד?

— איך בין עס שוין פון לאַנג, האָב אויך דעם צייכן פון בונד אין מיין פליייש, איצט אָבער וויל איך נאָך הערן פון אייער מויל, אַז איך בין אָנגענומען אין עדת ישראל.

— הערט, פריינד, — האָט סאַנגורי געזאָגט, און זאַנפט

אַרויפֿלייגנדיק די האַנט דעם פֿרעמדן אויפֿן אַקסל, האָט ער אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. — האָט איר זיך געגנוג אויסגעפּרוווט? אפֿשר באַוועגט אייך צו דעם דאָזיקן שריט אַ אויסערלעכע סיבה, אַ פּערזענלעכע פּניה אָדער גאָר די ליבע צו אַ פֿרוי?..

דער פֿרעמדער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט הויך און שאַרף:

— מיך טרײַבט זיך צו מגייר זיין דער אינעווייניקסטער קול פֿון הייליקסטער איבערצייגונג.

— ווייסט איר, פֿריינד, וואָס איר נעמט אויף זיך דערמיט? די שנאה פֿון דער וועלט. די זין פֿון ישראל ווײַנען אומעטום גערודפֿט און פֿאַרהאַסט...

— איך ווייס עס, רבי, גאַנץ געגנוג; מיין האַרץ איז אָבער געווען מיט אייך שוין דעמאָלט, ווען די יידן האָבן אויך ביי אונז נאָך געהאַט ניט קיין בעסערע מערכה...

— און גאָט פֿאַרלאַנגט פֿון אַ יידן אַ סך, גאָר־גאָר אַ סך, — האָט סאַנגורי ווייטער געזאָגט. — האָט איר דאָס אַלץ, אַלץ גענוי באַטראַכט, גוטער פֿריינד?

— אַלץ גוט באַטראַכט, רבי; איך ווייס עס: זעקס הונדערט דרייצן מצוות, און איך קען זיי אַלע, פֿון אָנהייב ביז סוף.

— איר זייט צוגעגרייט?

— יאָ, מיט יאָרן צוריק בין איך שוין געזעסן צו אייערע פֿיס און געלערנט די תורה צוגלייך מיט די אַנדערע.

— קאָזאַריאָס! — האָט סאַנגורי זיך דערמאָנט און איז אַן אויפֿגערעגטער אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט. — מיר האָבן אַלזאָ ניט געהאַט דאַן צו טאָן מיט אַן אומווערדיקן מענטשן?...

— מיט קיין פֿאַררעטער, האָט איר געוואָלט זאָגן? ניין, אַ זוכער, וועלכער האָט אייך איצטער אינגאַנצן געפֿונען; ער איז דער ערשטער, און נאָך אים וועלן קומען נאָך... איך האָב געפֿירט דאָס חייל אין דער מלחמה אַריין און צו דעם נצחון און קום איצט דער ערשטער נאָך דעם שכר פֿאַרן נצחון. אַלע אַנדערע גייען נאָך מיר, אַזוי ווי ביי אַרדילאַן...

ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם מאַנטל. פֿאַר סאַנגורין איז

אין אַ מיט גאָלד געהאַפטענעם קריגער־מלבוש געשטאַנען דער יורש־עצר סאַלימאַן.

סאַנגורי איז בלייך געוואָרן ביז די שפּיץ פינגער.

— ווייס דער גרויסער כאַקאַן בולאַן פון אייער שריט?— האָט ער קוים געקענט אויסריידן.

— יאָ, און ער וועט אים מיר גלייך נאָכטאָן; וואָרעם דאָס, וואָס שפּראָצט אין אים טיף אין דער נשמה שוין אַ צייט מיט יאָרן, וועלן די רעדעס אייערע ביסלעכווייז מאַכן אויפבליען.

— געבענטשט זאָל זיין אייער קומען! — האָט סאַנגורי געזאָגט מיט טרערן אויף די אויגן.

— און איצט וויבאַלד איך געהער צו דער יידישער אמונה, מעג איך חתונה האָבן מיט דער יידישער פרוי, וועלכע וואַרט אויף מיר?...

סאַנגורי איז ווידער בלייך געוואָרן. אַ טיפער צער האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון. איז דאָ פאָרט, הייסט עס, געווען אַ פרוי, וואָס צוליב איר האָט ער, צי באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, אָנגענומען זיין באַשלוס!

סאַלימאַן האָט אים מקדים געווען, גלייך ווי ער וואָלט געהערט די ניט געזאָגטע ווערטער:

— איך שווער, רבי, נאָכאַמאָל, אַז איך קום צו דער אמונה פון ישראל מיט אַ ריינעם הארצן, אַז מיין דערקענען גאָט איז אַ סך עלטער, ווי מיין נייגונג צו דער פרוי, פון וועלכער איך האָב גערעדט, און זינט איך האָב אַנטדעקט די ערשטע שפּורן פון מיינע געפילן, האָב איך די דאָזיקע פרוי מער ניט געזען, כדי די דערקענטעניש אין מיר זאָל צייטיק ווערן אָן שום זייטיקע השפּעות.

— דו ביסט אונזער ברודער!—האָט אים סאַנגורי באַגריסט מיט ביידע הענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דרויסן האָט סאַלימאַן אַרומגענומען בן־חסדאין.

— ברודער!—האָט ער איבערגעזאָגט סאַנגוריס וואָרט.

— קען איצט דער סוד שוין נתגלה ווערן? קען ענדלעך

דער נאָמען קאָזאַריאָס פאַרשווינדן אויף אייביק, כּדי די אָרעמע מיידל, וואָס האָט זיך צוגעבונדן צו דעם דאָזיקן פאַנטאָם, זאָל געזונט ווערן?

— זי מוז געזונט ווערן! פיר מיך צו בת־שועז.

— אַלס סאַלימאַן? — בן־חסדאי האָט מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן געקוקט אויף זיין פריינד, וואָס ער האָט געשיינט פאַר גליק.

— ניין, נאָך איינמאָל אַלס קאָזאַריאָס, וואָרעם נאָך אים איז איר בענקשאַפט, וועלכע איך פיל טיף אין מיין נשמה. און אַז איך וועל אַוועקגיין, וועסטו נעמען אויף זיך אויפצוקלערן די זאַך און זיין מיין שדכן...

— דיין שדכן? — בן־חסדאי האָט געקוקט אויף אים ווי אַן זינען.

— דו וועסט איר זאָגן, אַז זי האָט ניט אומזיסט אויף מיר געוואַרט, אַז אַלע מחיצות זיינען איצטער געפאַלן; איך, דער בן־מלך, און זי, מיין מלכּה, זיינען פון איין גלויבן.

— אונזער גרויסער פירער, די האָפענונג פון אונזער לאַנד, אונזער ברודער! — האָט בן־חסדאי ניט געקענט אויסדריקן די געפילן, וואָס האָבן אים באַוועלטיקט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַז בן־חסדאי איז מיט דעם כּוזרי אַריין אין שטוב, איז בת־שוע אָפּגעגאַנגען פון פענסטער; איר פּנים האָט געשטראַלט ווי מיט אַ ניט־ערדישער שיין, אָבער זי איז געווען רויק, האָט זיך געהאַלטן און גערעדט געלאַסן און באַגריסט די געסט מיט איר שמייכל, וואָס מ'האָט ביי איר שוין לאַנג ניט געזען. פאַרנעם, כּמעט קאַלט האָט זי באַגעגנט דעם מענטשן, גלייך זי וואָלט זיך ערשט נעכטן מיט אים צעשיידט, גלייך זי איז גאָר קיינמאָל ביים פענסטער ניט געזעסן און ניט אַרויסגעקוקט צו די בערג...

און ביים שמועס איז זי געווען ווי אַמאָל, מיט אַלע אירע חושים און איר גאַנצער נשמה, און זי האָט ווידער געלאַכט.

ווי אַמאָל זיינען ביידע מענער געזעסן אויף דער נידעריקער באַנק פאַרן קאַמין און גערעדט פון אַלערליי זאַכן, און בת־שוע

מיט נחמהן האָבן צוגעהערט אויף דעם קישנבעט, באַלעבנדיק דעם שמועס מיט זייערע באַמערקונגען.

קיין זאַך כמעט האָט זיך ניט איבערגעביטן, נאָר איצטער האָבן זיי ניט גערעדט שוין וועגן ענינים פון אמונה, אויך ניט וועגן באַגדאַד, בבל און דער מדבר, נייערט וועגן דער מלחמה ביי אַרדילאַן.

אין דער באַנעמונג פון דער מיידל לגבי דעם פרעמדן האָט זיך קיין האָר, דאַכט זיך, ניט געענדערט, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך ערשט נעכטן צעשיידט.

דער כּוזרי איז אַוועקגעגאַנגען. בן-חסדאי איז געבליבן ביי די פרויען. נחמה האָט די ערשטע איבערגעריסן דאָס שווייגנס.

— דו האָסט אונז גאָרניט געזאָגט, חסדאי, ווען און ווי אַזוי דו האָסט ווידער אַנטדעקט קאָזאַריאָסן?

פון די פרויען איז ניט געבליבן פאַרבאָרגן די אויפרעגונג חסדאיס, וועלכער האָט מיט ציטערנדיקע הענט זיך געגרייט אַראָפּצורייסן דעם שלייער פון דעם סוד.

— וואָס איז מיט דיר, חסדאי?

— קענט איר זיך פאָרשטעלן, ווער דער דאָזיקער קאָזאַריאָס איז? — האָט ער זיך אַ ריס געטאָן גלייך צום ציל.

— איך ווייס עס, — האָט בת-שוע געענטפערט אַזוי רויִק, אַז עס האָט זיך גאָרניט געפּאַסט פאַר איר באַנעמונג די לעצטע צייט.

— דו ווייסט עס?

— יאָ, ער איז דער יורש-עצר סאַלימאַן...

— בת-שוע!! — האָבןביידע אויסגערופן מיט אַמאָל. נחמה האָט איר אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. זי האָט געמיינט, אַז מיט דער מיידל האָט געטראָפן אַ נייער אָנפאַל, אַ נייער אויסבראָך פון איר טירוף, וועלכער האָט עס אַרויסגערופן איבער אירע ליפּן אומזיניקע ווערטער. אָבער בן-חסדאי האָט באַרויִקט זיין ווייב.

— עס איז אַזוי, ווי בת-שוע האָט געזאָגט, נחמה.

— איך האָב עס געוואוסט, — האָט בת-שוע פּשוט געזאָגט, — געוואוסט אַלעמאָל, פון זיך אַליין...

נחמה האָט פאַרמאַכט די אויגן, זי האָט געמוזט זיך באַ־הערשן, כדי צו באַנעמען די גאַנצע זאַך, מאַכן אַן אָרט אין איר נשמה פאַר די נייע איינדרוקן.

אַקעגן־זשע, בת־שוע איז געווען רויִק און מונטער.

— וואָס זאָל איך זאָגן סאַלימאַנען? — האָט בן־חסדאי געפרעגט.

— אַז ער זאָל מאַכן אַ סוף צו דער שפּיל און אונז לאָזן צו רו, — האָט בת־שוע געבעטן קלוג און געלאַסן.

— די שפּיל איז געענדיקט, בת־שוע, און סאַלימאַן קומט גאַנץ ערנסט צו נעמען זיך זיין פרוי, וועלכע האָט אויף אים די גאַנצע צייט געוואַרט.

— בן־חסדאי! — האָט נחמה אויסגעשריען.

— יאָ, סאַלימאַן וויל חתונה האָבן מיט בת־שוען און האָט מיר איבערגעגעבן עס איר צו זאָגן.

— דער יורש־עצר, דער קומענדיקער כאַקאַן פון כאַזאַריע, פון די כּוזרים?

— יאָ, דער יורש־עצר, דער קומענדיקער כאַקאַן, דער ייד — ער איז דאָס אין האַרצן שוין לאַנג געווען און איצטער איז ער עס שוין בפני כל עם ועדה — וויל חתונה האָבן מיט זיין יידישער פרוי, זיין מלכּה...

— סאַלימאַן אַ ייד! — האָט זיך אַרויסגעריסן ביי בת־שוען. דאָס האָט זי ניט געוואוסט, דאָס האָט זי ניט אַרויסגע־לייענט פון איר נשמה...

זי איז געפאַלן אויפן קישן און זיך צעוויינט. אָבער דאָס איז שוין ניט געווען דאָס קרענקלעכע וויינען פון נעכטן און אייערנעכטן. די כוואַליעס, וואָס האָבן מעכטיק געשטורעמט אין איר נשמה, האָבן זיך אַריבערגעגאָסן איבער די ברעגעס...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

סאַלימאַנס שריט האָט אָנגעמאַכט אַ רעש און אַרויסגערופן אַ באַוועגונג. צענדליקער מענטשן פון די העכערע שיכטן פון כוזרישן פאָלק האָבן אים נאָכגעטאָן, זיינען געקומען צום רב און ניט געלאָזט זיך אָפּהאַלטן דורך קיין שום טענות. זיי האָבן

זיך געוואָלט מגייר זיין פון טיפסטער איבערצייגונג און נאָך די געהעריקע אויפקלערונגען און הכנות האָט מען זיי געמוזט מגייר זיין. דער צד פון פעגאַן האַמענאַס האָט נאָך דעם טויט פון זיין פירער זיך אינגאַנצן אָפגעזאָגט פון דעם קאַמף.

ביי אַזעלכע גינסטיקע אומשטענדן זיינען די צוויי לעצטע וויכוחים אַריבער גלאַט און גליקלעך, צוציענדיק אַ מאַסע צוהערער.

אין דעם פערטן וויכוח האָט סאַנגורי גערעדט וועגן דער געטלעכער השגחה אין גרויסע זאַכן און אין קליינע און האָט זייער שאַרפזיניק אָפגעפרעגט די האַלב געצנדינערישע מיינונג, אַז דער, וואָס זיצט אין הימל, פירט בלויז די וועלט אַלס אַזעלכע, אים גייט אָבער ניט אָן יעדע בריאה באַזונדער און איר גורל; פון דער דאָזיקער פאַלשער מיינונג שטאַמען די פאַרפירערישע לערעס פון צווישנגעטער און פאַרמיטלער. גאָט איז די נשמה פון דער וועלט און דער מענטש דאָסגלייכן איז אַ קליינע וועלט פאַר זיך, באַלויכטן פון געטלעכן ליכט ביז דעם לעצטן ווינקעלע. אַנטקעגן דעם גאָט פון אַריסטו האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם גאָט פון אברהם. דער פילאָסאָף פאָרשט נאָך זיין גאָט, אַזוי ווי ער פאָרשט נאָך דעם תוך פון די זאַכן און נאָך דעם ציל פון לעבן, ווייל דער העכסטער ציל פון אַלע צילן איז פאַר אים דאָס וויסן וועגן די זאַכן; אונזערע אבות און לערער האָבן געפאָרשט נאָך גאָטס השגחה, ווייל פון אים האָבן זיי געוואוסט און, דערקענענדיק זיין מהות, האָבן זיי געשטרעבט צו דערקענען זיין ווילן און צוצופאַסן די מעשים צו דעם דאָזיקן העכערן ווילן. די פילאָסאָפן ריידן וועגן איינגעהאַלטנקייט, ווייל די תענוגים פון עולם־הזה זיינען אַ מניעה פאַר דעם וויסן; מיר ווילן דורך זעלבסטדערציערישער איינגעהאַלטנקייט דערגרייכן צו געלייטערטע מידות טובות, צו דער העכסטער מענטשלעכער מדרגה פון ענלעכקייט צו גאָט; זיי פריידיגן גוטס פאַר דער וועלט־אָרדענונג און געזעלשאַפט, ווייל אין דער געטלעכער נאַטור איז אויך אַלץ גוט איינגעאָרדנט און איינגעשטעלט; אונז אָבער טרייבט אויף דעם וועג פון גוטס אַ העכערער כוח, — ווייל

גאָט נעמט אַרום מיט אַ ליבנדיקער פאָטערלעכער האַנט אַלע זיי־נע באַשעפעניש און מאַכט אונז אַזוי־אַרום אַלעמען פאַר ברי־דער...

די באַציִונג צו דער מלוכה, צו דער געזעלשאַפט איז עפּעס אַזוינס, וואָס דער מענטש דאַרף עס ערשט באַנעמען על־פּי שכל, און דערום קען יעדער איינער באַשטימען פאַר זיך דעם גבול פון זיינע התחייבותן און שאַפן זיך זיין אייגן בילד וועגן דעם סדר פון דער געזעלשאַפט, וועלכער ענדערט אגב אויך זיין פּנים לויט דער צייט און לויט די אומשטענדן. דאָס געטלעכע אָבער, וואָס שטעקט אין אונז, ווירקט און געוועלטיקט אייביק, טרייבט אונז אַלעמען אויף איין וועג, און דער דאָזיקער וועג לאָזט זיך ניט איבעררוקן, אַזוי ווי גאָט איבער אונז איז אויך אומפאַרענדערלעך.

דערום האָט אויך משה רבינו, אַז דאָס פאָלק האָט אים גע־טאָן פרעגן אויף דעם נאָמען פון גאָט, ניט געגעבן קיין אַנדערע תשובה, ווי נאָר—אַז „גאָט איז און וועט זיין". ניט דאָס פאָרשן נאָך גאָט, נייערט דאָס וויסן וועגן זיין עקסיסטענץ אין דער טי־פעניש פון אונזער נשמה — דאָס איז דער עיקר. דאָס בילד פון גאָט, וואָס מיר טראָגן אין אונזער האַרצן, שטאַמט טאַקע פון אונזערע מענטשלעכע השגות, אָבער ניט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר זיינען ניט בכוח צו באַגרייפן די לעצטע מדרגה, פילן מיר דאָך בחוש זיין ריינע רוחניות. תּופס צו זיין גאָט אין דער אַב־סטראַקטער אידעע און דינען דערצו, ווי דאָס ווילן די פילאָסאָפן— דאָס איז ניט געגעבן דעם מענטשן, וועלכער טראָגט אויף זיך די משא פון דער ערדישקייט.

— מ'האַלט אייך פיר, — האָט טאַבאַן געלייענט פון דעם בויגן מיט שאלות, אַז פאַר דער דאָזיקער דערקענטעניש אייערער פון גאָט האָט איר ניט געקעמפט, אַזוי ווי די אַנדערע האָבן גע־טאָן קעמפן פאַר זייער דערקענטעניש. אַפילו די קדושים אייערע זיינען ניט געוועזן קיין העלדן, אַזוי ווי די מאַרטירער פון נוצרישן און איסלאַמיטישן גלויבן, נייערט בלויז פרומע לײַדער, וועלכע האָבן שטיל אויף זיך גענומען דעם גורל, האָבן אים אָבער ניט

געטראָגן צו דער וועלט דורך קאַמף. זינט איר זייט צעזייט און צעשפּרייט, זייט איר שטאַרק אין ליידן, איר האָט אָבער ניט קיין כּוח און קיין ווילן צו קומען מיט אייער וויסן וועגן גאָט צו דער גרויסער וועלט.

דאָס האָט סאַנגורין געגעבן די געלעגנהייט צו באַלייכטן די דאָזיקע באַזונדערע ליידנדיקע, אמתע גבורה:

— איין וואָרט איז גענוג צו מאַכן אַ סוף מיט אונזערע ליידן און צו עפענען אונז אַלע טירן אין דער ליכטיקער פרייער וועלט אַריין, און דאָס דאָזיקע וואָרט הייסט „שמעו!" קודם־כּל דאַרף ישראל הערן, די וועלט וועט קומען שפּעטער, און איר אויף צופריער — די פון גאָט אויסדערוויילטע, די אויפגע־וועקטע צו דעם ליכט פון באַגינען...

און בשעת ער האָט געשילדערט דאָס זריעה־קערנדל, וואָס ווערט געוואָרפן אין דער שוואַרצער ערד, יורדט דאָרט און שפּראָצט לסוף אויף, ביז עס גייט אַרויס אויף דער ליכטיקייט,— האָט זיין קול באַקומען אַ נביאישן קלאַנג:

— ישראל איז גאָטס זייער...

— און כאַזאַריע איז גאָטס פּעלה, וואָס וועט די ערשטע מאַכן צייטיק די פרוכט, — האָבן זיך אָפּגערופן שטימען פון דעם ראָט.

אין זיין פינפטער, לעצטער רעדע האָט סאַנגורי אין צען קורצע עיקרים צונויפגעפאַסט די יידישע אמונה בנוגע גאָט און וועלט. דעם תכלית פון דעם מענטשן און זיין באַציִונג צו גאָט האָט ער קלאָר אויסגעדריקט אין זעקס עיקרים, און ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ פאַרכאַפּנדיקער שילדערונג פון דער טויזנט־יאָריקער יידישער האָפענונג אויף דער גאולה פון ישראל און פון דעם הייליקן לאַנד, ווי עס שטייט געשריבן אין תהילים: „אָט שטייסטו אויף צו דערבאַרעמען זיך אויף ציון, וואָרעם עס איז שוין די צייט צו פאַרגעבן, געקומען די שעה, אז דיינע דינער זאָלן אַרומנעמען אירע שטיינער און פאַרקנסן זיך מיט איר ערד"...

XXIV.

מיט די פינף רעדעס האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט די באַלערנונג. אין פאָלק און אין לאַנד האָט זי זיך ערשט אָנגעהויבן. די פונקטן און עיקרים פון דער תורה, וואָס סאַנגורי האָט אויסגעאַרבעט, האָבן געדינט אַלס יסוד פאַר נייע באַלערנונגען, און וואוילקענעוודיקע מענטשן, געשיקטע פון סאַלימאַנען, האָבן טאָג איין טאָג אויס פאַרשפּרייט די נייע לערע צווישן פאָלק. פון אַלע שיכטן און פון אַלע שטאַנדן האָבן געשטראָמט אַזוי פיל צוהערער, אַז מ'האָט כסדר געמוזט זוכן נייע לערנערטער און נייע לערערס.

אַזוי איז אַריבער דער זומער. די איינזאַמלונג פון די פעלדער איז פאָרגעקומען אונטער מזמורים פון תהילים, וואָס האָבן דורך די חסדאיער צוערשט זיך זייער גיך פאַרשפּרייט און שטאַרק באַליבט געוואָרן צווישן די געוועזענע קריגער. די וויינגערטענער זייַנען געשטאַנען פול אין טרויבן און דער ים האָט געשוימט און גערוישט, געצערטלט פון אַ סוף-זומערדיקן ווינט, גלייך ווי ער וואָלט געטראָגן אַהערצו עפּעס נייעס און גרויסעס...

אין דער שכונה האָט זיך געלאָזט הערן דער שופר פון אלול. דאָס איז געווען אַ זאַמל-סיגנאַל, וועלכער האָט גערופן און געלאָקט ניט בייצושטיין. צענדליקערווייז און שפּעטער הונדערטערווייז איז מען געקומען פון אַלע שיכטן און פון אַלע שטאַנדן אַרונטער פון דעם גאַבאַ, אָנגענומען צו ווערן אין דעם בונד פון דער יידישער אמונה. אויף אַלע באַוואָרענישן, אויף אַלע אָנווייזונגען, וואָס פאַר אַ סכנות און וואָס פאַר אַ חומרות דער נייער גלויבן ברענגט מיט, האָבן זיי געהאַט איין תירוץ: קיין שום זאַך קען זיי ניט אָפּהאַלטן צוזאַמען מיט זייער הערשער-הויז נאָכצוגיין נאָך דעם קול פון דעם אמת און קיין שום זאַך קען זיי שוין ניט אָפּשרעקן פון געטריי צו בלייבן דעם געפונענעם אמתן גאָט פון ליבע און גערעכטיקייט.

אין פאַרשיידענע טיילן פון דער כוזרישער שטאָט האָט מען געמוזט גרינדן חדרים צו לערנען די הייליקע ספרים און זייער הייליקע שפּראַך און ווי אַזוי מקיים צו זיין די געבאָטן פון דת. אויף סאַלימאַנס וואונטש און מיט סאַנגוריס הסכמה זיינען די דאָזיקע חדרים געפירט געוואָרן פון די ישיבה־בחורים.

מוטיק און באַהאַרצט האָבן באַיאָרנטע מענער און יונגע קינדער זיך ניט אָפּגעשראָקן צו שליסן דעם בונד מיטן גאָט פון ישראל אויך אויסערלעך, דורך דעם צייכן אויפן קערפּער...

דער וואַרעמער זומער האָט געהאַלטן ביים אויסגיין. לייכטע נעפּלען פון פרימאָרגן זיינען געקומען צו שווימען פון ים איבערן האָריזאָנט, אָנזאָגנדיק אויף קלאָרע טעג פון האַרבסט. וואָס מער דער שופר פון אלול האָט געשאַלט אין דער שכונה, אַלץ מער איז געוואָרן די צאָל פון די פרעמדע פּנימער אין די בתי־מדרשים...

אין דעם טאָג פון ערב ראש־השנה איז דעם כאַקאַן בולאַנס גילדערנער וואָגן געפאָרן צום ברעג ים. לעבן כאַקאַן איז געזעסן רבי סאַנגורי. ווען מ'איז געוואויר געוואָרן, אַז דער כאַקאַן האָט דאָרט זיך טובל געווען לויטן דין, נאָכדעם ווי ער האָט שוין פריער אין דער שטיל געהאַט אָפּגעטאָן אַלע הכנות, האָט אַ טויזנטקעפּיקער עולם ביים אַרויפגאַנג צום היגל פון כאַקאַנאַט אָפּגעאַכט דעם וואָגן מיט דעם רוף: „לעבן זאָל בולאַן! דער ערשטער כאַקאַן אויף דעם יידישן טרוינשטול פון כאַזאַריע."

אויף די ימים־נוראים האָט מען אין דער שטאָט פון די כוזרים געמוזט די גרויסע בנינים פאַרוואַנדלען אין בתי־תפילה. וואוילקענעוודיקע פון דער שכונה, וועלכע האָבן אויך באַזאָרגט די נייטיקע תשמישי קדושה, האָבן אָנגעפירט די עבודה מיט תפילה און שאַלן פון שופר, מיט דרשות פון דער תורה און מזמורים פון תהילים. אין כאַקאַנאַט גופא, אין ווייסן מירמלנעם זאַל האָבן צוזאַמען מיט בולאַנען און סאַלימאַנען און פינף פון זיינע זיבן ראָטגעבערס, וועלכע האָבן זיך מגייר געווען גלייך מיט דעם כאַקאַן, געדאַוונט די פּני פון דער מדינה; בעל־תפילה

איז געווען בן־חסדאי, וועלכער האָט געהאַט צו זיך אַלס באַהעל־פער דעם פריינד און חבר זיינעם חזקי.

מילקאַמין האָט גע פ ע ל ט. ער האָט ניט נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון פּעגאַן האַמענאַס, ניט אויסגעטרונקען דעם בעכער גיפט, און האָט נאָך אַלץ געהאָפט אויף אַ נס פון די געטער, וואָס זייער טעמפּל איז נאָך פאַר אים אַלץ געשטאַנען אָפן.

די מילדע זון פון האַרבסט האָט באַגילדט דעם באַלאַגאַ־פּלאַץ, וואו עס האָט זיך דעם ערשטן טאָג ראש־השנה צונויפגע־זאַמלט אַ יום־טובדיק אויפגעלייגט פאָלק — צו זאָגן „גוט יום־טוב" דעם הערשער, וועלכער האָט זיי אַרויסגעפירט אויף נייע וועגן פון גליק און נחת־רוח, און צו פאַרנעמען פון טאַבאַנס מויל, אַז די אמונה פון דעם כאַקאַנאַט און פון דעם כוזרישן פאָלק בכלל איז די י י ד י ש ע, הגם אויך אַלע אַנדערע גלויבנס, בתוכם דער אַלטער געטער־גלויבן, בלייבן טאָלערירט. דער גרונד און דער יסוד פאַר אַלע תקנות פון דעם מלכות — אַזוי האָט מען ערקלערט דעם פאָלק — וועט מהיום והלאה זיין די הלכה מסיני לויט דער אויסטייטשונג פון די חכמים, און עס וועלן אין גאַנצן לאַנד געגרינדעט ווערן חדרים און ישיבות צו פאַרשפּרייטן דעם לימוד התורה.

רבי יצחק סאַנגורי האָט באַקומען דעם אויפטראָג מיט דער הילף פון אַ קאָלעגיע תלמידי־חכמים אויסצואַרבעטן אויפן סמך פון דער תורה און תלמוד בבלי די נייע תקנות פאַר דער מדינה, דורכגעדרונגען פון דעם גייסט: „גלייכע רעכט פאַר אַלעמען".

מיט דער דאָזיקער הויכער אויפגאַבע האָט מען איצט אויך פאַרבונדן דעם אַמט פון דעם פּעגאַן, וועלכער האָט געהאַט אויף זיך צו ריידן און צו טאָן אין נאָמען פון דעם כאַקאַן. אָבער סאַנגורי האָט געבעטן, מ'זאָל אים דורך דעם אַמט פון פּעגאַן ניט אָפּרייסן פון זיין לערנען, וואָס איצטער האָט ער געמוזט עוסק זיין אין דעם נאָך מער ווי פריער. דעריבער — אַזוי האָט טאַבאַן געמאָלדן — איז ער, ט אַ ב אַ ן, פון היינט אָן אויסגערופן אַלס פּעגאַן, און סאַנגורי גייט אָנשטאָט אים אַריין אין דעם ראָט אַלס העכסטער אָנפירער פון דעם לימוד התורה. היות ווי מיל־

קאַמין האָט געפונען פאַר גלייכער אַרויסצוטרעטן פון זיין מלוכה־אַמט, כדי צו פאַרענדיקן זיין לעבן אין סידדהאַרטעס טעמפּל, זאָל זיין אָרט פאַרנעמען סאַלימאַנס אויסגעפּרוווטער פריינד, וועלכער איז אים אויך אין דער מלחמה געטריי בייגעשטאַנען, אים מיט מסירת־נפש מציל געווען פון טויט און האָט אגב ניט קיין קליינעם חלק געהאַט אין דער דאָזיקער גייסטיקער עליה פון דעם כּוזרישן פאָלק.

— בן־חסדאי! — האָט דאָס פאָלק געשאַלט פאַר פרייד. — לעבן זאָל בן־חסדאי!

דערמיט איז פאַרענדיקט געוואָרן דער בפרהסיהדיקער איבערגאַנג פון דעם כּוזרישן פאָלק צו יידישקייט.

גלייך נאָך יום־טוב זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן שלוחים איבער די בערג קיין קרים און אויף קאַווקאַז פונאַנדערצוטראָגן אומעטום, וואו יידן וואוינען, די גוטע בשורה און איינצושאַפן דאָרטן הייליקע ספרים, טליתים, תפילין און אַנדערע חפצים פון דעם טעגלעכן דת.

אַ סך פון די שלוחים זיינען שוין אין זעקס־זיבן טעג אַרום געקומען צוריק מיט רייכע מתּנות פון די ברידער הינטער די בערג — תּשמישי קדושה פון די יידישע בתּי־מדרשים און שולן, און מיט די האַרציקסטע ברידערלעכע ברכות, אויך מיט לערער און תּלמידי־חכמים, וועלכע מ'האָט צוגעצויגן אין אַ גרויסער צאָל פאַר דער נייער יידישער מדינה. אַזוי איז אָנגעקומען דער יום־הכּיפּורים, און מוצאי יום־כּיפּור האָט די שטאָט פון די כּוזרים אָפּגעקלונגען מיט דעם פייערדיקן רוף פון הונדערט טויזנט שטימען פון דעם נייעם פאָלק:

— דער אייבּיקער איז גאָט!!!

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי ווי אין די אַלטע ביבּלישע צייטן אין דעם יאָר פון באַפרייונג, האָט דער ערשטער מלך אויף דעם יידישן טרוינשטול פון כּאָזאַריע איסרו־חג סוכּות פאַרגעלייענט זיין פאָלק פון דעם הייליקן ספר, און דער חסד־מאַניפעסט, וואָס ער האָט דערביי געגעבן זיין פאָלק, איז געווען אין גייסט פון דער תּורה, דורכגע־

דרונגען מיט דעם געדאַנק פון פרייהייט, פון ליבע, פון יושר פאַר אַלעמען...

ראש־חודש מרחשוון איז דאָס כוזרישע פאָלק אָבער ווי־דער איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ נייעם יום־טוב אין כאַקאַנאַט, און רוישנדיק האָט דער שטראָם שמחה און פרייד געפלייצט איבער די באַלאַגאַרער גאַסן. סאַלימאַן, דער יורש־עצר און גלאַנצפולער זיגער און באַפרייער פון פאָלק, האָט אַרייַנגעפירט אין זיין יידיש הויז זיין יידישע ווייב, בת־שוע, די טאָכטער פון דעם סוחר ר׳ עמרם—מיט דער גאַנצער רייכער פראַכט פון מזרח־לאַנד און לויט אַלע דינים און מנהגים פון יידישן דת. סאַנגורי האָט געבענטשט דעם זיווג אין דער געגנוואַרט פון כאַקאַן בולאַן און די קלוגע ראָט־געבערס און האָט אויך דערמאָנט די געטלעכע נבואה, וואָס האָט אַמאָל אַראָפּגערעדט פון דער קראַנקערס לעפצן:

„דער וואָלקן פאַרגייט, דער באַרג־שטראָם ברויזט אַהערצו״...

מונבז איז געקומען... די גרויסע שמחה און התלהבות האָט מיט אַ רעש געפלאַסן דורך די אָדערן און האָט אויף איי־ביק אָפּגעמעקט אַלע מחיצות צווישן דער שכונה און דער שטאָט פון די כוזרים, ניט איבערלאָזנדיק קיין שפור...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

בולאַן איז געשטאָרבן זאַט אין טעג. כמעט צוויי צענדליק יאָר האָט ער זוכה געווען צו זיצן אויף דעם יידישן טרוינ־שטול, וועלכער האָט אין זכות פון דער יידישער תורה געוואונען אין כוח און גלאַנץ, זוכה געווען צו זען, ווי זיין פאָלק, פאַר וועמען אַלע האָבן געהאַט דרך־ארץ און פחד, האָט געלעבט גליקלעך און צופרידן, שלאָגנדיק אַלץ טיפערע וואָרצלען אין דעם באָדן פון דער יידישער אמונה. אַ קורצע צייט פאַר דעם האָט אויך זיין פריינד און יועץ סאַנגורי פאַרענדיקט זיין ערדיש לעבן און איבערגעלאָזן בן־חסדאין צו שאַפן איבער זיין גייסטי־קער ירושה.

די גאַנצע ליבשאַפט און דעם גאַנצן צוטרוי, וואָס דאָס דאַנקבאַרע פאָלק פון די כוזרים האָט געהאַט צו בולאַנען, איז אַריבער אויף דעם נייעם קיניגלעכן פאָרפאָלק, סאַלימאַן און

בת־שוע, וועלכע האָבן מיט יידישן יושר געוועלטיקט איבער אַ יידיש פאָלק.

פון דעם זיווג איז אַרויסגעקומען אַ זון, וואָס מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן עובדיה. עובדיה האָט אויך געהייסן דער געטרייער דינער פון גאָט, וועלכער איז אַרום דעם יאָר 900 נאָך אונזער צייטרעכענונג אַרויף אויף דעם טרוינשטול פון זיינע עלטערן. ווי אַזוי מ׳האָט אין די טעג פון די לעצטע יידישע מלכים אין די גאַסן פון באַלאַגאַר געלערנט תורה ביי חכמים, וואָס זיינען ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון די ישיבות פון בבל; ווי אַזוי אין דער דאָזיקער צייט האָבן אַלט און יונג אין כאַזאַריע נאָכגעטאָן דעםביישפּיל פון דעם קיניגלעכן הויז אין מערן מצוות און מעשים־טובים לפי־רוח התורה; ווי אַזוי עס איז דעם כאַקאַן יוסף ענדלעך געלונגען אָנצוקניפּן אַ מגע־ומשא מיט די יידן אין גלות, דערהויפּט מיט די יידן אין שפּאַניע, וועלכע האָבן דאַמאָלסט געהאַט זייער צענטער אין קאָרדאָוואַ בראש מיט ר׳ חסדאי אבן שפּרוט — דאָס אַלץ וועט דערציילט ווערן אין דעם צווייטן בוך.

ש. שאַכנאָוויטש

פון קאָרדאָווע קיין כאָזאַריע

היסטאָרישער ראָמאַן פון צענטן יאָרהונדערט

יידיש ז. רייזען

צווייטער טייל

תרפ"ד ווילנע 1924

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

Sz. Szachnowicz. „Z Kordowa do Chozarji".
Tłum. Z. Rejzen.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie" B. Kleckina, Wilna,
M.-Stefańska 23.

I.

אַרום יאָר 950 אין קאָרדאָווע. דער פֿריינד און יועץ פֿון קאַליף אַבדול=ראַהמאַן, חסדאי בן יצחק אבן שַפּרוט, האָט געהאַט זיינע איינפֿאַך און פּראַקטיש איינגעאָרדנטע אַרבעטסחדרים אין אַזייטיקן בנין פֿון דעם קאַליפֿאַט. דאָרט פֿלעגט ער פֿאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פֿון טאָג צוזאַמען מיט זיינע ביידע מיטאַרבעטער, די מדקדקים און משוררים מנחם בן סרוק און דונאַש בן לברט. די ביידע געלערנטע מענער האָבן זייער פֿיל געהאָלפֿן ביי די פֿילע ענינים פֿון דעם מלכות, וואָס זיינען געלעגן אויף שַפּרוטן, — אַלס ערשטן בעל־יועץ פֿון דעם קאַליף, אַלס אונטערהאַנדלער מיט די שלוחים פֿון אַלע מדינות, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן פּאָליטישע אָדער געשעפֿטלעכע באַציִונגען מיט דער גרעסטער מדינה אין שפּאַניע, אַנדאַלוזיע, אַלס פֿינאַנצמיניסטער פֿון דער מלוכה און אַלס באַפֿולמעכטיקטער נשיא פֿון די יידן. אמת, די פֿרידלעכע ערליידיקונג פֿון די ענינים האָט אָפֿטמאָל געמוזט ליידן צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע געלערנטע זיינען געווען גאָר באַזונדערע מענטשן סיי אין כאַראַקטער, סיי אין יחוס, סיי אין זייערע כשרונות, און די אַנטיפּאַטיע פֿון איינעם צו דעם אַנדערן האָט זיך וואָס אַמאָל אַרויסגעוויזן אָפֿענער.

מנחם בן סרוק איז געווען אַספֿרדי פֿון געבורט און אַזוי ווי ער איז געווען אַגרויסער בעל=לשון אין העברעיִש, האָט אים חסדאי בן שַפּרוט איינגעלאַדן פֿון זיין היימישער שטאָט טאָרטאָזע. דונאַש בן לַברַט איז געקומען פֿון באַגדאַד און אַלס משורר האָט מען אים פּונקט אַזוי געשעצט, ווי מ׳האָט אומעטום מורא געהאַט

פאַר זיין שאַרפער צונג און פעדער. די דאָזיקע שאַרפקייט האָט באַזונדערס אָפט באַקומען צו פילן זיין ריוואַל מנחם בן סרוק. ביי זיך אין האַרצן האָט שפרוט אָבער געהאָפט, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע ווידעראַנאַנדן וועלן זיי ביידע דאָך געפינען אַ וועג צו געמיינזאַמער אַרבעט און וועלן באַרייכערן די יידישע וויסנשאַפט און שפראַכפאָרשונג דווקא דורך די סתירות פון זייער נאַטור, וואָס האָבן ממלא געווען איינס דאָס אַנדערע. דעריבער האָט ער זייער פירוד ניט צוגעגעבן קיין באַזונדערע באַדייטונג.

איינמאָל האָט זיך צו דעם נשיא אין הויז געמאָלדן אַ אויסטערלישער אורח, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אונטער דעם נאָמען אלדד הדני.

אָנגעטאָן אין אַ ברייטן מאַנטל, אַ פאַנטאַסטישן פאַרבנשרייענדיקן טורבאַן אויף דעם גרויסן, ווילד באַוואָקסענעם קאָפ, אַ מוראַדיקן וואַנדערשטאָק מיט אַ קונציק פאַרדרייטער האָרנגאַלקע אין דער האַנט, האָט ער שוין לויט זיין בלויזן אויסזען אַרויסגעגעבן דעם וועלט־רייזנדער. דער מאַנטל איז געווען פון פערסישן טוך, דער טורבאַן האָט אין זיין עצם געשטאַמט פון דמשק און האָט כמעט אין יעדן לאַנד צובאַקומען אַ נייעם באַנד. צו דעם סוקעוואַטן שטאָק פון מאַראָקאָ האָט ער זיך געלאָזט אויסטאָקן די האָרנגאַלקע אין קאָרעע. דער זיגלרינג האָט געשטאַמט פון פעניקיע, דער שטיין דערין — פון תימן. מיט אַ מעסער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון קאַווקאַז, האָט ער דורכגעשניטן אַ גוט פאַרפאַקט פעקל, פון וועלכן עס זיינען אַרויסגעפאַלן אויפן טיש כתבים און פאַרמעטן, באַשריבן אין אַלע לשונות און מיט אַלע אותיות פון דער וועלט.

און דאַן האָט דער אויסטערלישער מאַן אָנגעהויבן צו דערציילן. ער האָט דערציילט און דערציילט, פון זיינע נסיעות איבער אַלע ימען, פון אַלע אינזלען און לענדער, וואו מענטשן לעבן און ליידן און וואַרטן אויף דער גאולה.

חסדאי בן שפרוט האָט זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן מאַן, גלייך ווי אין אים וואָלט זיך פאַרקערפערט דאָס גאַנצע פאָלק אין גלות, און ער האָט אים שוין ניט אָפגע־

לאָזט. ער האָט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות אין זיין הויז און פלעגט אַלע טאָג שעהן נאָכאַנאַנד אויסהערן זיינע מעשיות וועגן דעם מצב פון די יידן אין אַלע לענדער.

די געלערנטע האָבן דאַמאָלסט טאָג און נאַכט זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע, וואו און ווי אַזוי קען לעבן די איבערגעבליבענע רעשט פון די צען שבטים, וואָס שלמנאסר האָט פאַריאָגט פון מלכות ישראל, און דער נשיא שפרוט, וועלכער האָט געזען די היילקסטע שליחות זיינע אין אויסגעפינען און פאַראייניקן דעם קיבוץ גליות, האָט געהאָפט, אַז פון דעם וועלט-פאָרשער וועט ער באַקומען אַ תשובה אויף די אַלע פראַגן, וואָס האָבן אים געמאַטערט.

און אלדד הדני האָט נאָך ווי אַזוי געוואוסט צו פאַרענטפערן דעם נשיא אַלע זיינע פראַגן! זיינע דערציילונגען זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל רייכער און שענער, באַקומען אַלץ מער לעבן און פאַרב, וואָס מער ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין זיינע מעשיות, אויפגעמונטערט פון דעם שפּאַנענדיקן אינטערעס מצד זיין הויכן מכניס-אורח.

— צי פון די צען שבטים איז נאָך איבערגעבליבן אַ רעשט? אַ שאלה! — האָט ער געפּסקנט און האָט מיט זיין מאַראָקאַנישן שטאָק באַשריבן אין דער לופטן אַ בויגן, וואָס דער שפּיץ זיינער האָט געוויזן צו דרום-מערב. ער אַליין איז דאָך געווען אַ לעבעדיקער עדות פון די דאָזיקע צוזייטע און צעשפּרייטע שבטים און ניט אומזיסט רופט ער זיך דער דָני...

זיין שבט דָן וואוינט און פירט נאָך היינט אָן מיט די דריי שבטים נפתלי, גד און אשר, אין כוש און אין דרום-אַראַביע, און זייער לאַנד איז אַזוי גרויס, אַז מ'דאַרף האָבן זיבן חדשים צייט צו באַרייזן עס פון גרענעץ צו גרענעץ...

— און דָן איז דער פירער אין דער דאָזיקער מדינה? — האָט דונאַש בן לברט אַזאָג געטאָן, איראָניש צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— יאָ, דָן, — האָט אלדד באַשטעטיקט, גאָר ניט ווי אים מיינט מען. — מיין שבט האָט שוין גלייך נאָך שלמה המלכס

טויט, פֿאַר דער צעטיילונג פֿון דער מלוכה, אויסגעוואַנדערט קיין כּוש, ווייל אים איז דערווידער געוואָרן דער סכּנותדיקער ברודער־קריג צווישן יהודה און ישׂראל. די אַנדערע דריי שבֿטים זיינען צוגעקומען נאָך חורבן שומרון אין דער צייט פֿון אַשור און מיטן גוטן ווילן געוואָרן אונטערטעניק צו דעם ברודער־שבֿט פֿון דָן.

— אַלטע כּתבֿים, אַפֿילו דער מדרש דערמאָנען וועגן אַן אייגענעם ישוב פֿון די בני־משה. וואָס קען אונז דער גאַסט אונזערער דערציילן פֿון זיי? — האָט דער נשׂיא געפֿרעגט.

— איך בין שוין צוויי מאָל געווען אויך ביי זיי, ביי די דאָזיקע בני משה, — האָט אלדד געענטפֿערט אָן שהיות און זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דעם בונטן טורבאַן, גלייך ווי ער וואָלט געשטעלט אַלס עדות די איינציקע בענדער...—דאָס הייסט, בפּועל ממש ביי זיי בין איך ניט געווען... מ׳קען צו זיי ניט אַריבערקומען. אַ גרויסער טייך טיילט זיי אָפּ פֿון דער וועלט. אַ טייך, וואָס וואַרפֿט ווילדערהייט ניט קיין וואַסער, נאָר שטיינער... דעם דאָזיקן טייך רופֿט מען סמבטיון, אפשר שבתיון, וואָרעם אום שבת רוען די שטיינערנע אינדן; דערפֿאַר אָבער איז אין דעם דאָזיקן טאָג דער געלעגער פֿון טייך איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל, אַז קיין מענטשנאויג קען ניט געפֿינען דעם וועג...

— און איר האָט זיי געזעען, מיט זיי גערעדט?—האָט זיך ווידער געלאָזט הערן דונאַשס אומגלייביקע שטים.

דער רייזנדער האָט זיך ניט געלאָזט אַראָפּשלאָגן פֿון וועג.

— איך האָב זיי געזעען, מיט זיי געהאַט אַ מגע־ומשׂא, אַזוי ווי אַלע זייערע שכנים פֿון די פֿיר שבֿטים פֿון ישׂראל האָבן מיט זיי אַ מגע־ומשׂא — אויפֿן ברעג פֿון דעם טייך, און איך בין געוואויר געוואָרן אַלצדינג וועגן זייער פֿירן זיך און זייער לעבן און ווי אַזוי זיי זיינען געוואָרן און זיך אַנטוויקלט אַ באַזונדער שטאַרק פֿאָלק.

— דערציילט! — האָט דער נשׂיא געבעטן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ביי דונאַשן אין האַלז איז געבליבן שטעקן אַ בייזע באַמערקונג.

— אזוי ווי עס ווערט דערציילט אין תהילים,—אלדד האָט ביים דערציילן זיך געשפּילט מיט דעם זיגלרינג פון פעניקיע,— האָבן די כשדים ביי די טייכן פון בבל געבעטן די לוויים, זיי זאָלן שפּילן די הייליקע געטלעכע לידער. די לוויים אָבער האָבן אויפגעהאַנגען זייערע האַרפעס אויף די ווערבעס און געגעבן אַ הייליקע שבועה ניט צו זינגען אויף דער פרעמדער ערד. דאַן זיינען די כשדישע באַצווינגער אַריינגעקומען אין ווילדן גרימ־צאָרן און האָבן געדראָט די לוויים מיטן טויט, אויב זיי וועלן ניט זינגען. די לוויים האָבן נאָכגעגעבן, אָבער דאָס ליד האָט גע־קלונגען טרויעריק, מאַט, אויפרודערנדיק די טיפענישן פון דער נשמה... נאָר אַ טייל פון די לוויים, וואָס האָבן געשטאַמט פון משה׳ס משפחה, האָבן פאַר ווילדן צער זיך איינגעביסן די פינגער ביז בלוט, און האָבן מער ניט געקענט באַהערשן די האַרפע... די כשדים האָבן אויסער זיך פאַר רציחה זיך שוין געוואָלט אויף זיי אַוואָרף טאָן, איז געקומען אַ וואָלקן, אויפגעהויבן די בני ישראל אין דער הייך און זיי אַוועקגעטראָגן אין דעם לאַנד חווילה. דאָרטן לעבן די בני־משה נאָך עד־היום ביי דער בערג־גרענעץ פון די פיר שבטים, געשיצט פון די שטיינערנע אינדן פון סמבטיון.

אַ פּאָעטישע קראַפט איז געלעגן אין דעם שטייגער, ווי אזוי אלדד האָט אין אַ ריינעם העברעיִש דאָס דערציילט לויט די כלומרשטע באַריכטן פון די בני־משה גופא, באַצירנדיק זיין רעדע מיט אַלערליי פסוקים פון תהילים און אַנדערע ספרים.

אלדד איז ניט מיד געוואָרן צו שילדערן מיט אַלע פרטים דאָס לעבן, דאָס גליק און די מאַכט אין לאַנד פון די דאָזיקע שבטים. זיי פירן אַ לעבנסשטייגער פון נאָמאַדן, ווייסן אָבער אויך, ווי אַזוי מיט גבורה זיך צו שטעלן קעגן די שונאים מיט געווער אין דער האַנד. דער מלך פון די שבטים הייסט עוזיאל, זייער שפּראַך איז לשון־הקודש, זייער באַליבטסטער ספר — דער תנ״ך, אָבער ניט פון משנה, ניט פון גמרא האָבן זיי קיין שום אַנונג ניט.

מנחם בן סרוק, וועלכער האָט צוגעהערט די דערציילונגען

שטיל און געשפּאַנט מיט אַלע חושים, האָט זיך איצט אַריינגע־מישט אין דעם שמועס.

— אֶלדָדס דערציילונגען, וואָס טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אמת, זיינען נוגע פיר שבטים. דערצו דאַרף מען צו־רעכענען יהודה, בנימין און לוי, וועלכע טיילן מיט אונז דעם גלות. אַזוי־אַרום בלייבט נאָך די פראַגע וועגן די פינף איבע־ריקע שבטים.

באַקומען פרישן חשק דורך די דאָזיקע ווערטער, האָט אלדד, באַשרייבנדיק מיט דער קאָרער גאַלקע פון זיין שטאָק ליניעס אין דער לופטן אויף אַלע זייטן, זיך האַסטיק אָפּגערופן:

— דער שבט יששכר לעבט אויף דער גרענעץ צווישן פּרס און מדי, אויך בשלום ושלוה, פאַרנעמט זיך מיט ערד־אַרבעט און האָדעווען פיך.

— זייט איר אַמאָל נישט געווען דאָרט אויך? — האָט דונאַש געפרעגט מיט אַ קוים באַהאַלטענעם חוזק.

— אוודאי! — און אלדד האָט אַוועקגעלייגט אַ לאַנגע וואונדערלעכע געשיכטע מיט אַ אומגליקלעכער נסיעה איבערן ים; אויף דער דאָזיקער נסיעה איז ער אַריינגעפאַלן צו מענטשנ־פרעסער אין די הענט. ער איז אָבער געווען שטאַרק אָפּגעצערט און אויסגעמאָגערט פון די אָפּקומעגישן אין וועג. דאָס איז גע־ווען זיין גליק... די ווילדע האָבן אים נאָך געוואָלט אַ צייט אויס־פּאַשען, אָבער זיינע פּעטערע וועגסחברים פון דעם שבט אשר האָבן זיי גלייך אויפגעפרעסן... נאָר ער איז אַנטלאָפן, זיך דורכ־געשלאָגן קיין מצרים, וואו ער האָט זיך אויף אַ שווימענדיקן בוים געלאָזט אַראָפּ דעם נילוס. דאָרט איז ער ווידער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ באַנדע רויבער, וועלכע האָבן אים פאַרקויפט צו אַ מאַן פון דעם שבט יששכר. אַזוי־אַרום איז ער געקומען אין דעם לאַנד פון יששכר צווישן פּרס און מדי און זיך באַקענט דאָרט מיט דער מדינה און מיט אירע איינוואוינער...

און ווידער האָט ער ניט געקאַרגט מיט פּרטים וועגן דעם לעבן, די זיטן און די מנהגים פון די בני יששכר, וואָס זיינען גאַנץ ענלעך אויף דעם לעבן, זיטן און מנהגים פון שבט ראובן

און שבט זבולון, וועלכע ער האָט געפונען אויף יענער זייט פון די בערג כאָראַסאַן... אין זייער לעבנסשטייגער שיידן זיי זיך ניט אַזוי שטאַרק אָפּ פון די שבטים אפרים און חצי מנשה, וועלכע וואוינען אין מעקאַ און מעדינאַ...

— פעלן אַלזאָ נאָך בלויז שמעון און די צווייטע העלפט מנשה, — האָט דונאַש געזאָגט מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט, פאַר וואָס ער האָט באַקומען אַ טאַדלענדיקן בליק פון דעם נשיא.

— אויך זיי האָב איך אומעטום אַרומגעזוכט, — האָט אלדד גאָר רויִק געענטפערט. — ניט איינמאָל האָב איך שוין געמיינט, אַז אָט בין איך געפאַלן אויף דעם שפּור פון די בני שמעון, אָבער ביי אַ נעענטערער באַטראַכטונג פלעגט זיך תמיד אַרויסווייזן, אַז די השערה האַלט ניט אויס. איך האָב שוין גע־האָט פאַרלוירן אַלע האָפענונגען, אָבער סוף־כל־סוף האָב איך זיי פאָרט געפונען.

— וואו, ווי אַזוי? — האָבן חסדאי און מנחם בן סרוק געפרעגט אין איין קול. דונאַש בן לברט האָט אָבער אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און געשוויגן.

— איך האָב זיי, די צעזייטע און צעשפּרייטע ברידער פון שבט שמעון און חצי מנשה, געפונען הינטער הויכע, ווילדע בערג, ביי אַ גרויסן וואַסער, וואָס הייסט „קאַספּישער ים" — — —

— און זיי זיינען אויך נאָך יידן? דערציילט, אלדד, — האָט דער נשיא געבעטן.

— זיי זיינען יידן, וואָס שמאַכטן ניט אונטערן יאָך פון פרעמדער הערשאַפט, וואָס דאַרפן ניט בעטלען פאַר זיך קיין רעכט און קיין פרייהייט. זיי זיינען אַליין די אייגענע באַלעבאַ־טים פון דעם לאַנד, בילדן די מעכטיקסטע יידישע מלוכה, וועלכע איז ווען־עס־איז געווען, און לעבן בשלום ושלווה, פרום און צו־פרידן אונטער זייער מלכות יוסף...

— ווי רופט זיך דאָס פאָלק, ווי הייסט דאָס לאַנד, זאָג, דו שליח פון דעם אייבערשטן?

— כאַזאַריע הייסט דאָס דאָזיקע לאַנד און כוזרים רופן זיך די מענטשן דאָרט. דעם לעצטן פּסח האָב איך ביי זיי גע־

פראָוועט דעם סדר, און פון דעם טיש, בײַ וועלכן מיר האָבן מיט דעם קיניג אויבנאָן דערצײלט די וואונדער פון יציאת מצרים, זײַנען מיר אַוועק מיט דער ברכה: „לשנה הבאה בירושלים!"...

דעם נשיאס אויגן זײַנען פול געוואָרן מיט טרערן. ער איז אויפגעשטאַנען און אַרומגענומען אלדדן:

— דער ײדישער מלך פון אַ ײדישן פאָלק איז מתפלל פאַר ירושלים, זאָגסטו?!...

אלדד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז די בונטע בענדער פון זײַן טורבאַן האָבן זיך צעפלאַטערט.

— ניט נאָר ער איז מתפלל, נײַערט ער האָט געגעבן אַ נדר, אַז ווי נאָר דער גאָט פון אברהם און דוד וועט אים שענקען כוח און רו, וועט ער גײן קײן ירושלים צו באַפרײַען די הײליקע שטאָט און צוריק אָפּנעמען דאָס הײליקע לאַנד פאַרן פאָלק ישראל, וואָס זאָל אָנהײבן צו לעבן פאַראײניקט אַזוי ווי אין די צײַטן פון דוד און שלמה...

— ער האָט געשוואוירן, זאָגסטו, דער ײדישער קיניג פון אַ ײדישן פאָלק? — האָט חסדאי איבערגעפרעגט, גלײַך ווי ער האָט געוואָלט זיך איבערצײַגן, אַז די דאָזיקע ווערטער זײַנען באמת אַרויסגעזאָגט געוואָרן. — פאַרוואָס שווײַגסטו, דונאַש, צו דער דאָזיקער בשורה פון אונזער גאולה?

דונאַש בן לברט האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן צו רײדן:

— דער נשיא וועט מיר שוין מוזן מוחל זײַן, וואָס איך וועל זיך דערוועגן צו האָבן ספקות אין דער גאַנצער מעשה.

שטאַרק געטראָפן, האָט אלדד אַ קוק געטאָן אויף דעם נשיא און אויף בן סרוק, ווי ערוואַרטנדיק פון זײ הילף און סאָטיספאַקציע פאַר דער דאָזיקער באַלײדיקונג.

— אויף וועלכע פאַקטן זײַנען זיך דײַנע ספקות סומך? — האָט שפּרוט געפרעגט מיט אַ קענטיקער אומצופרידנקײט.

— פאַר דונאַשן איז גענוג, אַז אַנדערע זאָלן עפּעס האַלטן פאַר גוט און אמת, כדי ער זאָל עס ערקלערן פאַר פאַלש, — האָט מנחם בן סרוק זיך אָפּגערופן מיט פאַרדראָס.

דונאַש האָט פאַרירט דעם קלאַפּ מיט קאַלטער פילאָסאָפי-שער רויִקייט:

— אויב פריינד סרוק האַלט עפּעס פאַר גוט און אמתדיק, איז דאָס שוין ממילא אַ ביסל אין ספק... אָבער מיינע ספקות זיינען זיך סומך אויף פאַקטן, וואָס זיינען באַקאַנט אין באַגדאַד.

אלדדס גרויסער האָריקער קאָפּ האָט זיך אומרויִק באַוועגט אַזוי ווי דער קאָפּ פון אַ איבערגעשראָקענעם לייב.

— איך האָב דורכגעמאָסטן די ערד פון עק ביז עק, — האָט ער געזאָגט, טיף געקרענקט, — און האָב ניט אומעטום גע-פונען די פאַרדינטע אכטונג און פריינדשאַפט, אָבער גלויבן און צוטרוי האָב איך אומעטום געפונען. אויב דונאַש האָט ניט קיין אמונה אין מיינע ווערטער, טאָ זאָלן ריידן דאָקומענטן. אָט איז דער בריוו פון דעם מיניסטער חלקיהו ביים הויף פון קיניג יוסף, אין לשון-הקודש; אין דעם דאָזיקן בריוו פאַרבעט ער מיך אויף פסח צום קיניגלעכן טיש.

— ניט נייטיק, — האָט דונאַש רויִק אָפּגעווענדט. — איך לייקן ניט, אַז דאָ און דאָרט עקסיסטירן יידישע ישובים, בפרט לייקן איך ניט אין דער יידישער כאָזאַריע, איך גלייב אויך אין דעם באַזוך פון אונזער גאַסט ביי דעם דאָזיקן יידישן פאָלק. — אָבער אין באַגדאַד האָבן מיר געהערט גאָר אַנדערע באַריכטן איבער דער אָפּשטאַמונג פון די כוזרים און זייער שייכות צו יידן. זיי האָבן זיך מגייר געווען דורך אַ יידישן גאון, אָבער פרי-ער האָבן זיי הונדערטער יאָרן געלעבט אַלס געצנדינעריש פאָלק פון פרעמדער גזע...

אלדד האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— דונאַש מוז אוודאי מיינען רבי יצחק סאַנגורי, דעם פריינד און לערער פון בולאַן, מיט אַ יאָר צוויי הונדערט צוריק. — נו, וואָס איז שייך דעם דאָזיקן מאַן און זיינע מעשים, דערציילט מען אין כאָזאַריע פאַרשיידענערליי וועגן דעם. זיכער איז נאָר, אַז ער איז געקומען פון באַגדאַד און האָט ווידער אַרויס-געפירט אויף גאָטס דרכים די מענער פון כאָזאַריע, וואָס האָבן שוין געהאַט לאַנג פאַרגעסן אי אין זייער יידישער אָפּשטאַמונג

אי אין זייער יידישן חיוב. אַז די שבטים פון ישראל פלעגן פאַר־פירט ווערן פון דער עבודה־זרה — דאָס ווייסן מיר דאָך אַפילו פון תּנך. וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ ראיה קעגן דעם פאַקט, אַז די פאַרטריבענע שבטים האָבן זיך ווידער אומגעקערט צו דער יידישער אמונה, כּדי דורך איר זיך ווידער צו פאַרבינדן מיט דעם כּלל ישראל?

בן־סרוק האָט ניט אָן בייזער הנאה אַ קוק געטאָן אויף זיין ריוואַל דונאַש בן לבּרט, האַלטנדיק, אַז ער איז דורכגעפאַלן.

אָבער דונאַש האָט זיין פּאָזיציע ניט אָפּגעגעבן.

— אונזער גאַסט רעדט וועגן דעם קיניג פון די כּוזרים, וועלכער וויל באַפרייען ציון און ירושלים... אָבער דאָס וואָלט ער ניט געקענט, אַפילו ווען ער זאָל לויט זיין בלוט באמת געהערן צו די צען שבטים. וואָרעם מיר ווייסן דאָך, אַז אויסלייזן ישראל און אים פירן אין דעם הייליקן לאַנד אַריין וועט נאָר משיח פון בית דוד, אַלזאָ פון שבט יהודה.

— און דונאַש קען גאָר ניט די נבואה פון די אַלטע ספרים, אַז פאַר משיח בן דוד וועט קומען משיח בן יוסף, דורכצולייגן פאַר אים אַ וועג? — האָט זיך אָפּגערופן דער נשיא.

— דער קיניג הייסט יוסף, — האָט אלדד געזאָגט מיט אַ קוועטש און האָט מיט נצחון אָנגעלענט דאָס קין אויף דער קאָרעער גאַלקע פון זיין מאַראָקאַנישן שטאָק.

— משיח בן יוסף,—האָט סרוק פייערלעך איבערגעזאָגט—דער קיניג שטאַמט משמעות פון שבט מנשה, וואָס איז יוספס אַ זון — — —

— איך וועל ניט רוען, וואו איך וועל ניט אויספאָרשן די זאַך ביזן גרונד, וואו איך וועל לכל־הפּחות ניט איינשטעלן קיין פאַרבינדונג מיט דעם גרויסן שבט פון אונזערע ברידער אין כאַזאַריע, — האָט אַ נדר געטאָן דער נשיא חסדאי בן שפרוט. — פונדעסטוועגן, — האָט ער צוגעגעבן, — דאַרף מען אויסהערן די מיינונג פון דער ישיבה און פון רבי נתן. מאָרגן וועלן מיר גיין מיט אונזער גאַסט אין דער ישיבה אַריין און

מיר וועלן האָבן אַ ישוב־הדעת איבער דעם ענין אין דער געגנ־וואַרט פון אַלע חכמים און גאונים פון רבי נתנס כיתה.

.II

אין דער גרויסער ישיבה פון קאָרדאָווע איז ר׳ נתן גע־זעסן אויבנאָן פאַר אַ גרויסער אסיפה פון תּלמידים און עלטערע פריינד פון דער תּורה און פון דעם בכבודיקן רבי. אַלע, וואָס האָבן אין דער שטאָט זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען, פלעגן קומען צו די הויפּט־שיעורים, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן בין מנחה למעריב אין דער גרויסער ישיבה. דאָ פלעגן אויך באַטראַכט ווערן אַלע קהלשע ענינים, וואָס זיינען נוגע געווען די יידן אין שפּאַניע און אין גלות בכלל. אויב אין ארץ־ישראל אָדער אין בבל, אין דייטשלאַנד אָדער אין פראַנקרייך האָט עפּעס פּאַסירט אין דער יידישער וועלט, האָט עס גלייך געגרייכט אויך ביז אין ר׳ נתנס ישיבה, אויף דעם וועג איבערן קאַליפאַט, וואו דער נשיא חסדאי בן שפּרוט איז אַלס מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים געווען אַ געטרייער וועכטער איבער די וועלט־געשעענישן. דאָ, אין דער ישיבה, האָט מען זיך צונויפגעקומען און זיך מיישב געווען, און ווען עס איז געווען נייטיק, געפונען וועגן און מיט־לען, ווי אַזוי אָפּצוווענדן גזרות אָדער צו שאַפן הילף. אויך די גייסטיקע וועגן, וואָס האָבן געפירט פון קיין שפּאַניע, זיינען געווען גוט אויסגעטראָטן. איז ערגעץ־וואו אין דער וועלט אַרויס אַ נייער ספר, וואָס האָט אָנגעוויזן נייע דרכים, האָט מען אין דער קאָרדאָווער ישיבה גלייך זיך פאַרשאַפט אַ אָפּשריפט דערפון, און מ׳פלעגט טעג און וואָכן עס שטודירן.

בן סרוק, דעם נשיאס ערשטער מיטאַרבעטער, איז געווען אַ שטענדיקער באַזוכער פון דער ישיבה. טיילמאָל פלעגט אויך דונאַש בן לברט זי באַזוכן, און נאָר אין זעלטענע פאַלן און ביי זייער וויכטיקע ענינים פלעגט קומען דער נשיא אַליין און דערמיט צוגעבן דער ישיבה אַ געוויסן גלאַנץ און די החלטות — דעם כוח פון אַ פּוסק אחרון. אָבער אַזוי איז ער אויך שטענדיק געווען באַהאַוונט אין די באַראַטונגען, החלטות און גע־

שעענישן אין דער ישיבה, דורך די מינדלעכע באַריכטן פון ר' נתן.

אויף היינט האָט מען ווידער מודיע געווען וועגן דעם באַזוך פון דעם נשיא מיט זיינע צוויי סעקרעטאַרן. די ידיעה וועגן זיין קומען האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט, אַזוי אַז שוין מנחה־צייט איז די ישיבה געווען פול מיט אַ היבשן עולם. אַלע חשובע לייט זיינען געקומען און פאַרנומען די ערטער פאָרנט, בשעת ווען די תלמידים האָבן באַשיידן זיך אויסגעזעצט אויף די הינטערשטע פּלעצער, אַרויפקוקנדיק אין שטילער ערוואַרטונג צו די אַלטע און מיט קאָפּ זיך צוהערענדיק צו די וויכוחים.

ר' נתן האָט אָנגעהויבן זיין שיעור פּריער ווי אַלעמאָל, וואָרעם מ'האָט געוואָלט ענדיקן דערמיט, ביז דער נשיא וועט קומען. אויפן סמך פון די חיבורים פון גאונים אין בבל האָט ער גענדרשנט די לעצטע פּסקי הלכות פון דעם טיפן ים התלמוד, און שוין ביי די ערשטע זאַצן האָבן זיך אין דער דאָזיקער לומדישער אַסיפה אַרויסגעוויזן חלוקי־דעות. טייל זיינען געווען מסופק, צי דער אָפּגעשריבענער נוסח איז ריכטיק, אַנדערע האָבן געשטעלט קשיות אויפן סמך פון דער אָדער יענער מסכת אָדער האָבן געבראַכט איפכא־מסתברא'ס קעגן ר' נתנען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפע שקלא־וטריא, און ר' נתן, דער גרויסער עניו, האָט געלאָזט זיך אַרויסזאָגן אַפילו דעם קלענסטן פון זיינע תלמידים, אויסגעהערט יעדערן באַזונדער, אָפּגעענטפערט צו דער זאַך און באַריכות, באַטראַכט מיט ישוב־הדעת איטלעכע סברא.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַזאַ ענין: צי אַ פּרוי, וואָס האָט אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אַלס געפאַנגענע צווישן גויים, איז ריין; צי קען זי און ביי וועלכע אומשטענדן באַהעפטן זיך מיט איר מאַן, וועלכער איז נאָך דערצו אַ כהן? אַרום דער דאָזיקער שאלה האָבן זיך שטאַרק פונאַנדערגעפלאַקערט די מיינונגען און סברות.

נאָך אין אָנהייב פון דער פּלוגתא האָט זיך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן איינער אַ מענטש, וועלכער האָט זיך אַריינ־

געכאפּט אין דער ישיבה אין אַ גרויעם גראָבן אייבערבגֶד, מיט אַ שטריק אויף די לענדן, און אַ בלויזן קאָפּ, אויפן שטייגער פון די שקלאַפן. ביים אַריינקומען אין דער ישיבה האָט אים עמעצער, אויף זיין בקשה, דערלאַנגט אַ טוך, אַרומצובינדן אַרום קאָפּ, אַזוי אַז די שוין ערטערווייז גרוי געוואָרענע פּאַטיליצע איז האַלב באַדעקט געוואָרן און די זילבערנע פּאות האָבן זיך געקרייזלט ביז צו די אַקסלען. ער איז געזעסן אויף דער הינטערשטער באַנק, אָנגעשפּאַרט דעם פאַרבונדענעם קאָפּ אויף די איילנבויגנס, און איינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיך, האָט ער זיך צוגעהערט, וואָס עס טוט זיך אין דער ישיבה. בלויז די, וואָס זיינען געזעסן לעבן אים, האָבן אָן זיין פּנים, וואָס האָט זיך אַלע ווײַלע געביטן, און אָן זיינע באַמערקונגען, וואָס ער האָט געמאַכט שטיל פאַר זיך, דערקענט, ווי טיף דער ענין אינטערעסירט אים און ווי זיין נשמה איז געפּאַנגען אין די שאלות, וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן.

אויסגעהערט אַלעמענס מיינונגען און סברות, האָט ר' נתן נאָכאַמאָל גענומען דאָס וואָרט, האָט אין קורצן צונויפגעפּאַסט אַלץ, וואָס דאָ איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, געפּלייסט זיך אויסצוגלייכן די ווידערשפּרוכן און מסיים געווען מיט דעם נוסח, ווי עס האָבן געפּסקנט די גאונים פון בבל.

דאָ איז פאָרגעקומען אַ אויסטערלישע זאַך, אַזאַ זאַך, וואָס האָט אַלעמען געפּלעפט.

דער שקלאַף מיט דעם פאַרבונדענעם קאָפּ אין דעם הינטערשטן ווינקל איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום ראש-ישיבה און געבעטן אַ וואָרט.

דער מאַן, וואָס דער שמש האָט אים גאָר ניט געוואָלט אַריינלאָזן, וואָס אַלע האָבן אויף אים געקוקט מיט חשד ווי אויף אַ פרעמדן, וועלכער האָט זיך אַהער אַריינגעריסן, — ער האָט געוואָלט ר ע ד ן, זיך אַריינמישן אין דעם וויכוח... ס'האָבן זיך אויפגעהויבן פּראָטעסטן, און יונגע היצקעפּ האָבן זיך שוין געוועסט פאַרמאָסטן אַרויסצושטופּן דעם פרעמדן.

עס איז אָבער געווען גענוג איין בליק פון ר' נתנס גוטע

אויגן, אַז אַלע קנאים זאָלן זיך באַרויִקן, און דער דאָזיקער בליק איז אויך גענוג געווען אויפצובינדן דעם שקלאָף די צונג.

ער האָט אָנגעהויבן אין אַ ריינעם לשון־קודש, וואָרעם אין דער שפּראַך פון דער מדינה האָט ער זיך ניט געקענט צו־נויפריידן, האָט נאָכאַמאָל פאָרמולירט די באַהאַנדלטע שאלות און האָט אויף אויסווייניק געבראַכט דעם נוסח, ווי די גאונים האָבן געפסקנט, ווי אויך רעזיומירט בתכלית הקיצור — דעם סוף פסוק פון דעם גאַנצן ענין, ווי ער האָט אים פאַרשטאַנען אַדאַנק די דערצו שייכדיקע לשון־קודשדיקע ציטאַטן, הגם די קאַסטילישע שפּראַך, אין וועלכער דער וויכוח האָט זיך געפירט, איז אים אינגאַנצן פרעמד געווען. דערנאָך אָבער האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצולייגן זיין אייגענע לומדות, אין אַ שיינער און קלאָרער דרשה, באַצירט מיט פסוקים פון תנך. עס האָט פון אים געשפּראָדלט אַ פרישער און לעבעדיקער שטראָם, אַזוי ווי פון אַ פרישן ברו־נעם. ער האָט אויך געבראַכט אַ צענדליק סברות פון אַנדערע גאונים און אויפגעוויזן די טעמים און מקורים, פון וואַנען זיי האָבן געשעפּט. אַנדערע גירסות, וואָס האָבן זיך געלאָזט אָננע־מען אָדער זיך ניט געלאָזט אָננעמען, האָט ער קלאָר געמאַכט און באַלויכטן מיט אַזאַ חריפות און תפיסה, גלייך ווי שטראָמען ליכט וואָלטן געפאַלן אויף דעם גאַנצן שטאָף פון וויכוח און האָבן יעדן טייל דערין אָנגעוויזן דעם ריכטיקן אָרט. ער האָט אויך באַרירט שאלות, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דעם ענין, געבויט בריקן און זיי חרוב געמאַכט, האָט מיט אַ זיכערער האַנט אַריינגעדרונגען אין די חדרי חדרים פון דער תורה, כדי קלאָר צו מאַכן ביז לעצט דעם ענין אין אַלע פרטים און אופנים.

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל. די יינגערע פון עולם זיינען אַרויפגעקלעטערט אויף די בענק אָנצוקוקן דעם גרויסן תלמיד־חכם אין דעם שקלאַפישן בגד, וואָס אויף זיין פנים האָט ביים ריידן גערוט די שכינה. די הדיוטים, וועלכע האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן דעם פאָדעם פון דעם וויכוח, האָבן זיך גע־קוויקט מיט דעם איידעלן, שיינעם לשון פון דעם אויסטערלישן אורח.

דער שקלאַף האָט געענדיקט זיין רעדע און האָט געוואָלט שוין עניוותדיק אַוועקגיין צוריק אין זיין ווינקל. ר׳ נתן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אויף זיין אָרט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין די הענט, ניט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג פון דעם תּלמיד־חכם, איז אָבער אויפגעשפּרונגען און אים דערלאַנגט די האַנט:

— שלום עליכם, רבי ומורי!

און דער גאַנצער עולם האָט אין איין קול אונטערגעכאַפּט דעם גרוס:

— שלום־עליכם, רבי ומורי!...

ר׳ נתן האָט אָנגענומען דעם פרעמדן ביי דער האַנט און אים אַוועקגעזעצט מיט גוואַלד אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים:

— ווער זייט איר און פון וואַנען קומט איר?

דער פרעמדער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה. מ׳האָט דערקענט אָן אים, ווי דערווידער עס איז אים צו ריידן וועגן זיך. אַז מ׳איז אָבער צוגעשטאַנען צו אים פון אַלע זייטן, האָט ער גענומען דערציילן מיט אַ שטיל קול, אין וועלכן עס האָט שוין געפעלט דער פריערדיקער קלאַנג:

— איך קום פון סורא אין בבל, וואו די ישיבה פון די גאונים שטייט נאָך אין איר גאַנצן גלאַנץ. מיין נאָמען איז משה בן חנוך. אין דער באַגלייטונג פון דריי אַנדערע פריינד, מיטן נאָמען שמריהו, כּושיאל און נתן בן יצחק, בין איך אַרויס אין וועג עטלעכע טעג נאָך פּסח. מיר האָבן געוואָלט באַזוכן די יידישע קהילות ביי דעם ים־הגדול, כּדי דאָרט צונויפצוקלייבן נדבות פאַר בבל. אָבער גאָט האָט אַנדערש געוואָלט. שוין גאָר אין אָנהייב פון אונזער נסיעה איבערן ים איז אונזער שיף פאַרהאַלטן געוואָרן פון דעם אַדמיראַל ראַמאַהיס מענטשן און צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע האָט מען אונז גענומען געפאַנגען...

דער רבי האָט אַ ווילע זיך פאַרטראַכט, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— ווי איך האָב שפּעטער געהערט, האָט מען שמריהו בן אלחנן אַריבערגעפירט קיין אלכּסנדריה של מצרים,

בושיאלן האָט מען פאַרשלעפּט קיין קַיִרוֹאַן, און נתן בן יצחק, זאָגט מען, האָט זיך דערשלאָגן קיין נַאַרבָאָנֶע.

— און איך?...—דעם געפאַנגענעמס קול האָט געציטערט און זיינע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן,—מיך מיט מיין ווייב האָט מען געבראַכט פאַר דעם אַדמיראַל.. יענער האָט גלייך געוואָרפן אַ גלוסטיק אויג אויף מיין יונגער, ריינער ווייב... איך האָב עס גלייך אָן אים דערקענט... און זי האָט מיר צוגעפליסטערט די צוויי ווערטער אין לשון־הקודש: „מיים חיים?"... איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, וואָס זי פרעגט. זי האָט געפרעגט, צי די, וואָס קומען אום אין וואַסער, האָבן אַ חלק עולם־הבא. אַזוי ווי מיר האָבן ניט געטאָרט ריידן צווישן זיך, האָב איך בלויז געזאָגט אין דער שטיל דעם פסוק פון תהילים: „פון בשן ברענג איך זי, פון די טיפענישן פון ים". זי האָט פאַרשטאַנען דאָס וואָרט און מיט איין שפרונג איבערן באָרטן זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אינדן אַריין... איך נאָך איר... אָבער דער אַדמיראַל האָט אונז געלאָזט באַכיאָפּן מיט רעטונגס־שיפלעך. מיין ווייב האָט איר ציל דער־גרייכט, אין די אינדן האָט זי געפונען די ישועה פאַר איר ריי־נער נשמה... מיך אָבער האָבן זיי אַ לעבעדיקן אַרויסגעצויגן פון וואַסער און האָבן מיך אָפּגעמינטערט. מ'האָט מיך געבראַכט קיין קאָרדאָווע און פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף צו דעם עושר קאָרדי־וואַן. איך האָב געפונען חן אין זיינע אויגן, און אַז איך האָב היינט אַלס שכר פאַר מיין אַרבעט אָפּגעבעטן זיך אויף אַ שעה אַריינצוגיין אין בית־המדרש, האָט מען מיר עס דערלויבט. ווי גרויס איז מיין דאַנק צו דעם אייבערשטן פאַר דעם דאָזיקן אומ־פאַרדינטן חסד...

אַ שטילקייט האָט באַגלייט דעם קורצן באַריכט פון דעם אורח. אַלעמענס אויגן זיינען געווען צוגעשמידט צו ר' נתנען. ר' נתן איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט קורץ און פייערלעך:

— ר' משה בן חנוך! ווי אַ שליח פון הימל ביסטו צו אונז געקומען, געשיקט פון גאָט, וואָס אין זיין גרויס ליבשאַפט טוט ער ניט פאַרלאָזן דאָס שארית ישראל און פאַרשאַפט אים צו יעדער צייט מדריכים און פירער אויף אַ וואונדערלעכן אופן.

און איצטער, ר׳ משה בן חנוך, טו אויס דיין שקלאַפן־מלבוש. דו וועסט זיין פריי, און דו זאָלסט זיין אונזער מנהיג, וואָרעם אַ קלוגע השגחה האָט דיך געשיקט אַהערצו; מיר אַלע, און איך אויך, וועלן זיך בייגן פאַר דיר און שעפּן אויס דעם קוואַל פון דיין חכמה. — — —

אויף דעם רבינס באַפעל זיינען צוויי מענטשן תיכף אַוועק מיט אַ היבש אָנגעפּאַקטן בייטל צו דעם עושר קאַרדיוואַן, איבער־צוגעבן אים דאָס אויסלייזגעלט פאַר דעם שקלאַף. ר׳ משה איז שוין אָבער געבליבן דאָ, און ס׳האָט אים גאָרניט געהאָלפן, וואָס ער האָט זיך מיט אַלע כוחות געשטעלט אַנטקעגן — ער האָט געמוזט אַריינקריכן אין דעם רבנישן מלבוש און אָנטאָן אויפן קאָפּ דעם הוט פון די חכמים. אָבער גלייך פאַרנעמען ר׳ נתנס פּלאַץ אויבנאָן — דאָס האָט ער זיך ניט געלאָזט איינריידן, אַזוי אַז אין דעם דאָזיקן אָוונט זיינען ביידע תלמידי־חכמים געזעסן אויבנאָן אַלס פירער פון דער ישיבה.

שפּעטלעך אין אָוונט זיינען אָנגעקומען די געסט, אויף וועלכע מ׳האָט זיך שוין געהאַט פאַרגעסן. דער נשיא חסדאי אבן שפּרוט, באַגלייט פון זיינע ביידע סעקרעטאַרן און דעם פאַנטאַס־טיש געקליידטן וועלט־רייזנדער אלדד הדני. דער גאַנצער עולם איז מיט יראת־הכבוד אויפגעשטאַנען, ביז די געסט זיינען צוגע־קומען צו דעם טיש אויבנאָן. אַז דער נשיא האָט באַגריסט ר׳ נתנען, האָט ר׳ נתן אים אָנגעוויזן אויף ר׳ משה בן חנוך, וועל־כער איז געזעסן לעבן אים, און האָט געזאָגט:

— פון היינט אָן זאָל ער זיין רב און דיין אין קאָרדאָווע. וואָרעם צוליב אַ העכערער שליחות האָט גאָט אים אויף אַ וואונ־דערלעכן אופן געשיקט אַהער, דערצו מיט אַ קרבן פון אַ טייערן מענטשן־לעבן. זיין לערע איז ריין ווי גינגאָלד און פליסט פון דעם ערשטן הייליקן מקור אין בבל, דער ברונעם פון זיין חכמה איז ניט אויסצושעפּן. זאָל דער נשיא געבן דערויף זיין הסכמה און באַגריסן אונזער נייעם רבי און פירער.

חסדאי אבן שפּרוט האָט דערלאַנגט ר׳ משהן די האַנט און

מיט אַ הילכיקן „שלום רבי ומורי!" האָט ער אים פאַר דעם גאַנצן פאָלק דערהויבן אַלס ניי אויסדערוויילטן גייסטיקן מנהיג פון דער קהילה.

III.

ר׳ משה בן חנוך און ר׳ נתן, וואָס זיינען געזעסן פון ביידע זייטן לעבן דעם נשיא, האָבן שווייגנדיק צוגעהערט, וואָס אלדד הדני האָט דערציילט איבער די צען שבטים, איבער די מקומות, וואו זיי זיצן, און איבער דעם לעבנסשטייגער, וואָס זיי פירן. בשעת ווען ר׳ נתן, ווי אַלע לומדים פון קאָרדאָווע, זיינען נשתומם געוואָרן און געכאַפּט התפעלות פון דער ידיעה וועגן די ווייטע ברידער, איז ר׳ משה בן חנוך געבליבן זייער רויִק און קאַלט דערצו.

אַז דער נשיא האָט געפרעגט ר׳ נתנען וועגן זיין מיינונג, האָט יענער אָנגעוויזן אויף ר׳ משה בן חנוכן, איבערלאָזנדיק פאַר אים דאָס ערשטע וואָרט.

— ביי אונז אין בבל, — האָט ר׳ משה אָנגעהויבן, האָט מען פון די שבטים, פון וועלכע אונזער גאָסט דערציילט, גאָר־נישט געוואוסט, פון די כוזרים אָבער יאָ, הגם קיינעם איז ביז־האַער גאָרניט איינגעפאַלן, אַז זיי שטאַמען פון שבט שמעון אָדער פון אַנדערע שבטים.

— ווי קען דערוויזן ווערן דער היפּוך פון דעם, וואָס עדי־ראיה האָבן געזעען, געהערט און איבערגעלעבט? — האָט בן סרוק געפרעגט, ניט אָן אַ באַהאַלטענעם פאָרוואורף. — די גמרא זאָגט דאָך: „ניט געזעען איז ניט קיין ראיה" — —

— ניט צו גלויבן אין די באַריכטן פון דעם באַהאַרצטן אלדד,—געבענטשט זאָל ער זיין, וואָס ער איז אַרויס צו זוכן זיינע ברידער—האָבן מיר ניט קיין גרונד, — האָט ר׳ משה געזאָגט גאַנץ רויִק, — אָבער דאָס, וואָס ער זאָגט וועגן דעם אויפ־קום פון דעם כוזרישן פאָלק, שטימט ניט מיט די עלטערע עדות—אין די אַלטע רשומות פון די פריערדיקע גאונים.

— און דער רבי ווייס פון זיי? — האָט חסדאי און ר׳ נתן געפרעגט אין איין קול.

— יאָ, אין די רשומות פון דעם גאונאַט צו דער צייט פון ר׳ אחאי, דעם בעל־השאלתות, מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק, שטייט פאַרשריבן, אַז אַ בחור מיטן נאָמען חסדי איז אין שליחות פון זיין רבי, ר׳ יצחק סאַנגורי, געקומען קיין בבל פון דער כוזרישער הויפּטשטאָט באַלאַגאַר און געבראַכט אַ ברי־דערליכן גרוס און נדבות פון די כוזרישע יידן פאַר די ישיבות אין בבל; לויט ווי דער חסדי האָט איבערגעגעבן, האָבן דאַמאָלסט אַ קליינע צאָל יידן געלעבט אונטער דעם מעכטיקן און איידעלן מאַנגאָלנפאָלק פון די כוזרים. אַלס מתנה פאַר די ברידער הינטער די בערג האָט מען אים מיטגעגעבן אַ אָפּשריפט פון די בייע פסקי הלכות, וואָס דער גאון ר׳ אחאי, האָט נאָר־וואָס געהאַט מחבר געווען.

נאָך אַ קורצן ישוב האָט ר׳ משה ווייטער גערעדט:

— אין די רשומות פון די שפּעטערדיקע גאונים אויס סורא און פומבדיתא קען מען אָבער ווייטער לייענען, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום איז קיין בבל דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אין כאָזאַריע האַלטן כמעט אַלע די אמונה פון ישראל און עס איז נייטיק אַהין צו שיקן לערער, תשמישי קדושה, ספר־תורהס און אָפּשריפטן פון דער גמרא. אין די רשומות שטייט טאַקע וועגן דעם, ווי די כוזרים האָבן זיך מאַסנווייז מגייר געווען, ס׳איז אָבער אַ וואָרט ניטאָ וועגן זייער יידישער אָפּשטאַמונג...

— קען דאָס געמאָלט זיין, אַז אַזאַ שינוי, וואָס האָט אַ גאַנץ פאָלק געבראַכט אונטער די פליגלען פון דער שכינה, זאָל אַזוי ווייניק האָבן פאַראינטערעסירט די בבלער, אַז אַחוץ די דאָזיקע רשומות זאָלן זיי וועגן דעם ניט האָבן איבערגעלאָזט קיין שום זכר? — האָט דער נשיא אַליין זיך איצט אריינגעמישט אין וויכוח.—איז דאָס גיכער ניט אַ ראיה דערצו, אַז מיר האָבן דאָ מער צו טאָן גיכער מיט אַ צוריקקער צו יידישקייט, ווי מיט אַ איבערגאַנג צו איר?

אלדד הדני האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז די קאָלירנ־

דיקע בענדער פון טורבאַן האָבן זיך צעפלאַטערט, און האָט פייערלעך צוגעגעבן:

— אַלצדינג, וואָס איך האָב דאָרטן געזעען, באַשטעטיקט די סברא פון דעם ליכטיקן שר חסדאי אבן שפרוט — אַז מיר דאַרפן האַלטן די כוזרים פאַר בני יעקב.

דונאַש בן לברט האָט שטיל איינגערוימט זיין שכן אין אויער, אָבער אַז בן סרוק זאָל עס קענען הערן:

— ער רעדט נאָר וועגן סברא און מיינונג, אָבער שוין ניט פון אַ זיכערער זאַך. עס איז אים משמעות פאַרדראָסיק, וואָס אַזאַ באַהאַוונטער אין דעם ענין, ווי ר' משה, איז מסופק אין זיינע מעשיות. אויף דעם דאָזיקן גאון פון בבל האָט ער זיך דאָ ניט גערעכנט. ער וואָלט אים בעסער וועלן טרעפן ביי די בני־יששכר אָדער ביי די בני־משה אויף יענער זייט סמבטיון...

— די צווייפלער און די קריטיקער,—האָט זיך אָפּגערופן סרוק, אַז דונאַש זאָל הערן, — לערנען פון אַלצדינג אָפּ נאָר אויף זייערע ספקות...

דונאַש האָט געמוזט אַראָפּגעשלונגען אַ בייסנדיקע באַמער־קונג אויף סרוקס אַדרעס, וואָרעם ר' משה בן חנוך האָט ווידער אָנגעהויבן צו ריידן:

— דאָס, וואָס די גאונים האָבן פאַר צוויי הונדערט יאָרן ניט פיל גערעדט וועגן דעם מגייר זיין זיך פון די כוזרים, דער־קלערט זיך דערמיט, וואָס מ'האָט זיך געהיט פאַר די ק ר א י ם. בראש מיט זייער פירער ענן, וועלכער האָט אויס פאַרדראָס, פאַר־וואָס ער איז ניט געוואָרן ראש־גלותא, געגרינדעט די דאָזיקע כיתה, האָבן די קראים מיט אַלע כוחות זיך געפלייסט צו געווי־נען נייע לענדער, נאָכדעם ווי זיי האָבן אין בבל און ירושלים געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע פעולה. האָט מען געוואָלט פאַרמיידן, אַז זיי מיט זייערע שלוחים זאָלן ניט אַריבערכאַפּן זיך אין דער מדינה הינטער די בערג און געפינען פאַר זייער פאַלשער תורה אַ נייעם אָנהאַלט. דערפאַר האָט מען אין די ישיבות פון די גאונים זיך געהיט מיט אַן איבעריקן וואָרט ניט אָנצומאַכן קיין צו גרויסן טומל.

— פונדעסטוועגן, — האָט ר׳ משה ווייטער גערעדט, — האָבן די קראים ניט אויפגעהערט צו זוכן אַמגע־ומשא מיט כאָזאַריע און צו שיקן איבער די בערג איין שליח נאָך דעם אַנדערן. נאָך דאָ גאָר ניט לאַנג, ווען סעדיה גאון האָט אונטערגענומען דעם גרויסן שטרייט קעגן דער כיתה, וואָס האָט זיך אַנאָמען געגעבן „בני מקרא", האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן דאָרט זייער אַרבעט און האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן דערין אַסך אויפגעטאָן; ווי ווייט ס׳איז אמת, קענען מיר דאָ ניט וויסן אַקוראַט. אַסך פון זיי האָבן אַפילו איבערגעגעבן, אַז די כוזרים האַלטן נאָר פון דער קאַראַאַמישער תנך־לערע, און ניט פון אונזער גאַנצער תורה. ווער קען דערווייזן קלאָר, ווי די זאַך איז?

— אלדד הדני! — האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען פון עולם.

דער פרעמדער רייזנדער איז בשעת ר׳ משהס רעדע געזעסן אומבאַוועגלעך און אין זיין פאַרהאַרטעוועטן פנים האָט זיך ניט אַצאַפּל געטאָן קיין אבר. איצט האָבן זיך זיינע מוילווינקלען אַריר געטאָן און ער האָט אָנגעהויבן צוריידן פאַמעלעך, אָפּגעמאָסטן, אויסמיידנדיק צו קוקן אויף ר׳ משה, דעם נשיא און ר׳ נתנען.

— איך האָב געזען זייער לעבן און פירן, זייערע מנהגים און זייערע דינים און קען שווערן, אַז זיי געהערן אינגאַנצן צו אונז, האַלטן זיך אַליין פאַר אונזערע ברידער. אַז זיי זאָלן זיין אָנהענגער פון כיתות און שיטות, וואָס געהערן ניט צו ישראל, דערפון האָב איך קיין זאַך ניט באַמערקט.

אלדד האָט באַשיינפערלעך אויסגעמיידט דאָס וואָרט „קראים" אָדער „בני מקרא".

— ער דרייט זיך און פאַרקריכט אָן אַזייט און ווייכט אויס דעם עצם פון דעם ענין, — האָט שטיל געזאָגט דונאַש בן לברט.

— ער זאָגט, וואָס ער וויים, — האָט אים בן־סרוק פאַרענטפערט.

— דערצו נאָך דאַרף מען האָבן אין זינען, — האָט ר׳ משה בן חנוך אָן שום איינזעעניש ווייטער גערעדט אין זיין קלאָרן פורן לשון־הקודש, — אַז די קראים אין בבל און אין ארץ־ישראל פאַרשפרייטן די לעצטע צייט מעשיות, אַז די כוזרים שטאַמען פון די עשרת השבטים. זייער כוונה דערביי איז גאַנץ לייכט צו פאַרשטיין: דערמיט, וואָס זיי פאַרלאָזן זיך אויף זייערע שלוחים אין כאָזאַריע און האַלטן דאָס גאַנצע לאַנד פון די כוזרים בנוגע דער אמונה פאַר זייערס, זיינען זיי אויסן צו מאַכן גלייבן אַלע יידן אין גלות, אַז די עלטסטע שבטים פון ישראל געהערן אויך צו די קראים און האָבן תּמיד געהאַלטן די קאַראַימישע לערע; זיי האָבן בלויז צוריק זיך אומגעקערט צו דער דאָזיקער לערע, וועלכע איז פון קדמונים אָן געווען די עכטע לערע פון דעם יידישן פאָלק. — מיר אין בבל, וואָס פירן שוין צייט צוויי הונדערט יאָר מיט די „בני מקרא" אַ שווערע מלחמה, וועלכע האָט זיך נאָך באַזונדערס פאַרשאַרפט אין די טעג פון סעדיה גאון, האָבן שוין לאַנג פאַרשטאַנען זייערע פּלענער און קענען זייערע שפּיצלעך אויסגעבונדן. היט זיך פאַר די, וואָס ריידן פון די עשרת השבטים אין כאָזאַריע...

ווי שטרענג און האַרב די דאָזיקע ווערטער זיינען ניט געווען, זיינען זיי דאָך אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ מילדקייט און פרידלעכקייט אין טאָן און אין אויסדרוק.

— ער האָט לכתחילה גאָר ניט גערעדט פון די צען שבטים, דער נשיא נאָר האָט זיי דערמאָנט, — האָט סרוק שטילער־הייט זיך אָפּגערופן.

— יאָ, דער נשיא האָט עס טאַקע געטאָן, אָבער אלדד האָט עס ניט אָפּגעפרעגט, נאָר זיך אָנגעכאַפּט אָן די דאָזיקע שבטים, — האָט דונאַש באַמערקט.

— צי פון אונזער בלוט, צי ניט, — האָט דער נשיא געזאָגט, — פון אונזער אמונה זיינען אָבער די כוזרים, און איך האָב גענומען אויף זיך אַ נדר, אַז איך וועל ניט רוען, וואו איך וועל ניט געפינען די דאָזיקע ברידער, וואָס צו זיי איז לייכטער צו דערגרייכן ווי צו די אַנדערע, און וואו איך וועל ניט קלאָר

מאַכן אי פאַר זיי גופא אי פאַר אונז אַלעמען, וואָס פאַר אַ שייכות זיי האָבן צו ישראל. איך וועל דערצו אויך אויסניצן די דעלעגאַציע פון דעם ביזאַנטישן קיניג, וועלכע געפינט זיך דאָ איצטער, כדי צו פועלן ביי קיסר ראָמאַנוס אונטערשטיצונג בנוגע שיקן אַ שליח פון אונז קיין כאַזאַריע. צו קריגן די הסכמה פון ביזאַנטיע פאַר דעם ענין — וועט זיך איינגעבן. אָבער וועמען זאָלן מיר אָנטרויען די דאָזיקע הויכע, נאָר אויך זייער שווערע שליחות?

— אלדד הדני, דער באַהאַוונטסטער און געניטסטער פון אַלע רייזנדער, וועט אַוועקפירן אַהין אונזער שליחות, — האָט פאָרגעלייגט מנחם בן סרוק.

— ניין,—האָט דער נשיא ניט מסכים געווען,—אלדד וויל גאָר פאָרן קיין ירושלים, ווי ער האָט מיר געזאָגט, לאָמיר אים ניט שטערן אין זיין וועג. אגב, דאַרף דער שליח זיין איינער פון אונזער סביבה. ווער אַלזאָ וועט זיך איינשטעלן אויף דער נסיעה איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין כאַזאַריע?

אַ ווײַלע האָט אין זאַל געהערשט אַ שטילקייט.

פּלוצלונג איז פון דער באַנק פון די תלמידים אויפגע־שטאַנען אַ יונגערמאַן, אַ הויכער און אַ קרעפטיקער, מיט ברענענ־דיקע אויגן אין שאָטן פון געדיכטע שוואַרצע ברעמען.

— דו, יצחק בן נתן?

— יאָ, אויב דעם נשיא איז עס ניחא און דעם פאָטער—ליב.

ר׳ נתן האָט בענטשנדיק אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף דעם קאָפּ פון זיין באַהאַרצטן זון.

III.

אין דער צייט, וואָס אין ישיבה איז פאָרגעקומען דער דאָ־זיקער שינוי, האָט אין קאָרדאָווע פאַרבראַכט אַ דעלעגאַציע פון דעם ביזאַנטישן קיסר ראָמאַנוס II, וועלכער האָט דורך אַ פאַר־בינדונג מיט דער מעכטיקסטער מדינה פון שפּאַניע געוואָלט באַ־וואָרענען זיין מלוכה פון אַ פולשטענדיקער צעפאַלונג. אויף צו־

מאָרגנס נאָך דעם עפנטלעכן וויכוח צווישן אלדד הדני און ר׳ משה בן חנוך האָט דער נשיא און ערשטער מיניסטער חסדאי אבן שפּרוט אין נאָמען פון דעם קאַליף געדאַרפט אויפנע־מען אין דעם זייטיקן בנין פון דעם קאַליפאַט די שלוחים פון ביזאַנטיע.

די ביזאַנטינער, גרויס ווי ריזן און גלאַנצנדיק אין גאָלד און כּלי־זיין, האָבן זיך געבוקט פאַר דעם קליינעם יידישן מיניס־טער. ראָמאַנוס האָט ליב געהאַט צו פאַרבאָרגן די פּוסטקייט און צעפוילטקייט פון זיין מלוכה הינטער דעם אייטעלן גלאַנץ און קנאַק. דערום האָט ער אויך דאָסמאָל ניט געשפּאָרט מיט גאָלד און רייכע מתנות, צו פאַרבלענדן דעם נייעם מוסלימיטישן בעל־ברית.

די דאָזיקע מתנות זיינען שוין איבערגעגעבן געוואָרן מיט אַ טאָג פריער ביי דער עפנטלעכער באַגריסונג דורך דעם קאַליף גופא. צווישן די מתנות, וואָס די שלוחים האָבן מיטגעבראַכט, איז אויך געווען אַ קינסטלערישׂ אויסגעפּאַרטיקטער עקזעמפּלאַר פון אַ באַרימטן מעדיצינישן בוך אין גריכיש און לאַטיין, נאָך וועלכן די דאָקטוירים אין קאָרדאָווע האָבן שוין לאַנג געגאַרט. חסדאי, אַ בקי אין דער חכמת הרפואה, און דער איינציקער אין קאָרדאָווע, וואָס האָט פולקום געקענט לאַטיין, האָט זיך אָנגענו־מען אין דער קירצסטער צייט צו איבערזעצן דעם חיבור אין אַראַביש, און דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט זיין חשיבות אין די אויגן פון דעם קאַליף און דעם הויכן ראָט.

נאָך די אַלע אָפיציאַליטעטן, איז חסדאין אויף היינט אי־בערגעבליבן בלויז צו פירן און צו פאַרענדיקן די זאַכלעכע אונטערהאַנדלונגען מיט די ביזאַנטינער.

די שלוחים האָבן איבערגעגעבן דעם ווילן פון קיסר ראָמאַנוס צו שליסן מיט קאָרדאָווע אַ בונד פון פריינדשאַפט; פאַר דער דערלויבעניש פון אַ פרייען האַנדל אין דער ביזאַנטישער אימ־פּעריע האָט דער קיסר פאַרלאַנגט די אונטערשטיצונג פון אַנדאַ־לוזיע אין זיין מלחמה קעגן אַלע, וואָס האָבן באַקעמפט זיין טרוין אין און מחוץ ביזאַנטיע.

שפּרוט האָט געלאָזן אויסגעהערט דעם שליח און דאַן גע־זאָגט:

— איך האָב רשות פון דעם איידעלן קאַליף אַבדול ראַהמאַן אָפּצושליסן דעם אָפּמאַך און וואָלט נאָר וועלן שטעלן אונזערע לעצטע תּנאים.

— לאָמיר הערן די תּנאים פון דעם גנעדיקן קאַליף אויס דעם מויל פון זיין ערשטן דינער, — האָט דער ביזאַנטישער גענע־ראַל געבעטן.

— מיר שליסן דעם בונד פון שלום און פריינדשאַפט מיט אַלע פעלקער, וואָס שטיצן גלייך אַזוי ווי מיר די וויסנשאַפטן און די איידעלע קונסטן, און די בענדער, וואָס פאַרבינדן אַלע ביר־גער אין לאַנד, זעען מיר אין רעכט און יושר, אין ליבשאַפט און פרייהייט.

— דאָס רוימישע רעכט און דאָס אַלטע געזעץ פון דער בירגערלעכער פרייהייט איז פאַר אונז הייליק און איז חל אויף אַלע פרייע בירגער אין ביזאַנטיע, — האָט דער ביזאַנטינער מיט ווערדע געזאָגט.

— אויף די ייִדן אויכעט? — האָט שפּרוט געפרעגט.

דער ראש־המדברים פון דער דעלעגאַציע איז געבליבן געפּלעפּט:

— וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די ייִדן צו דעם רעכט פון די איידלגעבוירענע, צו געזעץ און צו פרייהייט, אָט די ייִדן, וואָס זיינען זינט די טעג פון טיבעריוס און קאַליגולאַ שונאים פון דער רוימישער אימפּעריע, און זינט קאָנסטאַנטין—פאַרהאַסער פון דער נוצרישער קירך, און, דאַכט זיך, זינט מחמד אויך פיינד פון דעם איסלאַם?

— ניט מער און ניט ווייניקער שייכות, ווי דער ייִדי־שער מיניסטער פון קאָרדאָווע האָט צו די דאָזיקע זאַכן, דער מיניסטער, פאַר וועלכן עס שטייען דאָ די שלוחים פון קיסר ראָ־מאַנוס, זוכנדיק הילף און פריינדשאַפט...

דאָס שטיינערנע פּנים פון דעם ביזאַנטינער איז בלייך געוואָרן. ער האָט געהאַלטן זיין שליחות פאַר דורכגעפאַלן, און ער האָט געוואוסט, אַז ער טאָר ניט קומען פאַר זיין קיסר, ניט אויספירנדיק דעם ענין. ער וואָלט דורכדעם איינגעשטעלט זיין קאָפּ.

— טוט מיט מיר חסד, — האָט ער געשטאַמלט, — איך האָב ניט געוואוסט...

— איך פאַרשטיי, — האָט דער מיניסטער אים אַרויסגעהאָלפן, — אין ביזאַנטיע הייבט דער מענטש זיך נאָך אַלץ אָן ביים האַר, און אַ האַר קען נאָר ווערן געבוירן און געטויפט מיט דעם הייליקן וואַסער. דעריבער איז דער יחיד ניט שולדיק, וואָס ער רעכנט ניט אַריין די יידן אין דער קאַטעגאָריע פון די פרייע, וועלכע פּרעטענדירן אויף רעכט. דערפאַר אָבער טוען מיר עס. האָט די דעלעגאַציע רשות צו חתמענען דעם דאָזיקן אָפּמאַך?

דער שליח האָט איבערגעלייענט דעם פּאָרמעט מיט קאָפּ איינמאָל און נאָכאַמאָל.

— דער קאַליפאַט פאַרלאַנגט,—האָט ער געזאָגט, קנייטשנדיק דעם שטערן, — מ'זאָל מענטשלעך באַהאַנדלען די יידן און מבטל מאַכן אַלע גזרות קעגן זיי, וואָס עקסיסטירן זינט דעם קיסר לעאָ; דאָס איז זייער אַ סך פאַר אונזערע השגות... דערצו נאָך באַריכטן איבער דער צאָל און דעם מצב פון די יידן אין ביזאַנטיע!?

— אַזוי איז עס! — האָט דער מיניסטער באַשטעטיקט.— און דערפאַר וועלן מיר ראָמאַנוסן געבן די נייטיקע הילף און מיטלען. קען עס ראָמאַנוס אָננעמען?

דער שליח האָט זיך פאַרקלערט.

— מיינע פולמאַכטן זיינען אומבאַגרענעצט, — האָט ער לסוף געזאָגט, — און איך פערזענלעך האָב ניט פיינט קיין שום מענטשן, וואָס האָט אַ מענטשלעך פּנים. איך חתמע...

— דאַן וועט דער בונד צווישן קאָנסטאַנטינאָפּאָל און קאָרדאָווע זיין אַ גליק פאַר דעם קיסר, פאַר אונז און דער וועלט. איצט אָבער האָב איך נאָך אַ ענין...

— וואָס פאַרלאַנגט נאָך דעם קאַליפס איידעלער ראָטגע-בער?

— מיר האָבן געהערט, אַז קיסר ראָמאַנוס האַלט פריינד-שאַפט מיט די הערשער פון קאַווקאַז, פון קרים, ביים אַזאָווער ים, ביים קאַספּישן ים. מיר וואָלטן וועלן שיקן אַ שליח איבער די בערג צו דעם פאָלק פון די כּוזרים, וואָס איז אונז אַ ברו-דערפאָלק. יצחק בן נתן איז דער נאָמען פון אונזער אויסדער-וויילטן מאַן. מיר בעטן דעם קיסר פון ביזאַנטיע, ער זאָל גוט צו-נעמען דעם דאָזיקן שליח אונזערן, אים פאַרשאַפן באַקאַנטשאַפטן מיט די יידן אין דער ביזאַנטישער מלוכה און אים העלפן דורך קיי-זערלעכע רעקאָמענדאַציעס און די דעלעגאַציעס, וואָס גייען אַהין, דורכצושלאָגן זיך קיין כאָזאַריע.

ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט דער פירער געענטפערט:

— גאַסטפריינדשאַפט און הילף אין וועג פאַר די פאַר-טרעטער פון די באַפריינדעטע מדינות איז פון קדמונים אָן גע-ווען אַ הייליקער ביזאַנטישער חוק. דער שליח, יצחק, דער זון פון נתן, זאָל מיט אונז מיטפאָרן, ער מעג זיך ריכטן אויף דער בעסטער אויפנאַמע סיי ביי אונז סיי ביי ראָמאַנוסן אין הויף.

.IV

יצחק בן נתן איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם נשיאס הויז, וואו ער האָט באַקומען פון דעם נשיאס האַנט די רייזע-פאַפירן און רעקאָמענדאַציעס קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אונטערגעשריבן פון דעם קאַליף. צווישן די אַקאַציעס אין דעם גאָרטן האָט ער פאַר-לאַנגזאַמט זיין טריט, און אָנקוקנדיק די בונטע בליִונג, האָט ער אָנגעהויבן אונטערצוברומען די ווערטער פון שיר-השירים:

צום ניסנגערטל נידער איך,
קוקן אויפן גרינס אין טאָל,
זען, צי דער ווייַנשטאָק בליט
און די מילגרוים קנאָספּט...

ער האָט זיך צוגעהאָרכט. ווי אַ זאַכט פּאָרפלען פון אַ ווינט האָט זיך דורכגעטראָגן דורך דער לופט און פון צווישן די מירטנ־בלעטער איז געקומען אַן ענטפער:

צו זיין גערטל האָט מיין פריינד געניידערט,
צו די ווייררויך־בייטן,
אין די גערטנער וועט ער פּיטערן,
רויזן וועט ער קלייבן...

— דו ביסט עס, הדסה?

אַ יונג מיידל, אין אַ ברייטן, לאַנגן, טונקעלן קלייד, פאַר־בונדן אויף די לענדן מיט אַ קאָלירנדיקן גאָלד־געהאָפטענעם גאַרטל, איז אַזוי ווי אַ גאַזעלע אַרויסגעשפּרונגען צו אים. פון דעם זיידענעם טוך אַרום קאָפּ, אויסגעבונדן אַזוי ווי אַ הויב, באַ־פעסטיקט מיט גילדערנע שפּאַנגעס און גלאַנצנדיק מיט בונטע פאַרבן, האָט אַפּירגעקוקט אַ פריש קיילעכיק פּנים, אין וועלכן עס האָבן געלויכטן צוויי אויגן, געגליט מיט אַ טונקעלן פייער.

— הדסה, דו ביסט דאָ? — האָט דער בחור איבערגע־פרעגט מיט אַ ציטער אין קול.

— איך האָב געוואוסט, יצחק, אַז דו וועסט גיין מיט דעם דאָזיקן וועג, און איך האָב געוואַרט אויף דיר. זיסט וואָלסטו מסתמא גאָר אַוועקגעפאָרן פון דאַנען, זיך ניט געזעגענענדיק מיט מיר...

הדסה האָט פאַרצויגן דאָס מויל אַזוי ווי אַ ברוגז קינד, גלייך אָבער האָט זי זיך צעלאַכט אַזוי הילכיק, אַז דער שוואַר־צער דראָסל אין די צווייגן האָט אַ דערשראָקענער אויסגעשטרעקט דאָס שנעבעלע און איז אַוועקגעפלויגן.

— איך פלי אים גלייך נאָך, — האָט די מיידל שטיפע־ריש געזאָגט, און אַ שפּרונג געטאָן איבער דער גוט באַאַרבעטער בייט.

— הדסה, — האָט יצחק מיטגעלאַכט, — וואו איז דיין גרוס צום געזעגעניש?

— דו האָסט אים ניט געוואָלט און ניט געזוכט, — האָט

די מיידל זיך אָנגעבלאָזן און אָפּגעקערט איר בליק צו דעם ווייסן רויזנקוסט.

— ביסט אַ שלעכטע, הדסה, — האָט דער בחור ערנסט געזאָגט. — איך מייד אויס צו קוקן אויפן ליכט, כּדי די לאַנגע פינסטערניש, וועלכע שטייט מיר פאָר, זאָל מיר זיין גרינגער צו פאַרטראָגן. איז דאָס ליכט מיר איצט אַנטקעגנגעקומען, בלענדנ־דיק מיינע אויגן — כּדי ווידער צו פאַרשווינדן. דו שפּילסט מיט מיר, הדסה!...

— יאָ, איך האָב ליב צו שפּילן, יצחק, דו ווייסט דאָך עס. און ווען דו זאָלסט געווען זיין ניט קיין בחור, נאָר איינע פון מיינע חברטאָרינס, וואָלט איך דיר איצט דעם הוט פון קאָפּ אַראָפּגעריסן, צונויפגעקנייטשט אים אין אַ קויל און דיר אין פּנים אַריין געשליידערט. עס גלוסט זיך מיר שטאַרק דאָס צו טאָן. דו ווייסט, איך האָב ניט האָלט קיין מעשיות מיט רוחות, האָב פיינט שאָטנבילדער. דיינע ווערטער מיט דער ליכט דערמאָנען מיר אָן דעם דיקדוק, וואָס איך לערן ביי מנחם בן סרוק, און אָן דער תּורת המשקל, וואָס דונאַש בן לברט קנעלט מיט מיר איין. איך לאָז גאַנץ אָפּט איבער דיביידע געלערנטע מענער מיט זיי־ערע קלוגע ביכער און לויף אַראָפּ אין גאָרטן צו מיינע רויזן און פלאַטערלעך, לאָז דאָס ליכט, יצחק, און זאָג מיר בעסער, פאַרוואָס דו ווילסט פון דאַנען אַוועקפאָרן, דערצו נאָך אומגע־זעגנט מיט מיר?...

— אַזוי קורץ און שאַרף, ווי דו ווילסט, קען איך עס דיר ניט זאָגן. איך בין דאָך אויך אויפגעצויגן געוואָרן אויף בי־כער, הדסה, און פאַרשטיי ניט דעם לשון פון בלומען און פלאַטערלעך.

— טאָ זאָג עס אויף דיין לשון — — —

— איך פאָר אַוועק, ווייל איך מוז דורך גבורה פאַרדינען דאָס רעכט אויף מיין גליק...

— ליגט דען דיין גליק אין אַזעלכע מרחקים? — האָט די מיידל געלאַכט און האָט זאָרגעוודיק זיך אָפּגעשניטן אַ ווייס־רויטע רויז אין אַ גרינעם בעכערל.

— מײַן גליק איז דאָ, אָבער...

— אָבער...—האָט די מײדל געפּאָדערט, אַרײַנשטעקנדיק זיך די רויז אין דעם גאַרטל.

— איך װײס ניט, װי איך זאָל דיר עס זאָגן. דערצײלן דיר אַ חלום?

— יאָ,—האָט הדסה געזאָגט מיט אַ שמײכל,—חלומות האָב איך האָלט צו הערן, װען זײ זײַנען נאָר ניט צו נאַריש און געפּלאָנטערט. דערצײל.

— דאָס איז געװען דאָ אין גאָרטן, בײַ דער בײַט פון די מירטן. איך האָב געװאָלט אָנכאַפּן אײנע פון די מירטן, די שענסטע און די ליבלעכסטע, אָבער מײַן האַנט איז װי געלײמט געװאָרן... דאָ האָט מיר עמעץ אײַנגערוימט אין אויער! „װײַטער אַהינטער יצחק, און דערנאָך מיט כּוח אַ כאַפּ־אָן טאָן... און איך...”

— און דו ביסט אָפּגעטראָטן אַהינטער? — האָט די מײדל געלאַכט.—נאַרישער חלום, נאַרישער יצחק, איך װאָלט ניט אָפּגעטראָטן אַהינטער, פאַרקערט, װאָלט דװקא געפּרוּװט פון דער נאָענט.

— איך האָב זיך אויפגעכאַפּט,—האָט יצחק װײַטער דערצײלט. — און אַז איך האָב הײַנט געהערט אין דער ישיבה פון דעם נשיא, דײַן פאָטערס, מויל, אַז אײנער דאַרף אויספירן אַ זאַך פאַר דעם כּלל ישראל, אײַנשטעלנדיק זײַן פּערזענלעכע גבורה, האָב איך געװאוסט, אַז איך בין עס דער, װאָס דאַרף זיך דאָס אונטערשטעלן. דער נשיא און אויך מײַן פאָטער האָבן געבענטשט מײַן באַשלוס...

הדסה האָט זיך פאַרטראַכט און אירע פינגער האָבן נערװעזיש געשפּילט מיט דער רויז אין איר גאַרטל. דער פײַער אין אירע אויגן האָט אויף אַ װײַלע פאַרלוירן דעם לוסטיקן גלאַנץ.

— װײס דער פאָטער פון דײַן חלום און פון דעם לעצטן ציל פון דײַן נסיעה?—האָט זי געפרעגט מיט אַ פּאַר איר גאָר ניט געװײנלעכן ערנסט.

— איך האָב מיט אים פון דער מירטע ניט גערעדט,

הדסה; איך וועל דאָס טאָן ערשט דאַן, ווען איך וועל מיט מעשים פאַרדינען דאָס רעכט דערויף. —

— פאַר געזונטערהייט, יצחק, און גאָט זאָל בענטשן דיין אונטערנעמונג.

— און זאָל זי קרוינען מיט דער באַוועגונג פון מיין חלום...

— און זאָל זי קרוינען מיט דער באַוועגונג פון אונזער חלום, — האָט הדסה אים שטיל נאָכגעזאָגט ווי אַ תפילה. אָבער קיינער האָט ניט געהערט די דאָזיקע שטילע תפילה אירע. וואָרעם פון דעם פייערלעכן ערנסט, וואָס האָט געוואָלט אַריינקלייבן זיך אין איר האַרץ, איז זי אַנטלאָפן אין די קוסטעס אַריין, לאַנג נאָכ־קוקנדיק דורך די בלעטער דעם אַוועקגייענדיקן.

V.

חדשים זיינען אַריבער, זינט יצחק בן נתן איז אָפּגעפאָרן מיט דער ביזאַנטישער דעלעגאַציע, און אין קול ואין עונה—ניט פון יצחקן ניט פון זיין שליחות. דערווייל איז דאָס לעבן אין קאָרדאָווע געגאַנגען זיין נייעם וועג. אונטער דער הנהגה פון ר׳ משה בן חנוך, וועמען ר׳ נתן האָט זי איבערגעגעבן מיטן גוטן רצון, האָט די ישיבה אויפגעבליט מיט אַ נייעם גלאַנץ. פון אַלע עקן אַנדאַלוזיע און אויך פון ווייטער — פון אַפריקע און שפּאַניע — האָבן געשטראָמט תלמידים קיין קאָרדאָווע אין דער נייער שפּאַנישער מתיבתא, וועלכער דער נשיא חסדאי אבן שפּרוט האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערן שם. אַבדול ראַהמאַן, דער גוטער קאַליף, וואָס זיין וויטזיכטיק אויג האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ פרידלעכער פאַרבינדונג מיט אַלע רעגירונגען פון דער וועלט, האָט זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט דער ישיבה, וואו עס זיינען זיך צונויפגעקומען די געלערנטע פון ארבע פינות עולם און וואו טיכטיקע מענטשן האָבן זיך באַקענט מיט דעם קאַסטי־לישן לעבנסשטייגער און שפּראַך, כדי שפּעטער צו ווערן פירער פון דער מדינה אָדער געמיינדע אין זייער אייגענעם לאַנד. ער האָט אַרויסגעגעבן פון דעם מלוכה־אוצר אומבאַגרענעצטע מיט־

לען פאר דער ישיבה, אויף איינצוקויפן די טייערע תלמוד־עקזעמפ־לארן פון סורא און אויף מאכן פון זיי קאפּיעס. שטרעבנדיק צו פולער פּאליטישער אומאפּהענגיקייט פון באַגדאַד, האט דער קאליף געזען, ווי אויך דאס יידנטום אין קאָרדאָווע דער־גרייכט אלץ מער און מער אין זיין גייסטיקער אומאפּהענגיקייט און אונטער דער הנהגה פון ר׳ משה בן חנוך קען עס שוין באלד מאכן א מין אייגענעם גאונאט.

אלדד הדני, פארבראכט עטלעכע וואכן אין קאָרדאָווע, איז געבליבן געטריי זיין רייזע־פלאן און זיך אוועקגעלאזט קיין ירושלים מיט א שטארקן פארדראס אין הארצן. דער נשיא האט אים ארויסגעוויזן כל הכּבוד, אים געהאלטן ווי א אנגעלייגטן גאסט און אים געגעבן אויף הוצאות הדרך. אבער זינט ר׳ משה בן חנוך האט מיט אזעלכע ניכטערע ווערטער געפאדערט פאר־זיכטיקייט, איז זיין צוטרוי צו אלדדס דערציילונגען שטארק צע־טרייסלט געוואָרן. בלויז מנחם בן סרוק האט מיטן גאנצן הארצן געגלייבט אין אים און אין זיינע ווערטער און האט זיינע וואונ־דערלעכע מעשיות ווייטער פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט דורך וואָרט און שריפט; דאס האט נאך מער פארגרע־סערט די שנאה צו אים מצד זיין אלטן ריוואל, דונאש בן לברט.

אלץ מער און מער זיינען באקאנט געוואָרן דונאשס מיי־נונגען איבער דעם „מחברת״; זיין גאנצן בייסנדיקן וויץ האט ער אויסגעשאָטן אויף סרוקס אופן צו דערקלערן די איינציקע ווערטער פון זייער שורש אויס. אין ענגע קרייזן זיינען פון מויל צו מויל אויך ארומגעגאנגען דונאשס חוזק־לידער איבער דעם „משורר פון דעם דיקדוק״ און דעם „מדקדק אין דער שירה״, מנחם בן סרוק.

סרוק, בטבע א שטילער און באשיידענער מענטש, האט זיך קנאפּ־וואס געוואונען צום הארצן דונאשס אָנפאלן און האט זיך מיט אים אָפּגערעכנט אויף זיין אופן, אויסלאכנדיק אין דעם קרייז פון זיינע אָנהענגער דונאשס פּרוּוון אריבערצוטראָגן די

פאָרם פון אַראַבישן שיר אויף לשון־הקודש. שיצנדיק זיך פון זיין קעגנער, פלעגט ער זאָגן;

— דער דאָזיקער גערייצטער מענטש, וואָס זוכט אַלץ צו קריטיקירן, וואָס דעקט אויף אומעטום שאָטנס, האַלט זיך דאָך ניט אָפּ אַרויסצוטרעטן אַפילו קעגן די גאונים פון בבל, זאָגאַר קעגן ר׳ סעדיהן!

עס איז געווען באַקאַנט, אַז דונאַש בן לברט האָט אין אַ לענגערן חיבור קריטיקירט ר׳ סעדיהס פּירוש אויף דער תורה און ספר ישעיה און האָט זיך דערלויבט שפּאָטישע באַמערקונגען וועגן סעדיהס מיינונגען אין זיין גרויסן ווערק „אמונות ודעות״. ער האָט נאָר ניט געוואַגט אַרויסצוטרעטן מיט זיין חיבור פאַר דעם ברייטן עולם, ביי דעם נייעם גייסט, וואָס ר׳ משה בן חנוך, דער נאַטירלעכער סניגור פון דער גאָונישער שיטה אין קאָרדאָווע, האָט אַריינגעבראַכט.

פון דער גרויסער פריינדשאַפט סרוקס צו אלדד הדני האָבן אָבער זיינע שונאים מיט דונאַשן בראש געזוכט אויסצודרייען פאַר דעם שטילן געלערנטן אַ שטריק, און די באַשולדיקונגען קעגן אים האָבן אָנגעשלאָגן אַזש ביזן פּאַלאַץ און צו די אויערן פון דעם נשיא חסדאי.

— סרוק, — האָט דער נשיא אים איינמאָל פירגעהאַלטן,— מ׳שמועסט, אַז דו האָסט נאָך אַלץ אַ מגע־ומשא מיט אלדד הדני און פאַרשפּרייטסט ווייטער ביי יעדער געלעגנהייט זיינע וואונ־דערלעכע מעשיות. וואָס פאַר אַ אינטערעס האָסטו אין דעם מענטשן, אין זיינע מעשים און רייד?

— קיין אַנדערן אינטערעס ניט, ווי נאָר צו דערגיין דעם אמת וועגן אונזערע צעזייטע און צעשפּרייטע ברידער אומעטום. דער מענטש, וואָס איז נע־ונד דורך דעם גאַנצן יידישן גלות, כדי צו פאַרבינדן די אָפּגעריסענע טיילן פון פאָלק, אַזוי ווי אַ מאַגנעט, האָט פאַרדינט מער אַכטונג און צוטרוי, ווי מ׳האָט אים אַרויסגעוויזן דאָ אין דער גרעסטער קהילה פון שפּאַניע. דער נשיא דאַרף אין די דאָזיקע באַשיידענע ווערטער ניט איינזען קיין שום פאָרוואורף.

— האָסט דען ניט געהערט, סרוק, ר׳ משה בן חנוכס התראה? — האָט דער נשיא געפרעגט.

— יאָ, דער רבי האָט גערעדט פון קאַראַימישע מאַכינאַציעס, וואָס זיינען אויסן אַרויסצושטעלן די כּוזרים פון איין זייט אַלס אָנהענגערס פון ענָנס שיטה און פון דער צווייטער זייט אַלס רוב בנין פון די עשרת השבטים. וואָס האָט דאָס אַלץ אָבער פאַר אַ שייכות צו דעם מענטשן, וואָס קומט צו אונז פון מרחקים, ברענגט אונז גרוסן פון אונזערע ברידער און וועקט אין אונז אַ הייסע בענקשאַפט נאָך גאולה און קיבוץ גליות פון יהודה און ישראל? ער האָט אַ וואָרט ניט גערעדט פון די קראים און זייער לערע.

— די ראשי־הישיבה האַלטן, אַז אַלע שאלות בנוגע די קראים האָט ער אויסגעווייכט עפּעס אויף אַ פאַרדעכטיקן אופן. פונדעסטוועגן האָבן מיר אים קיין זאַך ניט געגעבן צו מערקן און אים גוט באַהאַנדלט.

— פאַרוואָס־זשע האַלט מען מיר פיר, וואָס איך האָב אים באַהאַנדלט נאָך ב ע ס ע ר?

— מ׳זאָגט, אַז דו האָסט טיפער זיך אַריינגעטאָן אין דעם מהות און כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן מאַן, האָסט מיט אים אויך געשמועסט איבער ענינים פון אמונה און חכמה, דאַרפסטו דאָך אויך מער ווי אַן אַנדערער וויסן, ווי איז דער אמת בנוגע די חשדים, וואָס מ׳איז אים בסוד חושד.

— די ענינים, וואָס מיר האָבן אַרומגעשמועסט, זיינען נוגע בלויז דעם געברויך פון לשון־קודש אין די פאַרשיידענע יידישע קיבוצים פון דעם כּדור־הארץ, וואָס דאָס פאַרנעמט מיך אַזוי שטאַרק און לויט דעם קען איך אויספרווון די טעאָריעס, וועלכע איך האָב אויסגעלייגט אין מיין „מחברת".

— דו ווייסט, סרוק, אַז מ׳טרעט שטאַרק אַרויס קעגן די דאָזיקע טעאָריעס דיינע?

— יאָ, ד ו נ א ש. אָבער ער נעמט די זאַך צו לייכט. אָנשטאָט דער פאָרשונג לאָזט ער קעגן מיר ריידן די אומגעבונדענע שירה און דעם גייסט פון שנאה. זיין פאַמפלעט, האָב איך גע־

הערט, הייבט זיך אָן מיט אַ שיר לכבוד דעם נשיא. אַזוי־אַרום וויל ער גלייך פון אָנהייב זיך איינקויפן אין לאַסקע ביים נשיא און מאַכן אים פאַר מיינעם אַ קעגנער.

— דעם פאָרוואורף אין לאָזן זיך אונטערקויפן האָב איך ניט פאַרדינט פון סרוקן, — האָט דער נשיא געזאָגט אַ ביסל גע־רייצט, —אָבער דו ווייסט, סרוק, ניט קענען ניט פאַרטיידיקן זיך קעגן דונאַשס זאַכלעכע טענות.

— און ווער פאַרטיידיקט דעם טויטן גאון ר׳ סעדיה פון דונאַשס פּוסטע אָנפאַלן ?—האָט סרוק מיט פאַרדראָס געענטפערט.

— די אָנפאַלן אויף סעדיה גאון זיינען מיר ניט באַקאַנט. אויב זיי זיינען באמת צו שאַרף, וועט זיך אוודאי געפינען אַ פאַרטיידיקער פאַר אים אויך, אפשר אין דיר, און אפשר גאָר אין מיר. מיר וועלן דאָ אין קאָרדאָווע אין קיין שום אופן ניט שטערן דעם פרייען חילוף־דעות אין אַלע גייסטיקע שאלות, כּל־זמן זיי זיינען ניט סותר דער מסורה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין גאָרטן איז געשטאַנען הדסה ביי דער טיר פון דער סוכּה, אונטערגעברומט פּסוקים פון תּנך און מיט אַ פלינקער האַנט געפלאָכטן בלומען.

א, זאָג מיר, דו,
וואָס מיין זעלע ליבט,
וואו פּיטערסטו,
וואו לאַגערסטו
צו מיטאָג־צייט ?...

הדסה האָט דערזעען איר לערער סרוק און איז געבליבן אינמיטן פּסוק פון שיר־השירים.

— איר האָט מיך נאָכגעלויגט, מנחם בן סרוק, — האָט די מיידל פריילעך געלאַכט, — און וועט מיך אוודאי זידלען פאַר די גרייזן אין דיקדוק, וואָס איך מאַך אין די פערזן.

מנחם בן סרוק האָט אָבער פאַרגעסן זיין דיקדוק, אויך די אַנדערע זאָרג און צרות, ווי נאָר ער איז געווען נאָענט לעבן

דער זוניקער הדסה. יאָ, זוניק, — דאָס איז געווען דער אמתער וואָרט פאַר איר מהות, און עפּעס אַ זוניקייט האָט זיך פון איר לאַכן און ריידן געגאָסן אין זיין פאַרעלטערט האַרץ. אויך איצט זייגען אין איין הרף־עין פאַרפלויגן די אַלע געפלען, וואָס האָבן באַטריבט זיין נשמה נאָך דעם שמועס מיטן נשיא.

— איך האָב ניט געהאַט גאָר אין זינען דעם דיקדוק, — האָט ער אונטערגעהאַלטן איר טאָן, — דאָס טו איך אין דעם פאַרדומ־פּענעם לערנשטיבל. דאָ האָב איך געהערט דעם געזאַנג פון די פייגל, געזען, ווי בלומען בליען, און פאַרנומען די קלאַנגען, וואָס זייגען געגאַנגען פון אַ ליבעדיק האַרץ.

— אָך, אָך, — האָט הדסה געדראָט, — אויך אונזער שטרענ־גער מנחם אויף דעם שטעג פון דער ליבע, מיט שיינע, גלאַטע מליצות?...

— דאָס מאַכט דאָס בליען, דאָס צוויטשערן און דאָס זינ־גען, — האָט מנחם געלאַכט.

— אָבער לאָמיר אַ ביסל ווייטער אַריינחקירהן אין שיר־השירים. דער גאָרטן, די סוכּה, די רויזן, — דאָס אַלץ איז ווי גע־שאַפן דערצו:

„דען דער ווינטער איז פאַרביי,
און די רעגנצייט — פאַרשוואונדן!
און מיט גרינסן שפּראָצט די ערד!
געקומען איז די שניטער־צייט!
אין אונזער לאַנד
לאָזט די טורקלטויב זיך הערן.
אין בליטן טרייבט דער פייגנבוים,
און דער ווייַנשטאָק גרינט און דופט!“

— האַלט אָפּ, האַלט אָפּ, — האָט הדסה געבעטן, — וועקט ניט די בענקשאַפט, וועקט ניט די ליבע...

— אומגעפער אַזוי שטייט אויך אין שיר־השירים:

איך באַשווער אייך, ירושלימס טעכטער,
ביים יונגן הירש, —
ביי דער איגד אין פעלד, —

וועקט זי ניט,
וועקט די ליבע ניט,
ביז זי בליט ניט אויף אליין!

— איך קען דעם פסוק, — האָט הדסה געזאָגט גאַנץ ערנסט, — האָב אים אָבער קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען ווי עס דאַרף צו זיין.

— מ'קען אים פאַרשטיין אַזוי און אַזוי, פונקט ווי אַסך אַנדערע זאַכן אין דעם דאָזיקן ליד איבער אַלע לידער, — האָט סרוק געקנעלט מעשה לערער. — אויב דאָס ליד, ווי די מסורה האַלט, איז אַ משל פאַר דער ליבשאַפט צווישן גאָט און דער כנסת ישראל, דאַן קען עס באַטייטן אַזוי: וועקט ניט אין ישראלס האַרצן אַנדערע ליבעס, כּל־זמן אין ישראלס האַרצן לעבט ליבשאַפט און לייטזעליקייט צום געטלעכן געליבטן. „עד" קען אויך אויסגעטייטשט ווערן אין דעם זין פון... אָבער דאָ פאַר־קריכן מיר שוין ווידער אין דיקדוק אַריין, און דער דיקדוק פּאַסט זיך עפּעס ניט צו דעם דאָזיקן בילד פון בליען און דופטן, צום זינגען פון דעם גרינעם פעלד.

די באַוועגונגען פון הדסהס פינגער זיינען געוואָרן נער־וועזישער און האַסטיקער. עס איז געווען צו מערקן, אַז אַ געדאַנק, אַ וואָרט שטייט איר אין האַלז און זי זוכט נאָר אַן איבערגאַנג צו אים פון דעם געלערנטן שמועס. אַזוי ווי זי האָט דעם דאָזיקן איבערגאַנג ניט געפונען, האָט זי אויף איר אומגעצוואונגענעם שטייגער אַרויסגעפּלאַצט:

— מנחם בן סרוק, איר ווייסט דאָך אַלצדינג און קומט ערשט אַגב פון פאָטער. טאָ זאָגט מיר — פאַרוואָס האָט ר' נתנס זון יצחק געמוזט פון דאַנען אַוועקפאָרן? וואוהין איז ער אַוועק־געפאָרן? ווען קומט ער צוריק?...

— צו פיל פראַגן אויף אַמאָל, אַלנפאַלס מער, וויפיל איך אָדער ווער אַנדערש קען פאַרענטפערן. אין שיר־השירים איז דאָס געפרעגט קירצער און שענער:

וואוהין געגאנגען איז דיין פריינד,
אָ, דו שענסטע צווישן פרויען!
וואוהין געגאנגען איז דיין ליבסטער?
ווער׳ מיר זוכן אים מיט דיר!

— אָבער, — האָט מנחם אָפּגעהאַקט, — הדסה ווערט ערנסט און וויל הערן ווערטער, ניט קיין לידער... אַלזאָ, הדסה: ר׳ נתנס זון איז אַוועקגעפֿאָרן — ווייל קיין בעסערער און מוטיקערער פֿאַר דער דאָזיקער נסיעה האָט זיך ניט געפֿונען. ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און פֿון דאָרט דאַרף ער מיט אַ כּתב פֿון קיסר ראָמאַנוס זיך אַוועקלאָזן ווייטער צו די ברידער אין כאַזאַריע. דערווייל איז פֿון אים קיין שום ידיעה ניטאָ. דעריבער מוז די פֿראַגע, ווען ער קומט צוריק, קודם־כּל בלייבן אָן אַן ענטפֿער.

— מנחם בן סרוק, — האָט די מיידל געזאָגט מיט אַזאַ ערנסט, וואָס דער מדקדק האָט אין איר קיינמאָל ניט געקענט און דעריבער האָט עס אים עפּעס דערשראָקן, — מנחם בן סרוק, איר זייט מיין לערער; איך האָב אייך ניט איינמאָל פֿאַרשאַפֿט עגמת־נפֿש, אָבער טיף אין האַרצן אַלעמאָל געשעצט זייער הויך. איך בין פֿאָרט ניט געשאַפֿן פֿאַר דיקדוק, פּונקט ווי איר קענט ניט פֿאַרלאַנגען פֿון דעם דראָסל דאָ אין די צווייגן, ער זאָל צוויטשערן זיין ליד לויט די צייכנס און געזעצן פֿון דער מוזיק. און דערפֿאַר האָב איך אָפֿט געקרענקט אייער האַרץ מיט גלעכטער און לייכטזיניקע רייד. אין מיין נשמה איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס גייט ווייט, ווייט פֿאַרביי איבער די שרשים אָדער די כּללים פֿון סמיכות. און דער לערער, וואָס אים איז באַשערט געוואָרן אַרייַנצופֿירן זיין שילערין אין די געזעצן פֿון דער שפּראַך, האָט דערפֿון צו זינגען און צו זאָגן.

— הדסה, — האָט מנחם געוואָלט זי איבערשלאָגן, אָבער די מיידל האָט זיך ניט געלאָזט:

— בשעת ווען איר צענעמט אַזוי קונציק אַ פּסוק פֿון ישעיה, צעגלידערט דעם שורש, דעם זאַץ, די קאָנסטרוקציע, זע

איך גאָר בשעת מעשה דעם נביא אין די גאַסן פון ירושלים, די לאָקן האָר כוואַליען זיך אויף זיין גלייכן נאַקן. פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, מיט ברענענדיקע אויגן, הייבט ער וואָרענענדיק די הענט אין דער הייך, אַ גרויסער עולם אַרום אים, און די רייכע און שטאַרקע באַהאַלטן זיך געשווינט אין זייערע חדרי חדרים. דעם נביאס דונערנדיקער קול דרינגט אָבער אויך אַהינצו אַריין: „הערט, איר הימלען, און פאַרנעם דו, ערד, דען גאָט האָט עס גערעדט... ווי איז געוואָרן צו אַ זונה די געטרייע שטאָט...״ איר דערקלערט מיר, אַז דער אויסדרוק אין ירמיהו שטאַמט בפירוש פון חומש. און איך? איך זע דעם נביא, ווי ער זיצט אין אַ זאַק און אין אַש אויף די חורבות פון דער הייליקער שטאָט, דעם קאָפּ שווער אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, און איך וויין מיט אים מיט, אָן דיקדוק און אָן די כללים פון גיזרות. און די שווערע אייגנאַרטיקע קאָנסטרוקציעס אין תהילים, וואָס פאַר אַ נייע מערקווירדיקע מעגלעכקייטן צו געברויכן דאָס אָדער יענץ וואָרט, וואָס פאַר אַ נייע קאָמבינאַציעס צו בויען זאַצן! וואָס גייט מיך אָבער אָן די וואָרטבילדונג און דער געבוי פון די זאַצן? איך הער נאָר טענער... איך זע דעם פּאַסטעך מיט דער האַרפע, דעם קיניג מיט דעם תהילים, און איך הער זינגען, און שאַלן, און יובלען, אַז אויך מיין האַרץ זינגט־מיט און שאַלט־מיט און יובלט־מיט, — אָן דיקדוק... און אויך שיר־השירים קען איך ניט לייענען אין פינסטערן צימער; אָט דאָ, וואו אַלצדינג זינגט און בליט און שמעקט און גאַרט מיט בענקשאַפט צו ליכט און לעבן, פאַרשטיי איך איטלעכס וואָרט, איטלעכן קלאַנג פון דעם דאָזיקן הייליקן ליד... אָט אַזוי בין איך, די נאַרישע, צעלאָזענע, פאַרטרוימערישטע הדסה...

— פאַרוואָס איז הדסה היינט עפּעס זיך מתוודה אין דעם אַלעם?

— איך מוז דאָס אַלץ היינט אַרויסזאָגן, ווייל אַניט דריקט עס מיר אָפּ דאָס האַרץ. פון דער פּאָעזיע, פון דער העברעישער און אַראַבישער מעטריק, וואָס איך האָב געלערנט ביי דונאַש בן לברט, האָב איך אפשר מער נחת און הנאה. דאָס גיט מער מיין טרוימערישן גייסט. און פונדעסטוועגן...

— און פונדעסטוועגן? — האָט מנחם בן סרוק געמאָנט.

— און פונדעסטוועגן האָט מיין ליבשאַפט צו זיין ליריק ניט געשטאַרקט מיין צוטרוי צו זיין כאַראַקטער... טיף אין האַרצן פיל איך זיך דאָך נעענטער צו מיין טרוקענעם, ניכטערן דיקדוק־לערער. ער וועט מיך בעסער פאַרשטיין ווי דער דיכטער און וועט אויך בעסער וויסן, ווי אַזוי אָפּצוהיטן דעם סוד פון מיין האַרצן.

— זאָג, הדסה, וואָס דריקט דיין האַרץ, — האָט דער גע־לערנטער געזאָגט זאַנפט און האַרציק. — דאָס איז יצחק, נתנס זון, דער ציל פון דיין בענקשאַפט, דער העלד פון דיין שיר־השירים?

— ער, געערטער לערער מיינער, אָבער רעדט עס ניט הויך אַרויס, „די פייגל פון הימל טראָגן אַוועק דעם קול און די עופות זאָגן אויס די ווערטער", שטייט דאָך געשריבן.

— יצחק בן נתן איז אַ שם־טוב, מ'מעג אים אָנרופן הויך אויף אַ קול.

— יאָ, — האָט די מיידל אַ זיפץ געטאָן, — אָבער ניט פון מיין מויל און אויך ניט אין באַציִונג צו מיר מעג דער דאָ־זיקער נאָמען אָנגערופן ווערן. מ'בויט הרים וגבעות פאַר מיר. זין פון פירשטן, זאָגט מען, ווילן זיך מיט מיר משדך זיין. אַפילו דער קאַליף אַבדול ראַחמאַן אינטערעסירט זיך מיט מיין צוקונפט, ריכטיקער אפשר געזאָגט—מיט דער צוקונפט פון זיין טרוינשטול, און ער וואָלט שטאַרק חשק געהאַט, ווען איך זאָל דורך מיין חתונה שאַפן אַ נייע פאַרבינדונג מיט דער אָדער יענער מדינה. יידישע פירשטן זיינען נאָך פאַרהאַן ערגעץ־וואו, אין ביזאַנטיע, אין די סלאַווישע לענדער. יצחק בן נתן איז אָבער ניט קיין זון פון אַ פירשט און האָט ניט קיין שום זכות...

די מיידל האָט גערעדט מיט גרויס ביטערקייט. אירע אויגן האָבן געפינקלט ווי די שטערן. קיינמאָל האָט זי סרוק נאָך ניט געזען אַזוי אויפגערעגט און אַזוי אָן שום שמייכל אויף דעם ראָזיקן מויל. זי האָט אויסגעזען ווי אַ דערצערנטע קיניגין, וואָס ווידערשפעניגט אין דעם ווילן פון פאָלק.

— איך הער, הדסה, — האָט דער לערער זי באַרויִקט, — איך הער און פאַרשטיי אַלצדינג. אָבער דו דאַרפסט וויסן זיין, אַז דער געליבטער פון דיין הארצן איז אַוועק אין דער גרויסער וועלט אַריין און, ווען עס וועט אָפּגליקן, וועט ער זיך אומקערן צוריק מיט דער קרוין פון אַפירשט.

הדסה האָט שטאָלץ און מאַיעסטעטיש אַרויפגעקוקט צום בלויען הימל. גלייך אָבער האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַזוי ווי אַקינד מיט בקשה אַריינגעקוקט דעם לערער אין די גוטע אויגן אַריין.

— יאָ, ער וועט עס. אָט דאָ, אויף דעם דאָזיקן אָרט האָט ער אַנדר געגעבן און געשוואוירן, אַז ער וועט זיך ניט אומקערן צוריק, כּל־זמן ער וועט ניט האָבן דערגרייכט דעם ציל און אויסגעפירט ביזן סוף די שליחות זיינע. אָבער זעקס חדשים זיינען שוין פאַרגאַנגען. ער קומט ניט, און קיינער ברענגט ניט קיין ידיעה פון אים, און דערווייל לאָזט מען דעם פאָטער ניט רוען מיט שידוכים. ווער טראַכט נאָך וועגן דעם פשוטן בחור, וועלכער איז אַוועק אין מרחקים נאָך אַפירשטלעכער קרוין פון אַהעכערער מדרגה?

— איך וועל דיר באַהילפיק זיין, הדסה. דער לערער פון דיקדוק, ווייס אויך די געזעצן, וועלכע מאַכן ציטערן און פלאַטערן די מענטשלעכע הערצער. איך וועל דיר באַהילפיק זיין אויט דאַנקבאַרקייט פאַר דער גאַנצער זוניקייט, וואָס דו האָסט מיר די גאַנצע צייט געגאָסן אין מיין פאַרעלטערט האַרץ אַריין.

— איר באַגליקט מיך און שטילט מיך איין, — הויך געשעצטער לערער. איך האָב דאָס ביי אייך ניט פאַרדינט. אָבער איך האָב געוואוסט: דאָ וועט מען מיך פאַרשטיין און העלפן. און איצטער מוז איך אייך בעטן צו האַלטן דאָס בסוד.

קודם־כּל טאָר דער פאָטער ניט הערן יצחקס נאָמען. דאָס וועט אים נאָר שטויסן דערצו, ער זאָל נאָכגעבן די איינגעגעטענע שדכנים און אַזוי־אַרום מיך פאַרבינדן. צו זיי געהערט אויך דונאַש, וועלכער רעדט מיר אַשידוך מיט איינעם פון אַיידישער פירשטן־משפּחה פון זיין היימישער שטאָט באַגדאַד.

— מיר וועלן דעם סוד טריי היטן, — האָט מנחם בן סרוק געזאָגט, — און וועלן העלפן איינס דעם אַנדערן. די דאָזיקע אויפגאַבע איז מיר נאָך הייליקער דערפֿאַר, ווייל דאָ גייט אין צונישט מאַכן דונאַשס אַ פּלאַן...

נאָך קיינמאָל האָט סרוק ניט געזעען זיין תּלמידה אַזוי שיין ווי אין דעם דאָזיקן נאָכמיטאָג אין דעם נשיאס גאָרטן. און נאָך קיינמאָל האָט ער זי ניט געליבט אַזוי ריין און פֿון טיפֿן האַרצן, ווי אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט אים אַנטפּלעקט איר נשמה, און ער האָט געקענט דערין לייענען, ווי אין אַן אָפֿענעם בוך, אַלע פֿאַרבאָרגענע צייכנס און רמזים. זיין באַשלוס צו העלפֿן דער מיידל אין איר קאַמף פֿאַר איר הייליק רעכט איז געוועזן אַזוי ערלעך און פֿעסט, ווי דער וואונטש, בטל צו מאַכן דעם נייסטן פּלאַן פֿון זיין דם־שונא דונאַש בן לברט.

VI.

אַ האַלב יאָר איז אַריבער, און פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז ניט אָנגעקומען קיין שום ידיעה. ערשט איינמאָל האָבן אין דער הויפּטשטאָט פֿון קאַליפֿאַט קאָרדאָווע זיך געוויזן אויסטערלישע געסט, וואָס זיינען באַלד געוואָרן דער צענטער פֿון אַלעמענס אינטערעס. פֿינף קרעפֿטיקע מענער, אמתע ריזן, אין הויכע ווייסע מיצן פֿון שעפּסנפֿעלץ און אין קריגס־בגדים, וואָס האָבן געפֿינקלט מיט גאָלד. תּיכּף האָבן אַלע זיך דערוואוסט, פֿון וואַנען און צוליב וואָס זיי זיינען געקומען. דאָס זיינען געוועזן שלוחים פֿון ס ל אַ וו אָ נ י ע, וועלכע האָבן געבראַכט דעם קאַליף אַבדול ראַחמאַן גרוסן און צייכנס פֿון אָנערקענונג פֿון דעם קיניג מ ו נ ס י מ י ר. דאָס יונגע קיניגרייך האָט געהאַט דורכגעמאַכט שווערע מלחמות, וועלכע האָבן אים לסוף געבראַכט די אויסלייזונג פֿון ביזאַנטישן יאָך און די מלוכישע זעלבשטענדיקייט; האָט מונסימיר זיך איצט געוואָלט אויך באַוואָרענען מיט דער פֿריינדשאַפֿט פֿון אַנדאַלוזיע, בפֿרט אַז זייער שותּפֿישער שונא, דער רויבדאָרשטיקער דוכּס פֿון ווענעציע, האָט געהאַלטן זיי רויבעריש אויג אויף סלאַוואָניע. אַ בונד פֿון פֿריינדשאַפֿט

מיט אַבדול ראַחמאַנען וואָלט לויט דער מיינונג פון די סלאַוואָ־ניער אי פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע פון סלאַוואָניע בנוגע ביזאַנ־טיע, אי געהאַלטן ווענעציע אין דער געהעריקער צאַם.

— און וואָס קענט איר אונז פאָרלייגן דערפאַר? — האָט געפרעגט חסדאי, וועלכער האָט אין אויפטראָג פון דעם קאַליף געפירט די אונטערהאַנדלונגען.

— אויב עס זיינען ווייניק די גאַראַנטיעס, וואָס דרינגען פון דעם שותּפישן בונד אַרויס פאַרביידע מדינות און פאַר זייער שוץ לגבי דער פראַנקישער אימפּעריע, דעם דוכּס פון ווענעציע און אַנדערע, — האָט דער פירער פון די סלאַוואָניער געענטפערט,—איז אונזער פלאַכלאַנד ביים דונאַי און דער סאַווע רייך אין תבואה, ווייַן און וואַלד, און מיר זיינען גרייט אויך צו געבן פון אונזער מותרות אין גאָלד און אַרץ, וואָס אונזערע שיפן וועלן ברענגען פאַר קאָרדאָווע דורך דעם אַדריאַטישן און מיטללענדישן ים ביז צו דעם שפּאַנישן ברעג.

לאַנג האָט מען אַרומגערעדט די פּרטים פון דעם אָפּמאַך. און אַז ער איז געוואָרן אונטערגעשריבן און געחתמעט מיט דעם חותם פון ביידע הערשער, איז דער פירער צוגעגאַנגען צו חסדאין און האָט אים אָנגעטאָן אויפן האַלז אַ גילדערנע קייט, רייך באַזעצט מיט דימענטן.

— אַדאַנק פון דעם קיניג מונסימיר פון סלאַוואָניע פאַר אַבדול ראַהמאַנס קלוגן ראָטגעבער, וועלכער האָט דורכגעפירט און באַוואָרנט דעם בונד פון פריינדשאַפט.

חסדאי האָט פון זיין זייט איבערגעגעבן דעם קאַליפס מתנות פאַר דעם קיניג מונסימיר און די שלוחים זיינע. זיי האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן דעם גרויסן זאַל, ערשט די טיר האָט זיך ווידער געעפנט און צוויי פון די שלוחים זיינען ווידער אַרייַנ־געקומען און עפּעס אומזיכער צוגעגאַנגען צו דעם מיניסטער.

— מיר האָבן נאָך אַ ספּעציעלע שליחות. — האָט איינער פון זיי אָנגעהויבן, —אָבער שוין ניט צו דעם קאַליפס ערשטן ראָטגעבער, נייערט צו דעם נשיא.

חסדאיס פּנים האָט אויסגעדריקט ערשטוינונג:

— וואָס ווייסן די שלוחים פון סלאַוואָניע וועגן דעם נשיא? זייט איר יידן?

— יאָ, מיר צוויי, — האָט זיך אָפּגערופן דער צווייטער,— מיין נאָמען איז שאול און יוסף הייסט מיין פריינד, און אָט איז דער בריוו, וואָס מיר האָבן אייך איבערצוגעבן.

דער נשיא האָט געעפנט דעם פאַרחתמעטן בריוו. פון דעם קאָנווערט איז אַרויסגעפאַלן נאָך אַ בריוו. אַ פאַרמאַכטער, מיט דעם הערב פון דעם ביזאַנטישן קיסר. דער אַנדער געעפנטער בריוו איז געווען געשריבן מיט אַ באַקאַנטן כּתב.

— אַ בריוו פון יצחק בן נתן! — האָט חסדאי איבער־ראַשט אויסגערופן, — פון דעם שליח, וואָס מיר האָבן געשיקט איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין כאַזאַריע! האָט איר אים געטראָפן? וואָס ווייסט איר פון אים?

דער סלאַוואָניער האָט געענטפערט:

— ער איז געווען ביי אונז אין סירמיום און איז זייער דערשלאָגן. ער רעדט ניט איבער ביזאַנטיע און דעם קיסר, אָבער ער קען ניט באַהאַלטן זיין פאַרביטערונג. דאָס איבעריקע איז ער אייך מודיע אין זיין בריוו, און דאָ איז אויך בייגעלייגט דער בריוו פון קיסר ראָמאַנוס צו דעם נשיא. ער, יצחק אַליין, האָט אים געדאַרפט ברענגען, אָבער וואָס מיר האָבן אים ניט צעבעטן, ער זאָל מיטפאָרן מיט אונז קיין קאָרדאָווע, האָט ער גאָר דערפון ניט געוואָלט הערן. ער איז פון אונז אַוועק צו דרום־מזרח קיין אונגאַרן, וואו ער וויל אויסוואַרטן אַ שעת־הכּשר צו דערגרייכן זיין ציל דורך די קאַרפּאַטן. אומעטום, אין סלאַוואָניע און אונגאַרן, געפינט ער יידן און מ'נעמט אים גוט אויף.

חסדאי אבן שפרוט איז אַדורכגעלאָפן יצחקס בריוו און אויך דעם כּתב פון ביזאַנטישן קיסר און זיין פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ פינסטערן וואָלקן.

— איך בעט אייך, — האָט דער נשיא געזאָגט,— בלייבט נאָך היינטיקן טאָג אין קאָרדאָווע און זייט געסט ביי מיר אין הויז, ביז מיר וועלן אין דער ישיבה באַשליסן, וואָס מיר האָבן

צו טאָן. אפשר האָט אייך די השגחה געשיקט אַהער, איר זאָלט אונז העלפן אין אונזערע באַמיִונגען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

מנחם בן סרוק, וועלכער איז אויך געווען ביי דעם אויפּ־נעם, איז אַרויס נאָך דיביידע מענער אויף דער גאַס, האָט זיי שטיל גענומען אונטערן אָרעם און דורך די בליענדיקע אַלעען אין גאָרטן דורכגעפירט זיי ביז דעםביידל.

— הדסה! — האָט ער שטיל אַ רוף געטאָן אין גאָרטן אַריין, — באַגריס די שלוחים פון הימל, זיי ברענגען פרישע נייס פון יצחק בן נתן.

ווי אַ אינד איז די מיידל געקומען צו היפּן איבער די גרינע בייטן און האָט מיט ברענענדיקע אויגן אָנגעקוקט די פרעמדע מענער.

— זיי קומען פון מרחקים און ברענגען גרוסן פון יצחקן, — האָט סרוק נאָכאַמאָל געזאָגט.

— זייט וואוילגעקומען, איידעלע מענער, וואָס איר ברענגט פריילעכע נייס, — האָט הדסה געזאָגט. — וואָס ווייסט איר פון יצחקן?

דער עלטערער פון די צוויי, שאול, האָט געענטפערט:

— יצחק בן נתן האָט אונז געבעטן איבערצוגעבן זיינע גריסן דער שענסטער יונגפרוי פון אַנדאַלוזיע און זאָגן איר, אַז דער מירטנבוים אין גאָרטן זאָל בלייבן ניט גערירט, ביז ער וועט קומען און אים דערלאַנגען.

— וואו איז ער און וואָס האָט ער בדעה צו טאָן?

— מיר וועלן אים שוין מער מסתמא ניט טרעפן, אַז מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים, ווארעם ער האָט זיך געקליבן צו מזרח קיין אונגאַרן, צו די קאַרפּאַטן. אָבער דער וועג צווישן סלאַוואָניע און אונגערלאַנד איז באַלעבט און ער וועט שטיין מיט אונז אין פאַרבינדונג.

— טאָ גיט אים צו וויסן: די מירטע בלייבט אומבאַרירט און וואַרט אויף אים — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אַ שעה שפּעטער זיינען אַלע לומדים און פּני פון קאָרדאָווע געווען פאַרזאַמלט אין דער ישיבה פון ר׳ משה בן חנוך.

אויך די צוויי סלאַוואָנישע שלוחים, שאול און יוסף, זיינען געווען צווישן די פאַרזאַמלטע. דער נשיא האָט פאָרגעלייענט דעם בריוו פון ביזאַנטישן קיסר. ראָמאַנוס האָט געשריבן אין העפלעכע ווערטער, אַז ער איז געווען גרייט אַלץ צו טאָן צו דערפילן חסדאיס וואונטש און האָט געוואָלט העלפן זיין אויסגעצייכנטן שליח, יצחק בן נתן, דורכצושלאָגן זיך קיין כאַזאַריע. אָבער די אומשטענדן זיינען ביזאהער געווען ניט קיין גינסטיקע. און נאָך אַ האַלב יאָר וואַרטן האָט ער געמוזט איינזען, אַז דער פּלאַן האָט זיך ניט איינגעגעבן און יצחק מוז זיך אומקערן אַהיים, ניט האָבנדיק אויסגעפירט זיין שליחות. דער וועג קיין כאַזאַריע איבער דער יבשה גייט דורך די לענדער ביים ברעג פון שוואַרצן ים, וואו עס ווילדעווען איצט אומעטום בלוטיקע מלחמות און די גרענעצן זיינען סגור ומסוגר, און פאָרן איבערן ים איז ביי הייַנטיקער צייט נאָך געפערלעכער צוליב שטורעמס און ים־רויבער. דעריבער און אויך מחמת אַ סך אַנדערע טעמים...

דער נשיא האָט שוין ווייטער ניט געלייענט און אַ וואָרף געטאָן דעם בריוו אויפן טיש.

— דאָ שטעקט אַ שפּיצל, דערצו נאָך אַן עכט ביזאַנטיש שפּיצל, — האָט חסדאי זיך געקאָכט. — ראָמאַנוס געטרויט ניט אונזער פאַרבינדונג מיט כאַזאַריע, ער איז חושד, אַז דאָס איז אַ אַנדאַלוזישער פּלאַן קעגן זיינע צילן, וויל ער אונז איבערקליגן און פאַרשלעפּן אונזער אונטערנעמונג, אַז זי זאָל סוף־כל־סוף בטל ווערן. דער בייגעלייגטער בריוו פון יצחק בן נתן באַשטעטיקט אונזער סברא, הגם ער זאָגט זיך ניט אַרויס אַזוי דייטלעך, צוליב גאַנץ פאַרשטענדלעכע טעמים.

ער וואָלט אַליין — האָט יצחק געשריבן — ברענגען צו פירן דעם קייזערלעכן בריוו, וואָרעם צוליב טעמים, וועלכע עס איז ניט שווער צו טרעפן, האָט ער, נאָך זעקס חדשים וואַרטן און האַרן, באַקומען אַ פאַראָרדענונג צוריקצוקערן זיך אַהיים. ער

האָט זיך אָבער ניט געוואָלט ווייזן פאַר דעם נשיא און זיין עדה, גאָרנישט האָבנדיק אויפגעטאָן. דעריבער איז ביי אים געבליבן מיט דער ערשטער געלעגנהייט אָפצושיקן דעם קייזערלעכן בריוו קיין קאָרדאָווע. ער אַליין אָבער וועט נאָך וואַרטן ביי דער פעלקער-גרענעץ, ביז עס וועלן ווייען גינסטיקע ווינטן... ער האָט דאָך גענומען אויף זיך אַ נדר, און האָט געשוואוירן...

בשעת דעם קיסרס בריוו האָט דערוועקט עגמת-נפש און פאַרביטערונג, האָבן די פשוטע, קורצע ווערטער פון יצחקן ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַ געפיל פון אַן אמתן נחת-רוח. הונדערט הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו ר׳ נתנען אָפצוגעבן אים מזל-טוב פאַר דער מוטיקער גבורה פון זיין זון, זיין איינציק קינד.

אַלע האָבן איינגעשטימט מיט דעם נשיאס מיינונג בנוגע די כוונות און טונקעלע פלענער פון די ביזאַנטינער.

וואָס-זשע טוט מען איצטער?

איידער מ׳איז נאָך צוגעטראָטן אַרויסצוזאָגן זיך אין דעם ענין, האָט געבעטן אַ וואָרט דער עלטערער פון די פרעמדע שלוחים, שאול, וואָס זיין הויכע געשטאַלט אין דעם סלאַוואָנישן מלבוש האָט זיך דערהויבן איבער דעם גאַנצן עולם. ער האָט גערעדט אין אַ קלאָרן לשון-קודש, אַזוי אַז ניט קוקנדיק אויף זיין מערבדיקער אויסשפּראַך האָבן אים אַלע פאַרשטאַנען.

— זאָל מיר, אַ פרעמדן, וואָס איז געקומען אַהערצו אין שליחות פון זיין קיניג און זיין לאַנד, געגעבן ווערן רשות קודם-כל איבערגעבן דעם גרוס פון די סלאַוואָנישע יידן דער דער-לויכטענער קהילה פון קאָרדאָווע, איר נשיא און אירע מנהיגים. וואָס איז שייך צו כ אָ ז אַ ר י ע, האָבן מיר אין סלאַוואָניע אויך געהערט פון די דאָזיקע נייע ברידער אונזערע, אָבער אויף זיכער האָבן מיר גאָרנישט געקענט דערגיין. אלדד הדני איז אויך ביי אונז געווען, אָבער זיינע דערציילונגען האָבן געקלונגען צו אויס-טערליש און אומגלויבלעך. אָבער אַן אַנדער חשובער מאַן, מיטן נאָמען ר׳ ע מ ר ם, האָט ביי אונז פאַרבראַכט; ער איז ניט איינ-מאָל געווען פאַרבעטן צום טיש ביי דעם יידישן קיניג פון די כוזרים און האָט זיך ניט געקענט גענוג אָנדערציילן פון דער

פראַכט און פרומקייט פון דעם דאָזיקן יידישן מלכות. אויך ביי אונז רעדט מען פון די עשרת השבטים און פון דער נאָענטער גאולה דורך די כוזרים, אָבער אויף באַשטימט ווייס קיינער גאָרנישט... מיר אין סלאַוואָניע, ווי אויך אין די פראַנקישע און גערמאַנישע לענדער, זיינען אַגב צו ווייניק אין צאָל און קראַפט און אונזער לעבן איז צו אומזיכער צווישן דער גנאָד און אומגנאָד פון די מושלים, אַז מיר זאָלן קענען איינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט כאַזאַריע. די דאָזיקע אויפגאַבע פאַלט אויס אויף קאָרדאָווע, דער עיר ואם בישראל, און אויף דעם יידישן פירשט חסדאי אבן שפרוט, און מיר זעען טאַקע, ווי וואַרעם דאָ שלאָגט דאָס האַרץ פאַר אַלע אונזערע פאַרוואָגלטע ברידער. מעג איך, דער געמיינסטער און קלענסטער צווישן די אלפים פון יהודה, זיך דערוועגן עפּעס פאָרצולייגן?

— מיר בעטן אונזער ליבן גאַסט און ברודער שאול, ער זאָל אונז לאָזן הערן זיין עצה.

שאול האָט ממשיך געווען זיין רעדע:

— דער פירשט אין ישראל, וואָס אויף אים האָט אַראָפּגענידערט דער אָפּגלאַנץ פון דעם אַלטן בית דוד, זאָל אָנשרייבן אַ באַגריסונגס־בריוו צו דעם מלך פון כאַזאַריע און חתמענען אים מיט דער אייגענער האַנט און מיט דעם פירשטלעכן זיגל. מיר אין סלאַוואָניע וועלן נעמען אויף זיך צו באַזאָרגן דעם בריוו ווייטער, אַפּריער קיין אונגאַרן, מיט דער בקשה צו די ברידער דאָרטן, זיי זאָלן אים איבערגעבן קיין בולגאַריע, און פון דאָרטן וועט ער ווייטער און וואַנדערן איבער די אַלע רוסישע לענדער, פון יידישער האַנט צו יידישער האַנט, ביז ער וועט אָנקומען צום ציל.

אַ פייערלעכע רו האָט געהערשט, בשעת שאול האָט גערעדט, און אַז ער האָט געהאַט געענדיקט, האָט נאָך אַ ווײַלע געדויערט די שטילקייט. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט צו דעם נשיא. דער נשיא האָט געזאָגט מיט אַ געהויבענער שטים:

— געבענטשט זייט, איר שלוחים פון גאָט, וואָס ער האָט אייך אַהער צוּרעפּגעשיקט אונז אָנצוּווייזן דעם ריכטיקן וועג.

און זיך ווענדנדיק צו מנחם בן סרוק, האָט ער מוסיף געווען:

— דו, מנחם, וועסט אונז מיט דעם גאַנצן כּוח פון דיין שפּראַך העלפן צונויפצושטעלן דעם בריוו צו דעם קיניג יוסף פון כּאָזאַריע. נאָך היינט וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

נאָר ווייניקע האָבן באַמערקט, ווי ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זיך איינעם געביטן די פאַרב אין פּנים. דונאַש בן לברט האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג צוליב דעם כּבוד, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם ריוואַל זיינעם, און זיין כּעס איז געווען ניט אויף דעם נשיא, וועלכער האָט אים, דונאַשן, מבטל געמאַכט, נייערט אויף מנחמען, און ער האָט אין זיין נשמה געשוואָרן זיך צו נוקם זיין אין אים פאַר זיין פאַרשוועכטן דיכטער-שטאָלץ.

VII.

מנחם בן סרוק, וועלכער האָט געוואוסט, ווי אָפּצושאַצן דעם כּבוד, וואָס מ'האָט אים אַרויסגעוויזן, האָט ביז טיף אין דער נאַכט אַריין געאַרבעט ביי דעם נשיא, דערנאָך ביז איבערדערפרי איבערגעשריבן אויף ריין דאָס שוואַרצגעשריפטס, און אויף מאָרגן האָט ער דערלאַנגט זיין האַר אַ כּתב, געשריבן פיין און ריין און קונציק; דער נשיא איז געווען אַנטציקט.

די ווענדונג צו דעם קיניג האָט פאַרנומען ביי אַ פינפטל פון דעם כּתב — אַ גרוס אין געגראַמטע חרוזים צו דעם מעכטיקן קיניג, וואָס זיין פראַכט און מאַכט דערמאָנט אָן דעם אַמאָליקן גלאַנץ פון יהודה און וועקט אין דעם שארית ישראל ווידער אויף אַ האָפענונג אויף דער אויפריכטונג פון מלכות בית דוד. קונציק האָט זיך געפלאָכטן אַ זאַץ מיט אַ זאַץ, דורכגעוועבט מיט הייסע ברכות פאַר דעם גליק פון כּאָזאַריע און פאַר דעם נצחון פון זיין ריי-נעם כּלי-זיין, און פון יעדן וואָרט האָט אַרויסגעלויכטן אַ פייער-דיקע בענקשאַפט נאָך דער דערלייזונג פון ישראל אויס אַלע צרות און לייד.

דערנאָך זיינען געגאַנגען פסוקים, פול מיט עניוות און געטריישאַפט, וואו חסדאי האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס ראש־גולה פון די יידן אין קאָרדאָווע און ספרד, וועלכער בוקט זיך פון דער ווייטער ערד פאַר דעם טרוינשטול פון דעם מעכטיקן מלך של חסד. — — —

דערנאָך האָט זיך אין אַלגעמיינע שטריכן און אין אַ מחיה־דיקן לשון, וואָס האָט ערטערווייז דערגרייכט צו נביאישער קראַפט, אָנגעהויבן אַ שילדערונג פון די צרות און יסורים, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז זיך אויסגעשטאַנען זינט דעם חורבן פון דער מלוכה.

„אַז גאָט האָט געזעען אונזער פיין, האָט ער אונז צוגעשיקט אַ ישועה, און מיך, חסדאי אבן שפּרוט הקטן געגעבן לייטזעליקייט אין די אויגן פון דעם מלך פון לאַנד, ניט פאַר מיין צדקות, נייערט צוליב זיין גנאָד און זיין בונד מיט ישראל.״ —

„זאָל מיין האַר און קיניג וויסן זיין, אַז דער נאָמען פון דעם לאַנד, וואו מיר לעבן בשלום ושלווה, איז ספרד און אין דעם לשון פון די ישמעאלים, די זיצער פון דעם לאַנד, אַ נ ד אַ ל ו ז י ע; דער נאָמען פון דער הויפּטשטאָט הייסט קאָ ר ד אָ ו ו ע, וואָס פאַרנעמט 25,000 איילן אין דער לענג און 10,000 איילן אין דער ברייט. אַנדאַלוזיע ליגט לינקס פון דעם ים הגדול, וואָס גרייכט ביז אייער לאַנד — און רינגלט אַרום די גאַנצע ערד״.

נאָך אַ גענויער שילדערונג פון דער געאָגראַפישער לאַגע און פון די קלימאַטישע באַדינגונגען פון דעם לאַנד, ווי אויך פון די זעלטענע מעלות פון דעם קאַליף אַבדול ראַחמאַן, וואָס „האָט ניט זיין גלייכן צווישן די הערשער פון שפּאַניע און דער גאַנצער וועלט״, איז אין בריוו געשטאַנען געשריבן:

„אונזער לאַנד איז פעט און רייך אין טייכן און קוואַלן, אין תבואה, אין ווין און אייל, אין סעדער און גערטנער מיט כל המינים פרוכט, און כל המינים האָלץ, און אויך אין זיידנס. פון די בערג באַקומט מען אַרויס

זילבער און גאָלד און קופּער און אייזן און בליי און טייערע שטיינער. סוחרים פון אַלע טיילן וועלט און פון די אינזלען פון אַלע ימען שטראָמען אַהער, כדי אויסצובייטן זייערע סחורות אויף אַנדערע. די עשירות פון דער מדינה האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה ווי נאָך קיינמאָל ניט. אונזער האַנדל באַטרעפט הונדערטער טויזנטער גולדן אַ יאָר. אַלע פּאָליטישע און קאָמערציעלע געשעפטן גייען דורך מיין האַנט, אַ שבח והודיה דערפאַר דעם אייבערשטן, וואָס האָט מיך געבענטשט מיט זיין חסד! די מלכים פון דער ערד זוכן די פריינדשאַפט פון מיין האַר און באַשענקען אים מיט מתנות. סיי דער מלכות פון רוים, סיי די מלכים פון סלאַוואָניע און בולגאַריע, און אויך דער קיסר פון ביזאַנטיע. אַלע זייערע גרוסן און מתנות גייען דורך מיין האַנט, און זייערע שלום-אָפּמאַכן ווערן געחתמעט פון מיר. אַלויב און אַדאַנק דעם אייבערשטן, וואָס האָט גענייגט צו מיר זיין חסד, ניט צוליב מיין צדקות, נייערט צוליב זיין גרויס דערבאַרעמדיקייט! — — —

„איך אָבער, דער קנעכט פון דעם אייבערשטן, ווייס, וואָס פאַר אַהייליקן חוב דער בורא האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט דורך די דאָזיקע זכיות. דערום פרעג איך די שלוחים, מיט וועלכע איך פיר אונטערהאַנדלונגען, קודם-כל אויס וועגן דעם מצב פון אונזערע ברידער אין אַלע לענדער, און איך רו ניט און ראַס ניט, וואו איך גיב ניט קיין הילף און קיין ישועה, דאָרט, וואו עס איז נייטיק. — — —

„אזוי בין איך אויך דערגאַנגען ביי די שלוחים פון די מזרח-לענדער וועגן דער יידישער מדינה אונטערן נאָמען כ אָ ז אַ ר י ע. איך האָב ניט געטרויט מיינע אויערן און האָב געמיינט, אַז מיט אַזעלכע רייד זיינען זיי נאָר אויסן זיך איינצוקויפן ביי מיר אין גנאָד. זיינען אָבער אַהערצו אָנגעקומען שלוחים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און זיי האָבן באַשטעטיקט, אַז באמת איז פאַראַן אַזאַ יידישע

מלוכה אונטער דעם נאָמען כאַזאַריע און אַז דער מהלך צווישן דעם דאָזיקן לאַנד און קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיטן ים און ביי גוטע ווינטן געדויערט נאָר פופצן טעג, אָבער אויף דער יבשה דערצווישן לעבן ווילדע און קריגערישע פעלקער. ווייטער האָבן זיי מיר דערציילט, אַז דער נאָמען פון דעם הערשער, וואָס קיניגט דאָרטן, איז יוסף, און אַז אַ סך שיפן קומען פון דאָרט אָן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָנגעלאָדן מיט פיש, פעל און אַנדערע סחורות פון כל המינים. זיי האָבן אויך איבערגעגעבן, וואָס פאַר אַ כבוד און אַכטונג די כוזרים האָבן אומעטום און ווי אַזוי אַלע שונאים זייערע פון אַרום און אַרום האָבן פאַר זיי מורא מחמת זייער גבורה און שטאַרקן חייל. — — —

„ווי איך האָב דאָס אַלץ געהערט, האָב איך זיך אָנגעגורט מיט קראַפט און מיינע הענט זיינען שטאַרק געוואָרן און מיין האָפענונג איז אויפגעגאַנגען און איך האָב זיך מיט אַ שבח והודיה געבוקט צו דעם רבונו של עולם. דאַן האָב איך אָנגעהויבן אַרויסצוקוקן אויף אַ שליח, וועלכער זאָל קענען אוועקפירן אַהינצו אונזער בשורה. נאָך אַ לאַנגן זוכן און וואַרטן האָב איך געפונען אַ בחור פון אונזער סביבה, מיטן נאָמען יצחק, דער זון פון ר׳ נתן, וואָס האָט זיך אונטערגעשטעלט אויף דער ווייטער נסיעה“. — — —

ווייטער האָט דער בריוו באַריכות דערציילט, ווי אַזוי יצחק איז אַרויסגעפאָרן מיט טייערע מתנות און אַ באַגריסונגסבריוו צו דעם קיסר פון ביזאַנטיע, ווי אַזוי דער שליח האָט אין אַ האַלב יאָר צוריקגעקערט זיך, ניט אויסגעפירט די שליחות, מיט אַ בריוו פון ביזאַנטישן קיסר, אַז דער ים איז צו שטורעמדיק און דער וועג דורך דער יבשה צו געפערלעך. עס ווערט געשילדערט דער צער און די אויפרעגונג פון דעם נשיא, וואָס דער קיסר האָט געבראָכן זיין וואָרט.

„דאָ האָט גאָט אין זיין גנאָד אונז צוגעשיקט מיט אַ שליחות פון סלאַוואָניע צוויי פון אונזערע ברידער,

מיטן נאָמען שאול און יוסף. זיי האָבן זיך אָנגענומען מיטצונעמען דעם דאָזיקן בריוו אין זייער לאַנד אַריין און באַזאָרגן אים פון דאָרטן מיט דער הילף פון אונזערע ברידער פון איין לאַנד ביז דעם אַנדערן, ביז ער וועט אָנקומען אין די הענט פון מיין האר און קיניג אין כאַזאַריע. הלוואי זאָל דער שעפער פון הימל און ערד באַגליקן אונז אין דער דאָזיקער זאַך". — —

„גאָט, וואָס פרוווט די הערצער און פאָרשט די נירן, ווייס, אַז דאָס אַלץ האָב איך אונטערגענומען ניט פון מיין כבוד וועגן, נייערט כדי צו דערפאָרשן און דערגיין דעם אמת, צי לעבט ווירקלעך נאָך ערגעץ-וואו אויף גאָטס ערד אַ איבערבלייב פון ישראל אין שלום און אין זעלבשטענדיקייט, ניט אונטער דער הערשאַפט פון פרעמדע. און ווען איך וואָלט געוואוסט אויף געוויס, אַז דאָס איז אמת, וואָלט איך פאַרלאָזט מיין הויז און מיין הויף, מיין כבוד און מיין טיטל און וואָלט געוואַנדערט איבער בערג און איבער טאָלן, דורך דעם ים און דער מדבר, ביז צו דעם טרוינשטול פון מיין קיניג, צו זעען מיט מיינע אויגן זיין גלאַנץ און זיין גדולה, און די מנוחה פון פּליטת ישראל. זעענדיק זיין גלאַנץ, וואָלטן מיינע אויגן ליכטיק געוואָרן, מיין נשמה וואָלט געשאַלט פאַר שמחה און מיינע ליפּן וואָלטן געלויבט דעם אייבערשטן, וואָס טוט ניט אָפּ זיין גנאָד פון זיין פאָלק." — —

„און איצט, אויב דער קיניג וועט טאָן באַווילן און ער וועט זיין גנעדיק צו זיין דינער, זאָל ער באַפוילן זיינע שרייבער, זיי זאָלן אָנשרייבן צו מיר, זיין קנעכט, אַ תשובה און אויסשרייבן דעם שורש פון דער זאַך און דעם גאַנצן גרונד דערפון".

„ווייטער איז אונזער בקשה, אַז מיין האר זאָל מיר געבן צו וויסן, צי איז ביי אייך פאַראַן אַ ידיעה וועגן דעם חשבון פון דעם קץ, וואָס מיר וואַרטן שוין אויף אים אַזוי פיל, און ווי קען דאָס יידישע פאָלק אין גלות נאָך ווײַ-

טער פּאַרטראָגן, ווען מ'האַלט אים אַלע ווײַלע פיר: „אַלע אומות האָבן זייער מלכות, נאָר איר זייט פרעמדע אויף גאָטס ערד!" דערפאַר איז נאָך גרעסער געווען אונזער שמחה, ווען מיר האָבן געהערט פון דער יידישער היים און דער יידישער מלוכה אין כאַזאַריע און פון דער קראַפט און גדולה פון אונזער האַר און קיניג, וואָס דע־רויף קענען מיר איצט אָנווייזן אונזערע שונאים. הלוואי זאָל גאָט געבן, אַז די ידיעות זאָלן זיך אַרויסווייזן פאַר אמת, ווער דורכדעם אויך וואַקסן אונזער קראַפט און אונזער גדולה. געלויבט איז דער גאָט פון ישראל, וואָס שיקט אונז צו אַ נחמה און לאָזט ניט אָפּמעקן די לעצטע שפּור פון גדולה ביי די שבטים פון ישראל. לעבן זאָל אונזער האַר און קיניג לעולם ועד"! — —

„דאָס, וואָס אין דעם בריוו זיינען מער ניטאָ קיין פראַגן, איז עס דערפאַר, וואָס איך האָב מורא געהאַט, צו באַמיען דעם קיניג מיט אַ סך רייד.—און טאָמער געפעלן ניט די ווערטער מחמת זייער אומקלאָרקייט, דאַרף דער גרוי־סער קיניג האָבן אין זינען, אַז זיי קומען פון אַ מענטשן, וואָס זיינע אויגן האָבן ביז אַהער געזען נאָר די צרות און דאָס שפלות פון גלות, וואָס דאָס צעמישט די רעיונות און באַטריבט דאָס אויג. און הלוואי זאָל באַשערט זיין גדולה און שלום דעם האַר און קיניג מיינעם, ווי אויך זיינע קינדער און קינדסקינדער, זיין הויז און זיין כסא מלכותו לעולם ועד, און הלוואי זאָל ער פאַרלענגערן זיינע טעג אין זיין קיניגרייך, ער און זיינע זין צווישן ישראל!"

אַז מ'האָט דעם בריוו איבערגעלייענט אין דער ישיבה, האָט דער עולם כמעט יעדעס איינציק וואָרט אויפגענומען מיט התלהבות און פרייד. ביים איבערגעבן דעם טייערן כתב די סלאַוואָנישע שלוחים, האָט דער נשיא און ר' משה בן חנוך זיי נאָכאַמאָל געגריסט און געדאַנקט אין נאָמען פון דער קהילה קאָרדאָווע.

דונאַש בן לברט האָט אין דעם דאָזיקן אָוונט געפעלט אין דער ישיבה.

.VIII

וואָכן און חדשים זיינען אַריבער, זינט די שלוחים פון סלאַוואָניע האָבן אַוועקגעפירט דעם בריוו אין דער ווייטער וועלט אַריין. דער דאָזיקער בריוו האָט געדאַרפט זיין אַ נייער פּרווושטיין פאַר דער אחדות פון ישראל אין גלות. אַ גרוס פון יידישע הערצער, וואָס האָט געדאַרפט בייקומען אַלע מרחקים און אָנזאָגן אַלע פאַרוואָגלטע, אַז די יידישע אחדות איז נאָך אַלץ פאַרבונדן איבער ימען און לענדער.

די שלוחים האָבן צוגעזאָגט צו באַזאָרגן דעם בריוו קיין אונגאַרן צוזאַמען מיט דער בקשה, אַז פון דאָרטן זאָל מען אים לאָזן ווייטער גיין קיין בולגאַריע, און פון בולגאַריע קיין רוסלאַנד, אַזוי לאַנג, ביז ער וועט קומען קיין כאַזאַריע... מ׳האָט שוין געדאַרפט זיך פאַרלאָזן אויף דעם ברודער־געפיל אומעטום...

פון יצחק בן נתן האָט מען מער גאָרנישט געהערט, און אַזוי זיינען געגאַנגען וואָכן נאָך וואָכן, חדשים נאָך חדשים.

אין דעם נשיאס פּרדס האָבן האַרבערע ווינטן שוין גע־וויט דורך די געלע צווייגן, די רעגנצייט איז געקומען. די מירטנבלעטער האָבן געשימערט אין פייכטן גרינס, אַזוי ווי פאַר־וויינטע מענטשלעכע אויגן.

אויך דער גלאַנץ אין הדסהס אויג איז ניט געבליבן קיין סוד פאַר איר פאָטער, און ער האָט געטראַכט, אַז ס׳איז שוין צייט אַריינצופירן זיין טאָכטער אין דעם איינגערוּקטן האָפן פון אַן אייגענער היים; וויפיל דען איז דער שיעור אַרומצופלאַטערן אין רעיונות און טרוימערייען, אין די גייסטיקע עולמות, ניט באַרירנדיק זיך מיט דעם טאָגטעגלעכן לעבן? די בעסטע זין פון גראַנאַדע און טאָלעדאָ האָבן געזוכט איר האַנט און געשיקט שדכנים מיט מתנות און בריוו צו דעם נשיא אין הויז אַריין. אַפילו צום גאונאַט אין בבל האָט געגרייכט דער שם פון דעם

נשיאס בת־יחידה, און ר׳ שרירא, דער גאון פון פומפּידיתא, האָט אין אַ אייגנהעגטיקן בריוו אָנגעפרעגט, צי ער, דער נשיא חסדאי, וואָלט גרייט זיין צו לאָזן זיין טאָכטער פאָרן קיין בבל.

עס איז געווען באַשײנפּערלעך, אַז ער האָט דערביי קיין אַנדערן ניט געהאַט אין זינען, ווי נאָר זיין אייגענעם זון ר׳ האי, וואָס האָט שוין דאַמאָלסט געהאַט אַ שם אין אַלע לענדער; או־מעטום האָט מען אים געהאַלטן פאַר דעם קומענדיקן גאון פון פומפּידיתא.

דונאַש בן לברט ווידער האָט זיך געמיט פאַר דעם זון פון דעם פירשט יחיאל פון באַגדאַד, וואָס האָט געפירט זיין יחוס ביז הלל הזקן און דוד המלך און איז געווען גרייט אַריבערציען זיך קיין קאָרדאָווע, צוליב דער ירידה פון תורה און חכמה אין באַגדאַד.

אַזוי ווי חסדאי האָט ניט געהאַט קיין בנים זכרים, האָט דונאַשס ווייטער קוק שוין אפשר גאָר געזען דעם פירשטנזון פון זיין געבוירנשטאָט באַגדאַד אויף דעם פירשטלעכן שטול פון קאָר־דאָווע אַלס איידעם און יורש פון חסדאי מזרע המלכות.

אויסצוקלייבן צווישן פומפּידיתא און באַגדאַד איז חסדאין אָנגעקומען שווער. דאָס גאונות — די העכסטע קרוין, וואָס דאָס יידנטום האָט געהאַט צו שענקען — האָט אים געגוג געצויגן. אָבער פאַר דעם דאָזיקן כבוד האָט מען געדאַרפט באַצאָלן אַ צו טייערן פּרייז: צעשיידן זיך מיט זיין געליבט אייגציק קינד. אגב, וואָלט דעם קאַליף אַבדול ראַחמאַן ניט געשמעקט די פאַרבינדונג מיט באַגדאַד, פונקט ווי די פאַרבינדונג מיט בבל. וואָס איז שייך דעם באַגדאַדער יחוסדיקן חתן מזרע המלכות, האָט מען פון זיינע פּערזענלעכע מעלות ביז אַהער געוואוסט אַזוי ווייניק, אַז חסדאי האָט זיך ניט געאײלט אָנצונעמען אַ באַשלוס און איז געווען פאַרזיכטיק.

דורך די דאָזיקע פּלענער האָט הדסה דורכגעצויגן אַ שטריך מיט איר צוריקגעהאַלטענער באַנעמונג. אויף דעם פאָטערס אַלע גוטע ווערטער און איינריידענישן איז איר אויער געבליבן טויב און איר מויל — שטום. שטיל, אַזוי ווי איר וואָלט עס גאָרניט

אָנגעגאַנגען, האָט זי אויסגעהערט אַלע שיינע רייד וועגן דעם ליכטיקן גאון, אָדער וועגן דעם כּבוד פאַרקנסט צו ווערן מיט אַ שפּראָץ מזרע המלכות. אין דער שטילער סוכּה, אַרומגערינגלט פון מירטנביימער, האָט זי שטיל פאַר זיך געזונגען:

צי מיך אוועק,
איך וויל איילן נאָך דיר — —
און ווען דער קיניג זאָל ברענגען מיך
אין זיין פּאַלאַץ אריין,
וואָלט איך פריילעך און לוסטיק זיין
נאָר מיט דיר!..

חסדאי איז צו פיל געווען פאַרנומען מיט זיין קאַליף, מיט זיינע עניני המלכות און מיט זיין פאָלק, אַז ער זאָל האָבן צייט אויערן און אויגן פאַר די שטילע רעגונגען אין דער נשמה פון זיין קינד. און באַמערקנדיק, ווי זי האָט זיך פאַרענדערט, איז ער געשטאַנען ווי פאַר אַ רעטעניש, און געזוכט דעם באַשייד דערפון אויף פאַלשע וועגן.

און אין דער סביבה פון דעם פירשט האָבן ניט געפעלט קיין מענטשן, וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט צו האַלטן אים אויף די דאָזיקע פאַלשע וועגן און פירן אים ווייטער אויף זיי.

איינמאָל האָט ער ביי זיך אויפן אַרבעטסטיש געפונען אַ בריוו, געשריבן פון אַ געהיימער האַנט מיט אַ פאַרשטעלטן כּתב, בלויז פון עטלעכע שורות:

„אויב דער נשיא מערקט עפּעס אַ פאַרענדערונג אין זיין טאָכטער און וויל זי פאַרהיטן פון שווערע יסורים, זאָל ער מער אַכטונג געבן אויף איינעם פון זיינע ראַטגעבערס, וועלכער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין דעם פירשטס גנאָד, כּדי זי גראָב אָפּצונאַרן... ער, דער אומגעטרייער, פאַרסמט עס די נשמה פון זיין קינד. דער נשיא אַליין קען זיי אויסלוגן פאַר דער שקיעה אין גאָרטן אין דער מירטנסוכּה. — —"

דער נשיא איז בלייך געוואָרן. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער צעקנייטשט דעם צעטל און אים אַריינגעוואָרפן אין קאַמין.

IX.

אין גאָרטן איז געזעסן הדסה און האָט געקוקט, ווי די זון פאַרגייט, ווי די גליענדיק=רויטע קויל הינטער די בערג=שפּיצן פאַרשווינדט הינטערן האָריזאָנט. אויסטערליש איז געווען איר גורל פון קינדוווייז אויף און זי האָט, אין תּוך גענומען, ביז היינט קיינמאָל וועגן דעם ניט געטראַכט. ווי אַזוי און פאַרוואָס איז זי איצט געקומען צום באַוואוסטזיין; ווי אַזוי איז עס געשען, אַז ביים אויפגאַנג פון דער זון און ביים אונטערגאַנג האָט זי גאָר געמוזט טראַכטן וועגן זיך, וועגן איר לעבן!

טראַכטן! דאָס איז איר אַלעמאָל געווען דערווידער! — אַלע טאָג האָט דער פרימאָרגן זי געקושט און געמאַכט לאַכן, אין אָוונט האָט די זון איר געזאָגט „אַ גוטע נאַכט!" און דאָס האָט אויך געקלונגען גאָר ניט טרויעריק. און דערצווישן איז געווען העלע זונענשיין, דופטן און בליען, פאַרבן און לאַכן און זינגענדיקע פייגל. און אַלע מענטשן אַרום האָבן געלאַכט אַזוי פריילעך. צו וואָס טראַכטן? טראַכט דען דאָס מירטנביימל, וואָס דער פאָטער האָט ביי איר געבורט געפלאַנצט אויף איר נאָמען? טראַכט דער קאָלירנדיקער שמעטערלינג, וואָס פלאַטערט אַרום אין דער וואַרעמער לופט? טראַכט די בלום, ווען זי עפנט דעם בעכער, כּדי איינצוזאַפּן דעם פרישן טוי?

טראַכטן? ניין! ווען זי האָט געטראַכט, איז איר געווען אַזוי אומעטיק! האָט זי געזען דאָס געזיכט פון איר מוטער, בלייך ווי וואַקס, אין תּכריכים, דער פאָטער וויינט. זי איז דאַמאָלסט נאָך געווען אַזאַ קליינע, אַז זי האָט דאָס אַלץ נאָך גאָר ניט פאַרשטאַנען. איצטער אָבער האָט זי דאָס אַלץ געזען קלאָר און דייטלעך, ווי נאָר זי פלעגט *אַ טראַכט* טאָן. און אַ מאָדנע געפיל פלעגט זיך דאַן פאַרגנבענען אין איר האַרץ אַריין — אפשר דאָס, וואָס די מענטשן רופן אָן טרויער. זי האָט אָבער ניט ליב געהאַט אָט דאָס געפיל, האָט ניט ליב געהאַט צו זיין טרויעריק, דערפאַר האָט זי געטראַכט ניט גערן, דערום האָט זי געלאַכט מער פאַר אַנדערע, געלאַכט אַפילו דאַן, ווען אַנדערע פלעגן ערנסט

שטומען, און מ׳האָט זי געהאַלטן פאַר אַ לייכט באַשעפעניש, וואָס קען ניט דעם יאָך פון לעבן.

זי איז אויפגעוואַקסן אין גליק און אין גלאַנץ פון דעם פירשטלעכן הויז, און די ליבשאַפט, סיי פון פאָטער סיי פון די ארומיקע, האָבן געשפּרייט בלומען אויף אַלע אירע וועגן; אַלע האָבן זי מקנא געווען, אַלע האָבן געזוכט איר צו געפעלן. דער־פאַר אפשר האָט זי ניט געקענט די ערנסטקייט, דעם יאָך פון דעם לעבן, ווייל זי האָט דעם דאָזיקן נאַרישן לעבן מיט עזות געלאַכט אין פּנים אַריין? — —

אָבער האָט זי מיט איר מונטערן געלעכטער ניט געזאָגט דען מער, ווי אַנדערע מיט שווערע ווערטער? איז זי שפּילנדיק דען ניט אַרייַנגעשפּרונגען טיפער אין די זאַכן, ווי דער גאַנצער דיקדוק פון דעם גוטן מנחם, אַ שטייגער?...

און פון אַלע אירע פריינד האָט דאָך איין מנחם אַליין גע־וואוסט, וואָס קומט פאַר אין איר נשמה, געוואוסט עס און דורכ־געלעבט מיט איר. זי האָט אַלעמאָל געפילט אַ וואַרעם האַרץ הינ־טער די כּללים פון זיין דיקדוק און האָט זיך ניט גענאַרט.

זי האָט געהאַט אַ טבע צו אָבסערווירן און אָפּשאַצן איר לעבן לויט די יונגע מירטן אויף דעם בוים, וואָס דער פאָטער האָט געפלאַנצט ביי איר געבורט. ווי זיי מאַכן גרויסע בלישטשענ־דיקע אויגן, ווען דער טוי אינדערפרי טוט פאַלן פון זיי. און סיי זומער סיי ווינטער סיי האַרבסטצייט, צי עס האָט אויף זיי גע־שיינט די זון, צי געהויערט אַ נעפּל — שטענדיק האָבן זיי געשי־מערט אין פרישן גרינס...

— הדסה! — האָט מנחם בן סרוק זי שטיל געוועקט פון אירע חלומות, — די איינזאַמקייט איז די שטילע חברטע פון גליק־לעכע און פון אומגליקלעכע, פונדעסטוועגן קליידט עפּעס ניט הדסהן, אַרייַנצופאַלן אין עצבות. „די זאָרג אין דעם מענטשנס האַרץ דערדריקט דאָס האַרץ", זאָגט דער קלוגער בעל־משל, מ׳קען עס אויך אַנדערש טייטשן: „איז זאָרג אין האַרצן, דאַרף מען עס דערציילן, אַרויסריידן זי אין ווערטער", וואָרעם ישחנה קען אויך זיין פון לשון שיח — אויסריידן..

— שוין ווידער מיט דיקדוק,—האָט הדסה הילכיק געלאַכט.— אָבער דער דיקדוק פאַרלירט זיין גרויקייט אין מנחמס מויל, בפרט ווען דער דאָזיקער שרעקלעכער דיקדוק איז אויסן אויפצובינדן הערצער און צונגען — — אָבער, זאָגט מיר, לערער און רבי, וואָס ווייסט איר פון יצחקן?

— ניט מער, ווי אַלע אַנדערע. ער איז געווען אין סלאָוואַניע, איז פון דאָרט אַוועק קיין אונגאַרן, וואו עס פאַרלירט זיך זיין שפור... אפשר וואַרט ער דאָרטן, אפשר איז ער אַוועקגעפאָרן ווייטער צו זיין ציל — — און אים פאַלט אַפילו ניט איין, אַז זיין שליחות איז געענדיקט.

— געענדיקט?

— געענדיקט, — האָט סרוק ערקלערט, — ווען דער בריוו דערגרייכן זיין ציל, דאַן איז דאָך איבעריק יצחקס מסירת-נפש.

— און יצחק וועט זיך דאַן אומקערן אַהיים מיט ליידיקע הענט? — האָט די מיידל געפרעגט.

— איך קען יצחקן פון קינדווייז אויף, — האָט דער געלערנטער מאַן געזאָגט, —נאָך פון יענע צייטן, ווען ער איז פאַר מיר געזעסן אַלס יונגער תלמיד און פלעגט מיר אויסדערציילן אַלץ וואָס ביי אים אויפן האַרצן, אַט אַזוי ווי דו טוסט עס איצטער. ער וועט קומען מיט דעם לאָרבער פון דער הצלחה אין האַנט אָדער ער וועט גאָרניט קומען.

— האָט מען אים דורך דעם בריוו אַרויסגעשלאָגן דעם לאָרבער פון דער האַנט און ער וועט ניט קומען צוריק...

הדסה האָט פאַרדעקט איר פנים מיט ביידע הענט.

סרוק האָט זאַנפט אַרויפגעלייגט זיין האַנט הדסהן אויפן אַקסל.

— דו טאָרסט ניט זיין שוואַך, וויבאַלד דער מאַן, וואָס ליידט פאַר דיר, איז שטאַרק. אַ הויך פון דיין האַרצנס-גבורה מוז ער דערשפּירן אויך אין די ווייטע מרחקים, וואו ער ראַנגלט זיך און בענקט, כדי אויך זיין כוח און זיין מוט זאָל געשטאַרקט ווערן ווי שטאָל...

— די מניעות זיינען צו גרויס, — האָט הדסה אַ זיפץ געטאָן.

— „די פילע וואַסערן ווען די ליבע ניט פאַרלעשן און די טייכן — ניט פאַרפלייצן זי", שטייט דאָך געשריבן אין דיין באַליבטן בוך, אין דעם הייליקסטן פון אַלע לידער.

— און די אונטערשטופער דאָ? פון גראַנאַדע און טאָלעדאָ, פון בבל און באַגדאַד קומען די בעלנים מיט זייערע פירשטלעכע קרוינען און דעם גלאַנץ פון גרויסן יחוס. ווי אַזוי זאָל אַ שוואַך מיידל, וואָס האָט געפונען איר וועלט נאָר אין זינגען און בליען, קענען ביישטיין אַנטקעגן אַזאַ צודרינגלעכקייט?

מנחם בן סרוק האָט זיך פאַרטראַכט און זיין מילד אויג האָט אַרומגענומען די מיידל אַזוי ווי אַ וואַרעמער שטראַל פון דער זון.

— הדסה, האָט ער געזאָגט, — שולמית אין שיר־השירים, וואָס איז אַ משל אַנטקעגן ישראל, איז נאָר אַ הירטין, וואָס מ'האָט זי געמאַכט פאַר אַ „היטערין" פון דעם ווייגאָרטן און — אַ פאַר־שלאָסענער גאָרטן איז די כלה, אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן, אַ פאַר־זיגלטער קוואַל... ביז ער קומט און שולמית זינגט: „זאָל קומען דער געליבטער אין זיין גאָרטן און אָפּברעכן די ליבלעכע פרוכט"... זיי שטאַרק, הדסה! — — —

די טיר צו דער סוכה האָט זיך שנעל אויפגעפּראַלט, און דער סרוק האָט נאָך באַוויזן צו ענדיקן, און פאַר אים איז גע־שטאַנען דער נשיא חסדאי אבן שפרוט מיט אַ געזיכט ווייס ווי קאַלך.

— דו, מנחם, דער מאַן פון מיין צוטרוי און דער לערער פון מיין עדה, פון מיין קינד?...

אויף אַ צייכן פון דעם פאָטער איז הדסה אַוועקגעגאַנגען, ניט באַקומענדיק קיין ערלויבעניש אפילו אַ וואָרט אויסצורייד ן צום פאַרענטפערן זיך.

— אַלזאָ, מנחם, דו האָסט אָפּגענאַרט מיין צוטרוי, און אַנשטאָט מדריך צו זיין מיין קינד אין חכמה, האָסטו איר צעמישט

די רעיונות, איר אָנגערעדט ניט צו פּאָלגן דעם פּאָטער, צו פֿאַר־שווּעכן איר גליק. האָב איך דאָס ביי דיר פּאַרדינט, מנחם?...

— דער נשיא האָט עס ביי מיר פּאַרדינט, — האָט מנחם רויִק אָפּגעענטפערט, — אַז איך זאָל בּייִשטיין זיין קינד, וואָס דאַרף אַליין זיך ראַנגלען מיט דעם צער פון האַרצן...

— צער פון האַרצן? — האָט דער נשיא געענטפערט מיט כּעס. — ווער האָט אַריינגעבראַכט דעם צער אין מונטערן רייגעם האַרצן, ווער האָט אָנגעצונדן דעם שׂרפענדיקן פייער אין דעם דאָזיקן האַרצן, וואָס האָט געשפּראָדלט מיט לוסט און פרייד? דו אַליין ביסט דאָך סוף־כּל־סוף דער, פאַר וועמען, ווי דו האָסט געזאָגט, הדסה דאַרף היטן דעם גאָרטן...

— ניין, איך ניט, — האָט מנחם קאַטעגאָריש אָפּגעשלאָגן.

— ווער־זשע דען? זאָג אויס, מנחם, כּדי איך זאָל קענען באַשטראָפן לויט זיין ווערט דעם דאָזיקן זינדיקן האַרצנרויבער!

מנחם האָט געשוויגן.

— איך וויל האָבן אַן ענטפער פון דיר ביז זונאויפגאַנג, אַ קלאָרן און אַ קורצן, אָן פּשטלעך און דריידלעך, — האָט דער נשיא געזאָגט און איז אַוועק אָן אַ „גוטן".

מנחם האָט געשוויגן איינגעשפּאַרטערהייט, האָט אויך גע־שוויגן נאָכדעם, ווי די נאַכט איז אַריבער און אַ נייער פרימאָרגן האָט אויפגעשטראַלט איבער דער וועלט.

די זון איז נאָך אָבער ניט געשטאַנען אין זעניט, ווען אַ שליח האָט פון דעם נשיאס פּאַלאַץ געבראַכט מנחמען אַ קורץ בריוועלע. אָן אַ קענטיקער אויפרעגונג האָט ער גענומען דאָס פּאַפּיר אין דער האַנט, ער האָט עס שוין ערוואַרט.

— פאַרטריבן!...

נאָך איידער די זון איז פאַרגאַנגען האָט מנחם בן סרוק פאַרלאָזן קאָרדאָווע, מיט דעם וואַנדערשטאָק אין דער האַנט און דעם רענצל אויפן רוקן.

ער האָט ניט געזען, ווי הינטער אים האָט די שנאה טייוו־לאָניש געקריצט מיט די ציין. אין אַ ווינקל פון דעם מויער האָט

דונאַש בן לברט געריבן די הענט פאַר נחת און אונטערגעברומט אַ חוזק־לידל וועגן דעם „וואַנדערער, וועלכער זוכט נייע וועגן פאַר דער חכמה"...

ער האָט אָבער געזען די ליבע, וועלכע האָט אים נאָכגע־וויינט. איבער דעם צאַם פון גאָרטן האָט הדסה זיך געזעגנט מיט אים דורך אַ בליק פון אירע פייכט־שימערנדיקע אויגן, און איר גרוס איז געווען אַ וואַרעמע צדה־לדרך, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין האַרץ און נשמה.

— זײַ שטאַרק, הדסה!...

X.

מיט מנחם בן סרוקס אַוועקגיין האָט הדסה פאַרלוירן איר איינציקן פריינד און פאַרטרויטן. און דער געדאַנק, אַז ער האָט געמוזט אַוועקגיין צוליב איר, האָט זי זייער געמאַטערט און ניט אָפּגעלאָזט.

צוויי מענטשן זיינען צוליב איר אַוועק אין אַ ווייטן וועג. אָבער בשעת ווען יצחקס דרייסטע גבורה האָט זי אָנגעפילט מיט שטאָלצער שמחה, האָט מנחמס אַוועקגאַנג איר ווי געטאָן אין לשער. מנחם האָט זיך מפקיר געווען אָן אַ גרונד, אָן אַ האָפע־נונג — און אין זיין גורל איז זי געווען שולדיק. דאָס האָט גע־דריקט אויף איר נשמה ווי אַ שווערע משא.

וואָלט דער פאָטער איר געלאָזט צייט, וואָלט זי אפשר אים געגעבן צו פאַרשטיין, זיך מתוודה געווען פאַר אים... ניין דאָס אפשר טאַקע ניט, צוליב יצחקן... אָבער געוויס וואָלט זי די גאַנצע שולד גענומען אויף זיך און וואָלט געשיצט מנחמען פאַר זיין שווערן גורל פון פאַרטריבן צו ווערן. אָבער דער פאָ־טער האָט איר גאָר קיין צייט ניט געלאָזט, זי אַפילו ניט געוואָלט אויסהערן. און ווי זי איז צו זיך געקומען, זיך באַ־קלערט, האָט דער געטרייער לערער שוין גענומען אויף זיך די שטראָף. — — —

חדשים זיינען אַוועק. רייזנדער פון פעץ האָבן געבראַכט אַ ידיעה פון מנחמען. אין זיין געבורטשטאָט טאָרטאָזע האָט ער

באַנעגנט שנאה און אומצוטרוי, איז ער אַנטלאָפן פון דאָרטן קיין פעץ, וואו מ׳האָט אים אויפגענומען בכבוד גדול. דאָרט האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט אלדד הדני, וועלכער האָט אויף זיינע ווייטערדיקע נסיעות איבער דער וועלט גראָד געהאַט זיך אָפּגעשטעלט אין פעץ. אלדד האָט געוואָלט מיטנעמען מנחמען קיין ירושלים. אָבער ביי מנחמען איז געבליבן בעסער צו בלייבן אין פעץ און וואַרטן דאָרט אויף די ווייטערדיקע געשעענישן, ניט צו ווייט פון קאָרדאָווע.

מ׳האָט אויך געשמועסט פון אַ בריוו, וואָס מנחם האָט געשריבן צו פאַרענטפערן זיך פאַר דעם נשיא, אָבער אַחוץ דעם נשיא, וואָס האָט דעם בריוו דערהאַלטן, האָט קיינער ניט געוואוסט, וואָס דאָרט איז געשטאַנען.

אמת, דונאַש בן לברט האָט צווישן זיינע מקורבים דערציילט וועגן ביטערע טענות אין מנחמס בריוו, אפילו — וועגן דראָונגען אַריבערצוגיין אין דעם לאַגער פון די קראים, אַלס נקמה פאַר דער פאַרטרייבונג... ניט אומזיסט האָט ער זיך די גאַנצע צייט געחברט מיט אלדד הדני... און דערדאָזיקער...

אָבער דאָס זיינען געווען בלויז השערות. און ווער עס האָט געקענט דונאַשס בייזע טבע צו באַריידן זיינע שונאים, האָט ניט געהאַט קיין שום אמונה אין די אַלע קלאַנגען.

בכלל האָט דונאַש בן לברט זיך גענאַרט אין חשבון, וואָס ער האָט געהאַט ביי מנחמס אַוועקגיין. ווי שטאַרק ער האָט זיך ניט געפלייסט צו פאַרנעמען איצט דעם אָרט פון זיין ריוואַל, איז האָט זיך בשום־אופן ניט איינגעגעבן זיך איינצוקויפן מער אין גנאָד ביים נשיא. פאַרקערט, ער האָט געהאַט דעם פיינלעכן געפיל, אַז וואָס מער ער פלייסט זיך, אַז מנחמס אָפּוועזנקייט זאָל זיך ניט פילן, אַלץ מער פאַרלירט ער אין די אויגן פון זיין האַר.

דערפון האָט געהאַט די גרעסטע טובה הדסה, וואָרעם דורכדעם איז היבש שוואַכער געוואָרן דעם פאָטערס אינטערעס צו דונאַשס באַליבטן פּלאַן וועגן פאַרקנסן זי מיט דעם פירשטנזון פון באַגדאַד. אויך פון אַן אַנדער זייט האָט מען זי איצט

געלאָזט צו רו. חסדאי אבן שפרוט איז איצט אַזוי שטאַרק פאַר־נומען געווען מיט די מלוכישע ענינים, אַז אים איז קוים גע־בליבן צייט און אינטערעס פאַר די אייגענע דאגות.

אין איטאַליע זיינען פאָרגעקומען גרויסע זאַכן, וועל־כע מ׳האָט ניט געטאָרט פאַרזען אויך אין די שפּאַנישע מדינות, בתוכם אין קאָרדאָווע. אָטאָ I איז מיט גרויס פּאַראַדע גע־קרוינט געוואָרן פון דעם פּויפּסט אין רוים פאַר קיסר פון דייטש־לאַנד, נאָכדעם ווי ער איז אַרויסגעקומען אַלס זיגער פון די מלחמות מיט די בעמען, די סלאַוון און אונגאַרן ווי אויך מיט די ווידערשפּעניגע דייטשע הערצאָגן. ער איז געווען געקומען קיין איטאַליע אַלס „קיניג פון די לאַנגאָבאַרדן" צו העלפן דער אַלמנה פון קיניג לאָטאַר פון איטאַליע, אַדעלהייד פון בורגונד, אין איר מלחמה — אַלס יורשטע פון דער קרוין; האָט ער אַזוי ווייט אויסגענומען ביי דער גאַנצער גייסטלעכקייט, אַז מ׳האָט אים אָנגעטאָן די קייזערלעכע קרוין. אָבער די פאַראייניקונג פון דעם דייטשן קיסר מיט רוים האָט געשאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ פאַרבינדונג מיט די קריסטלעכע מדינות פון צפון־שפּאַניע, וואו מ׳האָט געשטרעבט צו דעם הייס געגאַרטן ציל — אָפּצונעמען קאָרדאָווע ביי די מאַורען, און אומצוקערן זי דעם קריסטנטום. די דאָזיקע דאגות המלוכה האָבן אַבדול ראַחמאַנען און דעם ערשטן בעל־יועץ זיינעם, חסדאין, פאַרוואָגלט ניט איין נאַכט.

אַבדול ראַחמאַנס באַציִונגען צו קיסר אָטאָ זיינען אַזוי אויך געווען זייער אָנגעצויגן, צוליב אַ דורכגעפאַלענער שליחות קיין דייטשלאַנד. מיט יאָרן צוריק האָט אַבדול ראַחמאַן אויסגע־ריכט אַ דעלעגאַציע צום קיסר; אָטאָס ראָטגעבערס האָט זיך אָפּגעדאַכט, אַז דער דעלעגאַציע פעלט דרך־ארץ פאַרן קריסטנ־טום. האָט קיסר אָטאָ געלאָזט די שלוחים פון אַנדאַלוזיע וואַרטן כמעט צוויי יאָר אויף אַ אוידיענץ, און דאָס האָט אין קאָרדאָווע געמאַכט זייער אַ שווערן רושם.

ס׳איז דערום קיין חידוש ניט, וואָס מ׳האָט אין קאַליפאַט מיט אומרויִקייט זיך צוגעקוקט אויף דעם וואוקס פון אָטאָס מאַכט.

די דאָזיקע אומרויִקייט האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט, ווען ס'איז באַוואוסט געוואָרן, אַז שלוחים פון קיסר אָטאָ געפינען זיך אין צפון-שפּאַניע אויפן וועג קיין קאָרדאָווע. דער פירער פון דער דעלעגאַציע איז געווען דער באַקאַנטער אינטריגאַן און שונא פון איסלאַם אַבאַט יאָהאַנעס פון גאָרצע. און מ'האָט געקענט משער זיין, אַז זיין מיטגעפירטער קיסר-בריוו איז ניט געשריבן אין אַ פריינדשאַפטלעכן און העפלעכן טאָן לגבי דעם איסלאַם און דעם קאַליפאַט. אָבער לויט דעם מצב הענינים אין דער וועלט האָט מען געמוזט אויסמיידן אומבאַדאַכטע האַנדלונגען, וועלכע וואָלטן געקענט פירן צו אַ סיכסוך מיט דייטשלאַנד און אירע בעלי-ברית. און אויף חסדאַין איז ווידער אויסגעפאַלן די זייער הארבע אויפגאַבע צו דערגיין אַפריער דעם אינהאַלט פון דעם בריוו און אַזוי צו אַראַנזשירן דעם קבלת-פנים פון די שלוחים, אַז אי דער כבוד פון דעם קאַליף זאָל ניט אָנגערירט ווערן, אי עס זאָלן ניט אַרויסקומען קיין נייע פאַרדרייעניש.

חסדאי איז אַרויסגעפאָרן אַנטקעגן די שלוחים ביז צו דער גרענעץ פון אַנדאַלוזיע, האָט זיי אָפּגעהאַלטן אויפן וועג אַ לענגערע צייט און מיט דער חריפות פון אַ גרויסן חכם אויסגעפאָרשט ניט נאָר דעם אינהאַלט פון דעם בריוו, נאָר האָט פון די געשפּרעכן פאַרשטאַנען אויך אָפּצושאַצן די לאַגע בכלל. און אַז ער איז אין עטלעכע וואָכן אָנגעקומען מיט די שלוחים קיין קאָרדאָווע, האָט ער שוין געקענט אָפּשילדערן פאַר זיין קאַליף אַ קלאָר בילד פון דער סיטואַציע. —

— וואָס איך אַליין האָב משער געווען און וואָס איך בין געוואויר געוואָרן פון אונזערע פאָרשטייער אין רוים, דערויף האָב איך אויף זייטיקע וועגן באַקומען אַ באַשטעטיקונג אויס דעם מויל פון די שלוחים. דער ענין האַלט פאַר אונז אַ סך גינסטיקער, ווי מיר האָבן געמיינט.

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן, חסדאי? — האָט געפרעגט אַבדול ראַחמאַן, וואָס די ענינים פון קונסט און וויסנשאַפטן האָבן אים אינטערעסירט אַ סך מער ווי די עסקים פון דער מלוכה.

— דער בונד צווישן קיסר אָטטאָ און דעם פּויפּסט איז אַן עסק אויף קעגנזייטיקייט, בײַ וועלכן אָבער יעדער צד גע־טרויט ניט דעם אַנדערן. צו וואָס איז עס אָטטאָן דווקא איצט נייטיק געווען אַרויסצושיקן זײַנע שלוחים אַזש אין אונזער מדינה אַרײַן? דער קיסר האָט געגעבן דעם פּויפּסט די איצטער אַזויגע־רופענע „אָטטאָנישע פּריווילעגיע", מיט וועלכער ער האָט באַ־שטעטיקט רוים אַלס פּויפּסטלעכע נחלה. דערפאַר אָבער פאַר־לאַנגט דער קיסר אַ דעה בײַ די וואַלן פון אַ פּויפּסט.

— און רוים וויל די דעה אים ניט געבן?

— ניט אינגאַנצן, אַלנפאַלס—ניט אָפן. לפנים־וועגן האָט דער פּויפּסט דערויף אײַנגעוויליקט. אָבער עס איז ידוע, אַז הינטן־אַרום פירט ער אונטערהאַנדלונגען מיט די גריכן און אונ־גאַרן, כדי ווידער אָפּצונעמען בײַם קיסר דאָס דאָזיקע רעכט. אַזוי אַז אָטטאָ האָט זיך געלאָזט באַוואָרענען זײַן דעה בײַ די וואַלן פון אַ פּויפּסט דורך אַ שבועה פון די רוימער. דער אָפענער סיכסוך צווישן דעם קיסר און דעם פּויפּסט קען אויסברעכן אַלע ווײַלע...

— און וואָס פאַר אַ שײַכות קען דער דאָזיקער סיכסוך האָבן צו אונז?—האָט דער קאַליף געפרעגט געשפּאַנט.

— דירעקט ניט, — האָט חסדאי אָפּגעענטפערט מיט דער זיכערקייט פון לאַנגער געניטשאַפט.—אָבער דער קיסר ווייס, אַז בײַ אַ קאַמף מיט רוים קען ער ניט בויען אויף דרום־פראַנקרײַך און צפון־שפּאַניע, וועלכע זײַנען פאַרברענטע קריסטן און געטרײַ דעם פּויפּסט. דערום איז פאַר אים זייער וויכטיק אויף אַזאַ מין פאַל צו האַלטן די דאָזיקע מדינות אין שפּאַן דורך אונז. דאָס איז מסתמא אויך דער אמתער צוועק פון דער דעלעגאַציע, הגם זי קומט אַהער מיט אַנדערע תירוצים און מיט אַ גראָבן בריוו.

— האָסטו דעם קייזערלעכן בריוו געזעען?

— ניין, אָבער איך ווייס דעם אינהאַלט. דער קאַליף טאָר די שלוחים ניט אויפנעמען, כל־זמן זיי האָבן בײַ זיך דעם דאָזיקן בריוו.

— וואָס זשע דאַרף מען טאָן דערצו?

— זיי וועלן קודם־כל אָוועקשיקן איינעם פון זיי נאָך אַן אַנדער בריוו... דאָס וועט מסתמא אָפּנעמען אַ יאָר צייט. עס מאַכט אָבער ניט אויס, אָטטאָ האָט דאָך אונזערע שלוחים געלאָזט וואַרטן נאָך לענגער.

דער קאַליף האָט צופרידן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך האָב געוואוסט, אַז די זאַך ליגט ביי דיר אין גו־טע הענט.

— מיר האָבן קיין שום גרונד ניט, — האָט חסדאי ווייטער געזאָגט, — מורא צו האָבן און פחדניש נאָכצוגעבן. אדרבא, מיר קענען אַרויסשטעלן נאָך פאָדערונגען, אַחוץ דעם בריוו.

דער קאַליף האָט שמייכלענדיק דערלאַנגט חסדאַין די האַנט:

— איך קען שוין דיינע פאָדערונגען, וועסט ביי די אונ־טערהאַנדלונגען ווידער וועלן אויספועלן עפּעס פאַר דיינע דאָר־טיקע גלויבנס־ברידער. נו, מילא. האָסט דאָך אין אַלצדינג פרייע הענט. — —

דערין האָט זיך אַבדול ראַחמאַן ניט טועה געווען. ביי זיי־ נע אומפאַרבינדלעכע געשפּרעכן מיט אָטטאָס שלוחים איז חסדאי געוואויר געוואָרן, אַז די יידן אין דער דייטשער אימפּעריע אונ־טער אָטטאָס שוץ האָבן בכלל זיך ניט צו קלאָגן אויף אומ־מענטשלעכער באַהאַנדלונג; אַלס אייגנטום פון דער מלוכה האָבן זיי געדאַרפט צאָלן דעם קיסר אַ קאָפּשטייער; אָבער אַלס אייגנ־טום האָט מען זיי אויך געקענט פאַרקויפן אַנדערע, אָוועקבאַרגן אַנדערע פירשטן און בישאָפן. ווייטער איז ער דערגאַנגען, אַז צווישן די געפאַנגענע, וואָס אָטטאָס חייל האָט מיטגעבראַכט פון דער לעצ־טער מלחמה, האָבן זיך געפונען אויך יידן פון פאַרשיידענע מדינות, און זיי זיצן אַלע פאַרשפּאַרט אין דעם שלאָס פון מאַגדעבורג.

און ווי נשתומם זיינען געוואָרן די שלוחים, ווען חסדאי האָט, בשעת די פון אים אָנגעפירטע אונטערהאַנדלונגען, פּלוצלונג ערקלערט, אַז אַלס ערשטן באַווייז פון אָטטאָס סימפּאַטיע צו דעם קאַליף בעט ער צו פאַרלייכטערן די „לענטיסטעם“, וועלכע

איז ביזאַהער חל געווען אויף די יידן פון דייטשלאַנד, און דאַן באַפרייען פון דער מאַגדעבורגער תּפיסה די געפאַנגענע פרעמדע יידן, וועלכע האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דער מלחמה קעגן אַטאַן, און אַפּלאַזן זיי אַהיים, אויסשטעלנדיק זיי פּרײַבריוו און רעקאָמענדאַציעס.

יאָהאַנעס פון גאָרצע, דער פירער פון דער דעלעגאַציע, אַ דיק־לייביקער זקן, מיט אַ פּול, גלאַט פּנים און קלוגע אויגן, וועלכע האָבן זיך צו העל און וועלטלעך אָפּגעצייכנט פון דעם שוואַרצן לאַנגן גלח־מלבוש, איז אַ ווײַלע געבליבן געפּלעפט.

— וואָס פאַר אַ אינטערעס קען דער איסלאַמיטישער קאַליפאַט האָבן אין די אומגלויביקע און די שונאים פון דער קירך? — האָט ער געפרעגט.

זיך געריכט אויף אַזעלכע שאלות, האָט חסדאי געענטפערט רויִק און געשיקט:

— דער קאַליף אַבדול ראַחמאַן זעט די הייליקע אויפגאַבע, וואָס גאָט, דער פירער פון די מלכים, האָט אַרויפגעלייגט אויף אים, אין דערהאַלטן דעם שלום צווישן די קינדער פון זיין לאַנד און אין האַווירן דאָס גליק און די מזל־ברכה פון אַלע, קיין נפקא־מינה ניט, צי מאָסלים, צי קריסט אָדער ייד. אָבער דער העכסטער ציל זיינער איז, שלום און ברכה פאַר אַלע מענטשן אויף דעם כּדור־הארץ. דערפאַר שליסט ער פריינדשאַפט מיט אַלע מדינות, וואָס שטרעקן צו אים אויס די האַנט, כּדי צו פאַרשפּרייטן דעם רעיון פון מענטשלעכקייט אויפן יסוד פון דער פריינדשאַפט צווישן די פעלקער. די יידן זיינען אַזעלכע מענטשן ווי מיר, אָבער אומעטום זיינען זיי די גערודפטסטע און געדריקטסטע, דערום מוז די זאַך פון דער ליבע זיך קודם־כּל אָנהייבן פון זיי.

יאָהאַנעס פון גאָרצע האָט קוים געקענט גלייך באַנעמען די דאָזיקע נאָך קיינמאָל ניט געהערטע ווערטער, דערנאָך האָט ער אַנטקעגנקומענדיק געזאָגט:

— דער דאָזיקער קוק איז אומגעפער דער אייגענער וואָס קיסר אָטאָס. אויך ער רעדט טיילמאָל פון שלום, פעלקער־פריי־

הייט וכדומה אַזעלכע זאַכן, הגם איך, אַלס פאָרשטייער פון דער קירך, פאַרשטיי דעם שלום און די פרייהייט נאָר אין גבול פון דער קירך און נאָר בנוגע די, וואָס שטייען אויפן יסוד פון דער קירך. די יידן האָב איך שוין גאָר אינגאַנצן ניט ליב... אָבער דער קיסר אָטאָ איז גוט געניייגט צו די יידן. דערפאַר וועט פאַר אים ניט שפּילן קיין גרויסע ראָלע, צי אַ ביסל מער רעכט פאַר יידן אָדער אַ ביסל ווייניקער. אַזוי־אַרום מיינען מיר, אַז מיר קענען נאָכגעבן אַבדול־ראַחמאַנען די דאָזיקע הנחה, באַם ער וועט אונז באַלד אויפנעמען און אויסהערן.

יאָהאַנעס האָט שאַרף באַטאָנט די לעצטע ווערטער און אונטערגעשטרייכט דאָס וואָרט ב אַ ל ד.

— אייער אויפנעם ווענדט זיך אָן דעם בריוו, וואָס איר האָט איבערצוגעבן דעם קאַליף. כל־זמן דער בריוו אַנטהאַלט מיינונגען קעגן איסלאַם און קעגן קאַליף, קען די אוידיענץ אייך ניט געגעבן ווערן.

— די דאָזיקע מיינונגען זיינען אַ תשובה אויף אַבדול ראַחמאַנס בריוו צום קיסר, — האָט יאָהאַנעס קאַלט געזאָגט.

— פון דאַמאָלסט אָן זיינען שוין באַלד אַריבער דריי יאָר, — האָט חסדאי געענטפערט. — איך בין נאָך דאַן ניט געווען אויף מיין היינטיקן פּאָסטן, אַניט וואָלט דער בריוו גאַנץ אַנדערש געשריבן געוואָרן. אין יענעם בריוו איז געשטאַנען, אַז דאָס קריסטנטום רעדט כסדר פון ליבע און די איסלאַמי־טישע מלוכה איז זי מקיים. עס איז ניט געווען נייטיק דעם דאָזיקן אמת אַרויסצוזאָגן.

יאָהאַנעס האָט זיך אָנגעצונדן מיט כעס:

— אַבדול ראַחמאַנס ערשטער ראָטגעבער האַלט אַלזאָ, אַז די דאָזיקע מיינונגען האָט מען טאַקע ניט געדאַרפט אַרויסזאָגן; אָבער אמת און ריכטיק זיינען זיי?

— די מיינונגען אין דעם בריוו צום קיסר, — האָט חסדאי געגעבן צו פאַרשטיין, — זיינען געווען געווענדט קעגן דער קריסטלעכער צפון־שפּאַניע, וועלכע האָט דאַמאָלסט אין נאָמען

פון דער ליבע אָנגעצונדן שייטערס פאַר אומגלויביקע און גע־אַרבעט לשם דער קירך מיט טאָרטור־מאַשינעס. די מלוכה פון אָטטאָ האָט דער בריוו ניט אויסן געווען. איך בעט אייך, אַז דער שליח, וועלכער וועט אַוועקפאָרן נאָך אַ נייעם בריוו, זאָל אין דעם זין אויפקלערן דעם קיסר.

— גוט, זאָל זיין אַזוי, — האָט יאָהאַנעס געזאָגט, — אָבער מ׳קען מורא האָבן, אַז דער נייער בריוו וועט ניט אָנקומען און אַזוי־אַרום וועלן די גאַנצע אונטערהאַנדלונגען בטל ווערן.

— דאָס וואָלט געווען אַ שאָד פאַר ב ײ ד ע מלוכות, — האָט חסדאי שאַרף באַטאָנט. — אָבער איך גלייב, אַז די צ ײ ט אַרבעט פאַר אונזער פריינדשאַפט.

— ד י צ ײ ט ? — יאָהאַנעס האָט אָנגעקוקט חסדאין מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק, גלייך ווי ער וואָלט וועלן אַריינקוקן, וואָס טוט זיך ביי אים טיף אין האַרצן.

— די צ ײ ט, — האָט חסדאי איבערגעזאָגט רויק און פיל־באַדייטנדיק.

XI.

אין דעם נשיאס גאָרטן האָט ווידער אויפגעבליט דער מאַנדלבוים, די איילבערטן אין דער אַלטע האָבן זיך אויסגע־שפרייט, אויסגעשטרעקט זייערע גלידער און אין דער הייך זיך דערלאַנגט די הענט, געמאַכט אַ שאָטנדיקע בלעטער־סוכה. דער מירטנבוים, וואָס האָט געבילדעט די הינטערוואַנט פון דעם גאָרטנביידל, האָט רייך זיך צעקנאָספּט און זיינע מיט טוי באַ־דעקטע צווייגלעך מיט די גרין בלישטשענדיקע בלעטער־אויגן האָבן אין יוגנטלעכער לוסט געקלעטערט אַרויפצו צום ביידל. אַזוי ווי פּאַסטעכער צווישן בונטע שאָף און רינדער האָבן זיך פון דעם רויזנוועלדל דערהויבן עטלעכע שלאַנקע פּאַלמען. אויך די געפליגלטע זינגערס זיינען געווען ווידער דאָ.

צום דריטן מאָל, זינט יצחק איז אַוועק, האָט הדסה געזען די מלוכה אירע אין נייער בליונג. און איטלעכס מאָל האָבן צו־

זאַמען מיט די פּאַלמען און איילבערטן טויזנט נייע האָפענונגען אויפגעבליט אין איר יונגן האַרצן.

דאָסמאָל האָט דער פרילינג זי געטראָפן אַזוי איינזאַם, ווי נאָך קיינמאָל ניט. ווארעם דעם פאָטער האָט זי אַלץ נאָך קיין וואָרט ניט געטאָרט אויסזאָגן פון דעם, וואָס עס טוט זיך ביי איר אין האַרצן, און דער אייבציקער געטרייער פריינד, מנחם בן סרוק, וואָס פון אַלע אַרומיקע האָט ער איינער זי פאַרשטאַנען, איז אַוועק. אַוועק צוליב איר, אומשולדיק פאַרטריבן, און דאָס האָט זייער געדריקט איר נשמה. און זי האָט אָנגענומען אַ דרייסטן באַשלוס.— אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זי זיך איינגעהילט אין איר לאַנגן, שוואַרצן מלבוש און אַרויפגעגאַנגען צו ר׳ נָתָנ׳ען אין זיין באַשיידענער דירה.

זינט ר׳ נתן האָט אָן שום געפיל פון קנאה איבערגעגעבן ר׳ משה בן חנוכן דאָס התמנות פון אַ ראש־ישיבה און אַ דיין, האָט ער זיך אַלץ מער און מער אָפּגעקערט פון דעם לעבן.

כמעט אינגאַנצן באַרויבט פון דעם ליכט פון די אויגן, האָט דער גרייז־גרויער ר׳ נתן, דורך שטילן נאָכדענקען, ווי אויך אויפן גרונט פון אַלטע קבלות און כתבי־ידן זיך געשאַפן אַן אייגענע ליכטיקע וועלט, וואָס נאָר זיינע אויסדערוויילטע תלמידים האָבן זוכה געווען אַריינגעפירט צו ווערן אין איר. די דאָזיקע תלמידים האָבן אים פאָרגעלייענט געוויסע פרקים פון דעם ספר „יצירה" וועגן די צען ספירות און צוויי און צוואַנציק אותיות, און דערפון האָט ער געזוכט אַרויסצודרינגען דעם סוד פון דער שאַפונג און די פאַרהוילענע זאַכן פון דער וועלט.

— דאָס וואָרט פון דער תורה,—האָט ר׳ נתן געלערנט,— איז תמיד אַ לבוש פון טיפע סודות, און די, וואָס זיינען זוכה דערצו, געפינען נאָך לאַנגע שווערע זוכענישן בלויז דעם שליסל, כדי אַריינגענומען צו ווערן אין דעם כלל פון די יודעי חן. — —

„ווען די תנאים און אמוראים נעמען אָן ניט נאָר דעם פשט פון דער תורה שבכתב, נאָר אויך דעם דרוש, און מאַכן דעם דרוש פאַר אַ ענין פון תורה און מסורה, ווייסן זיי דאָך אָבער, אַז

דערמיט האָבן זיי ניט אויסגעשעפּט דעם הייליקן קוואַל. הינטער די ווערטער און די געדרשנטע פּסוקים ליגן פאַרהוילן די העכסטע מחשבות און די טיפסטע סודות, און אויב מ'וויל זוכה זיין צו אַ העכערער וועלט, מוז מען זיך אַריינטאָן אין זיי בראשו וברובו.

„דער הקדוש ברוך הוא איז דער אֵין=סוף, ער איז דער=הויבן און אומבאַגרענעצט איבער אַלע וועלטן און בּרואים, און די מענטשן זייבען אים משיג דורך דער יצירה, און דורך דעם, וואָס ער טוט זיך צו זיי אַנטפּלעקן אין ערשיינונגען. ווי אַזוי איז אָבער געוואָרן די יצירה? דורכדעם, וואָס דער בורא האָט אויס=געשטראַלט פון זיך אַ גייסטיקע קראַפט — דאָס איז די ערשטע ספירה. פון דער דאָזיקער ספירה איז נולד געוואָרן אַ צווייטע, און די צווייטע האָט אַרויסגעבראַכט אַ דריטע און אַזוי ווייטער ביז צען ספירות, וועלכע זיינען די גייסטיקע טרעגער פון דער געטלעכער וועלט=אָרדענונג און פון דעם געטלעכן ווילן. די ספירות פאַרבינדן זיך צווישן זיך דורך צנורות — ד. ה. אומגעזעענע קאַנאַלן, וואָס גייען אַרויס פון דעם כסא הכבוד און פילן אָן די וועלט מיט שפע." — — —

ר' נתן האָט זיך געבויגן פאַר דעם אַוטאָריטעט פון ר' משה בן חנוך, אָבער דער דרך אין דער תורה, וואָס יענער האָט מיט=געבראַכט פון דער גאונישער שיטה אין בבל און וועלכע האָט איצט צוגעצויגן תלמידים פון דער גאַנצער וועלט, האָט ער מער געאַכט, ווי פאַרשטאַנען. ער האָט אַפילו טיילמאָל געוואָרנט פאַר צו טרוקענער און צו קאַלטער באַהאַנדלונג פון דער תורה.

„די מצוות, וואָס די תורה האָט אונז געגעבן, — פלעגט ר' נתן זאָגן, — דאַרף מען מקיים זיין לויט זייער טיפערן טעם, מיט אַ גרעסערער כוונה, דורך זייער פאַרבאָרגענער באַציִונג בין אדם למקום, דאַן שטראַלן זיי אויס אַ מעכטיקן כוח, וואָס פאַרנעמט דאָס האַרץ און דעם מוח"...

ר' נתן האָט פאַר זיינע מקורבים מגלה געווען די טיפערע באַדייטונג פון די דינים, דעם פשט פון אַלע ווערטער און אותיות פון דער תורה, און על=פי רמז נאָר — אויך דעם באַטייט פון

דעם שם המפורש, פון זיינע אותיות און פון די גימטריאות, וואָס באַקומען זיך דורך די פאַרשיידענע צירופים.

אַז די מיידל, איינגעהילט אין שוואַרצן, איז אַריין אין דעם פאַרטונקלטן חדר, איז דער רבי מיט די תלמידים געזעסן אַזוי פאַרטיפט אין זייער הייליקן ענין, אַז זיי האָבן גאָר ניט באַמערקט די אַריינגעקומענע.

דער רבי האָט געלערנט, ווי אַזוי מ׳דערגרייכט צו דעם לעצטן שער פון דעם פרד״ס.

— שטעלט אייך פאָר אַ ליבלעכע, צניעותדיקע בת־מלכה אין איר גאָרטנשטיבל; זי וואַרפט צו דורכן פענסטער אַ אויבנ־אויפיקן בליק איר שטילן פאַרערער, וואָס גייט פאַרביי; ער זעט נאָר איר אויסערלעכע געשטאַלט און נעמט אַ ביסל אַריין אין זכרון איר פנים. בלייבט דער פריינד שטיין און זי געפינט חן אין זיינע אויגן, דאַן ווינקט זי אים צו מיט אַ צייכן פון דער האַנט. ער וועט דאַן זיך אָננעמען מוט און וועט צוגיין צו איר נעענטער און זי וועט מיט אַ שמייכל צו אים אַרויסקומען. און אויב ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר ווערט איר פריינדשאַפט און צוטרוי, דאַן וואַרפט די בת־מלכה אַראָפּ דעם שלייער און טרויט אים אָן די טיפסטע סודות פון איר האַרץ...

אַ פחד איז געפאַלן אויף הדסהן: דערציילט עס דער גרייז־גרויער רבי איר געשיכטע, איר באַציִונג צו יצחקן?

ר׳ נתן האָט גערעדט ווייטער:

— די תורה איז די בת־מלכה, און תחילת טוט זי זיך ווייזן איינגעהילט אין אַ שלייער, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז נאָר מיט איר איינפאַכן וואָרט, וואָס מיר רופן פ ש ט.

ווערסט דו מיט איר אַ ביסל נעענטער, דאַן ווינקט דיר די בת־מלכה שוין פריינדלעך מיט דער האַנט. וואָרל איז דעם, וואָס פאַרשטייט דעם דאָזיקן וואונק — דעם ר מ ז.

עס קומט צו אַ פריינדלעכן, לאַכנדיקן, פרייען שמועס, אָט ווי מיר געפינען עס אין ד ר ו ש אָדער א ג ד ה.

לאַנגזאַם איז דער וועג צו דעם פערטן, לעצטן שער, וואו די מלכה פאַרטרויט אונז איר טיפסטע געהיימניש — דעם ס ו ד.

ר׳ נתן איז געבליבן שטיין אינמיטן זאַץ.

— זעט נאָך, קינדער, מיר דאַכט זיך, אַז פרעמדע אויערן הערן אונטער מיינע רייד.

די תּלמידים זיינען אויפגעשטאַנען און דערזעען די פרעמדע, טיף פאַרשלייערטע געשטאַלט.

— ווער האָט זיך עס דערוועגט!...— האָבן זיי געוואָלט שוין אָנפאַלן אויף דער פרעמדער.

— שאַ! — האָט דער רבי זיך אָפּגערופן, — איז עס אַ פרויענצימער?

— יאָ.

— אויב אַזוי, קומט זי אַהער נאָך הילף. גייט אַלע אַרויס; נאָר עוזיאל זאָל בלייבן אומבאַמערקט ביים אַריינגאַנג אין פּירהויז.

אומזיכער און זיך קווענקלענדיק איז הדסה צוגעגאַנגען צום טיש.

ר׳ נתן האָט עטוואָס אויפגעהויבן די דיקע ברעמען:

— ווער ביסטו, קינד, און וואָס איז דיין באַגער? וואָס האָט די בליענדיקע יוגנט צו טאָן ביי דעם זקן, וואָס זיינע פינסטערע אויגן זעען די זאַכן נאָר אַלס גאַנצהייט?

— איך הייס הדסה און בין...

— דו ביסט דעם נשיאס טאָכטער,—האָט דער רבי מוסיף געווען, און הדסה הייסטו — מירטע,—ר׳ נתן האָט זיך פאַרקלערט און זיך געפלייסט ברייטער צו עפענען די אויגן.—אַלזאָ די מירטע, וואָס כּדי צו דערלאַנגען זי, האָט יצחק אַזוי ווייט געמוזט אָנשפּאַרן...

— איר ווייסט עס, רבי?

— זיי געבענטשט, מיין קינד, וואָס דו האָסט מעורר געווען צו אַזאַ גרויסער זאַך דעם גייסט און די גבורה פון אַ בחור און דערמיט זוכה געווען צו אַ רייכן חלק אין דער דאָזיקער מצווה.

— רבי, — האָט הדסה ווידער באַקומען דעם קלאַנג פון איר שטים, — אייער גוטסקייט אָן אַ ברעג פאַרשפּאַרט מיר אַלע

הקדמות. מ׳זאָגט, אַז אייער גייסט פון אַ חוה ווייס אַלצדינג. וואו איז יצחק, ווען וועט ער קומען צוריק?

— מ׳זאָגט אויף מיר צו פ י ל,—האָט דער אַלטער אָפּגע־שלאָגן.—וואָס ס׳איז אָבער שייך מיין זון יצחק, איז ער אַרויס־געגאַנגען זוכן זיינע ברידער, אַזוי ווי יוסף הצדיק. און אַזעלכע וועגן זיינען אַלעמאָל פול מיט שטיינער און סכנות. אָבער אַזוי ווי יעקב אבינו, אַזוי פיל איך אויך טיף ביי זיך אין דער נשמה: מיין זון ל ע ב ט...

— ווען וועט יצחק קומען צוריק? — האָט הדסה גע־טענהט דאָס איריקע.

— ווען, ווען? — האָט ר׳ נתן געשאָקלט מיט דעם גרויען קאָפּ פון אַ פּאַטריאַרך. — דער גרויסער „ווען" איז דער עיקר פון אַלע אונזערע האָפענונגען און טרוימען, דער אייביקער רעיון פון אַלע אונזערע תפילות שוין צייט ניין הונדערט יאָר כמעט. און פונדעסטוועגן! ווער וועט זיך אָננעמען צו פאַרענטפערן דעם דאָזיקן „ווען"? צי דען הערן מיר ניט „דעם קול פון דעם גע־ליבטן, וועלכער קומט, שפּרינגט איבער די בערג, היפּט איבער די הי׳גלען... צו אַ הירש איז ער גלייך, צו אַ יונגער אינד... ער איז שוין הינטער דער וואַנט, דורך די פענסטער קוקט ער, דורך די גראַטעס בליקט ער..."

— אַזוי שטייט געשריבן אין שיר השירים, איך קען עס אויף אויסווייניק, אַזוי ווי מיין טעגלעכע תפילה, — האָט די מיידל געזאָגט שטאַרק גערירט.

— יאָ, אין שיר השירים,—האָט דער רבי באַשטעטיקט,— און דאָס איז אַ רמז, אַז די גאולה פון ישראל איז נאָענט. אָבער דאָס איז אויך אַ רפואה פאַר איטלעכס האַרץ, וואָס וואַרט און בענקט. בשעת מיר בענקען און ציטערן, און די פיינלעכע ער־וואַרטונג וויל זיך פאַרוואַנדלען אין ביטערן יאוש, קוקט שוין די ערפילונג פון הינטער דער וואַנט, בליקט דורך דעם פענסטער...

— בענטשט מיך, רבי! — האָט די מיידל געבעטן מיט אַ פאַרענדערטער שטים.

ר׳ נתן האָט אויפגעהויבן זיינע ציטערנדיקע הענט.

— גיי אין פריד, מיין טאָכטער, און דער גאָט פון ישראל זאָל דיר טאָן דיין וואונטש, וואָס פילט אָן דיין האַרץ און מאַכט ציטערן דיין נשמה — — —

מיט דער דאָזיקער ברכה איז הדסה אַוועקגעגאַנגען, און איר איז געווען אַזוי גרינג אויפן האַרצן, גלייך זי וואָלט זיך אָנגעטרונקען פון אַ לעבעדיקן קוואַל; זי האָט געפלאָכטן אַ קראַנץ פון בלומען און מיטגעזונגען מיט די פייגל:

די שטים פון דעם געליבטן!
ער שפרינגט איבער די בערג,
ער הופט איבער די היגלען,
ער שטייט הינטער דער וואַנט,
ער קוקט דורך דעם פענסטער...

XII.

גאָך גיכער, ווי מ'האָט זיך געהאַט גערירכט, איז מקוים געוואָרן חסדאיס נביאות. אין רוים איז דערגאַנגען צו אַן אָפענעם סיכסוך צווישן דעם קיסר און דעם פויפסט. אַ רוימישער סינאָד, וואָס קיסר אָטטאָ האָט צונויפגערופן און אָנגעפירט, האָט אָראָפּגעזעצט יאָהאַן XII און אויסגערופן פאַר אַ פויפסט לעאָ VIII. ווי נאָר אָבער אָטטאָ האָט זיך צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד, האָט דער צד שכנגד אַריינגעזעצט דעם קיסרס פויפסט אין געפענגעניש. האָט זיך אָטטאָ דעם צווייטן מאָל אַוועקגעלאָזט קיין רוים.

אין קאָרדאָווע, וואו אָטטאָס שלוחים האָבן נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַ נייעם בריוו און אויף אַ אוידיענץ, איז מען גיך איבער צפון־שפּאַניע געוואויר געוואָרן וועגן די דאָזיקע אַלע זאַכן און מיט אַ שטילן נחת־רוח זיך צוגעקוקט צו די מחלוקת פון די מעכטיקע אין צפון און אין דרום. אין קאַליפאַט האָט מען זיך ממש ניט געקענט אָפּוואונדערן פון דער קלוגשאַפט און ווייטזיכטיקייט פון אבן חסדאי, וועלכער האָט אויפגעבויט זיין פּאָליטיק אויף די דאָזיקע פּאָראויסגעזעענע ערשיינונגען.

און מ׳האָט זיך שוין גאָרניט געוואונדערט, ווען אין אַ בערך גאַנץ קורצער צייט איז דער צוריקגעשיקטער שליח ווי־דער געקומען איבער גראַנאַדע מיט אַ נייעם בריוו, געחתמעט פון קיסר אָטטאָ, און מיט אַ פולער באַשטעטיקונג פון אַלע אָפּ־מאַכן, וואָס חסדאי האָט געשלאָסן. דער בריוו האָט ממש גע־טריפט מיט אויסדרוקן פון פריינדשאַפט.

„עס פרייט דעם קיסר אָטטאָ — איז געשטאַנען אין דעם בריוו — וואָס דעם קאַליפס מיינונגען וועגן דעם רעכט פון די מענטשן אויף ליבע, בפרט וועגן דעם רעכט פון די יידן אויף אַ מענטשלעכער באַהאַנדלונג, שטימען אײַנגאַנצן מיט זיינע מיי־נונגען. ווער ס׳איז ניט קיין שונא דער מלוכה און דעם קיסר, קען לעבן בשלום אין די דייטשע מדינות אונטער אָטטאָס קרוין״.

„אויף די יידן — האָט אָטטאָ ווייטער געשריבן — קע־נען זיך ניט באַקלאָגן. די לענסיסטעם איז פון איצט אָן חל נאָר אויף זייערע שטייער־אָפּצאָלונגען, אָבער ניט אויף זייער נפש און זייער לעבן, וואָס זיינען געשיצט און באַוואָרנט דורך די קייזערלעכע געזעצן.״

אַ ראיה, ווי ווייט די יידן אָנערקענען די גוטע באַהאַנד־לונג, איז — אַז ווען מ׳האָט לויט דעם קאָרדאָווער אָפּמאַך אַרויסגעלאָזט פון מאַגדעבורגער שלאָס די פאַרשפאַרטע פרעמדע יידן און מ׳האָט זיי דערלויבט צו פאָרן אַהיים, האָבן זיי דאָס רוב בעסער געוואָלט בלייבן אין דייטשלאַנד אונטער דעם קיסרס שוץ — — —

„די יידן — איז ווייטער געשטאַנען אין בריוו — האָבן געוואָלט זיך לאָזן קיין קאָרדאָווע. אונטער אַ זיכערער באַגליי־טונג וועט מען זיי אָפּפירן איבער די אַלפּן קיין גענוע, און פון דאָרטן וועלן זיי מיטן ים זיך דערשלאָגן צום גראַנאַדער ברעג, און ווייטער — ביז קאָרדאָווע. זיי פירן קייזערלעכע בריוו און מתנות פאַר דעם קאַליף אַבדול־ראַחמאַן און זיין ערשטן מי־ניסטער״.

דערמיט זיינען באַזייטיקט געוואָרן אַלע מניעות און דער בונד פון שלום און פריינדשאַפט צווישן קאָרדאָווע און דייטשלאַנד האָט

ענדלעך געקענט געחתמעט ווערן דורך אַ אוידיענץ פון די שלוחים אין מירמלנעם זאַל. חסדאי האָט אַראַנזשירט די דאָזיקע אוידיענץ מיט דעם גרעסטן גלאַנץ. אַלע פּני פון דער מלוכה זיינען געווען פאַרבעטן, און דער קאַליף האָט אין אַ קורצער באַגריסונג גע־בענטשט די שעה, ווען צוויי הערשערס האָבן איבער אַלע ווי־דעראַנאַנדן פון גלויבן און דענקען זיך דערלאַנגט די הענט צו שליסן אַ שותּפישן בונד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איבער קאָרדאָווע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דעם בריוו פון דעם דייטשן קיסר. מ׳האָט מיט גרויס שפּאַ־נונג געוואַרט אויף די געסט, וואָס קומען אָן פון מרחקים צו דער־ציילן וועגן קריג און געפאַנגענשאַפט. זינט אלדד הדני האָבן קיין קאָרדאָווע ניט געגרייכט קיין שום דירעקטע באַריכטן אויס די לענדער פון גלות און מ׳האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסאַרטיקן קבלת־פּנים.

גראַנאַדער סוחרים האָבן איבערגעגעבן, אַז אין די האַוונס פון קאַדיקס און מאַלאַגע ריכט מען זיך די טעג אויף שיפן פון גענוע. מ׳האָט געקענט האָפן, אַז די פרעמדע געסט וועלן שוין באַלד זיין אין קאָרדאָווע.

הדסה האָט צום ערשטן מאָל דערהאַלטן אַ בריוו פון מנחם בן סרוק. דער שליח, וואָס האָט דעם בריוו געבראַכט, האָט זיך זייער געהיט, גלייך ווי ער וואָלט געהאַט צו טאָן מיט די וויכ־טיקסטע מלוכה־סודות. דער בריוו האָט ניט געטאָרט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט, אַ פּשיטא שוין — צו דעם נשיא; דערויף האָט אים דער איבערשיקער פאַרשוואָרן.

הדסה האָט אויפגענומען דעם שליח אין דעם מירטנגע־צעלט, האָט אויפגעבראָכן דעם זיגל און גענומען לייענען.

סרוק איז נאָך געווען אין פעץ. אים איז געגאַנגען גוט, און מחמת זיין גרויס לומדות איז ער געווען זייער חשוב. „מיט מיין דיקדוק — אַזוי האָט ער געשריבן — האָב איך דאָ מער מזל. אין דעם צפון פון אַפריקע טוט די צאַרטע בלום פון דער שירה בליען ניט אויפן חשבון פון דער שטרענגער פאָרשונג.

שירה און פאָרשונג זיינען דאָ געטרייע שוועסטער, וואָס ליבן און שעצן איינע די אַנדערע. — — און פונדעסטוועגן פיל איך זיך אַ פ אַ ר ט ר י ב ע נ ע ר, אָפּגעריסן פון דער ערד, וואו איך מיט מיין שאַפן האָב וואָרצלען געשלאָגן... מיין דיקדוק ווערט דאָ געשעצט, מיין „מחברת" האָבן אַ סך שרייבערס אָפּגעשריבן און פאַרשפּרייטן עס — — אָבער קיינער האָט נאָך ניט דערפילט אַזוי ווי דו, הדסה, די נשמה הינטער דעם דאָזיקן אויסגעטריקנטן סקעלעט. איך שאַף אויס דעם גייסט און דעם געניוס פון אונזער לשון־קודש, און זיי לויבן גאָר די פאַרמען, די זאַצן, די בייע כּללים — — —

„מיר פעלט דאָ דער יצר־טוב, וואָס שפּילט מיט מיין לומדות אַזוי ווי מיט אַ פּילקע, באַנעמט עס אָבער אין דעם דאָ־זיקן שפּיל ווי אַ גאַנצע זאַך פון דער נשמה. מ י ר פ ע ל ט מ י י ן לאַ כ נ ד י ק ע ה ד ס ה.

„מיר פעלט די אח־זה און דער אויסערלעכער גלאַנץ, די דאָזיקע ראַמען צום אַרבעטן, וואָס אָן זיי קען איך ניט אויסקו־מען: מ י ר פ ע ל ט ד ע ם נ ש י א ס ה ו י ז.

„מיר פעלט — לאַך ניט פון מיר, הדסה, — די ב י י ז ק י י ט, וואָס האָט מיין גייסט מער באַפרוכפּערט און מיין אַרבעט מער געפּעדערט, ווי איך האָב עס אַליין געהאַט פאַרשטאַנען, — די קריטיק, וואָס האַלט אונז וואַכיק און גיט אונז אַ מאָס פאַר דער אייגענער אָפּשאַצונג: מיר פעלט ד ו נ אַ ש ב ן ל ב ר ט.

„איך שרייב דיר, הדסה, אויף דעם פאַל, טאָמער וועלן אין קאָרדאָווע בלאָזן גינסטיקערע ווינטן. — איך האָב געהערט אַז ביז אַהער האָט זיך קיין זאַך ניט געענדערט, אָבער איך האָב אויך געהערט, אַז די שונאים און העצער טוען נאָך פלייסיק זייער אַרבעט. אַפילו פון מיין פאַרענטפערונגסבריוו, וואָס אַחוץ דעם נשיא האָט אים קיינער ניט געזעען, פרווט מען אַרויסדרינ־גען זאַכן, וואָס זאָלן עדות זאָגן קעגן מיר; אַז איך האָב כּלומרשט חרטה געהאַט און האָב אויף אַ געמיינעם אופן אַרויס־געגעבן די, וואָס האָבן זיך מיר אָנגעטרויט...

„קען איך הדסה צוהערן אַזעלכע רכילות? ניין! פונ־
דעסטוועגן זאָל זי זעען די קאַפּיטלעס פון די בריוו, כּדי זי זאָל
געוואויר ווערן דעם גאַנצן אמת. ווען עס זאָל זיך האַנדלען
אפילו נאָר אום דעם, אַז הדסה זאָל וויסן, אַז איך לייד ניט
צוליב אירטוועגן. צוליב אירטוועגן אַליין וואָלט איך אויך גרייט
געווען מקבל באהבה צו זיין די יסורים. אָבער דאָס, וואָס איז
פאָרגעקומען אין גאָרטן, איז געווען נאָר אַ אויסערלעכע סיבה;
די אמתע טעמים פון מיין פאַרטרייבונג ליגן טיפער. און דער
צוועק פון מיין התנצלות איז אויפצודעקן די דאָזיקע טעמים"...

לעבן דעם בריוו צו הדסהן זיינען געלעגן פיין אויס־
געסדרט די קאַפּיטלעס פון די בריוו צווישן מנחם און דעם נשיא,
וואָס האָבן געגעבן הדסהן אַ געניי בילד פון דער בריוולעכער
שקל־אוטריא, וואָס דערפון האָט מען אין קאָרדאָווע דערציילט
כּלערליי אמתע און פאַלשע זאַכן...

דער ערשטער בריוו איז געווען אַ קורצע מעלדונג פון
טאָרטאָזע איבער די רדיפות און נגישות, וואָס מ'טוט אים,
מנחמען, אָן, אפילו אין נאָמען פון דעם נשיא. מ'האָט פון קאָר־
דאָווע אַרויסגעלאָזט אַ שם־רע אויף אים, אַז ער איז אַ פאַרשטעל־
טער קאַראַים און דערפאַר האָט אים דער נשיא פאַרשטויסן. האָט
ער געבעטן רחמים, מ'זאָל אים זיך לאָזן אויסטענהן, כּדי צו באַ־
ווייזן די שונאים זיין אומשולדיקייט.

דעם נשיאס תשובה איז געווען קורץ און שאַרף:

„ביסטו שולדיק, וועסטו דורך דער שטראָף זיך פאַר־
בעסערן; אויב אָבער דו ביסט אומשולדיק, וועסטו צוליב די
אומפאַרדינטע יסורים זוכה זיין צו עולם הבא..."

אויף דעם האָט מנחם בן סרוק געענטפערט מיט אַ לאַנגן
בריוו פון פעך. אונטערטעניק אָבער צוגלייך אויך מיט זעלבסט־
באַוואוסזיין דערמאָנט ער דעם נשיא אָן די אַלע הבטחות, וואָס
האָבן אים אַזוי געצויגן קיין קאָרדאָווע, אין אירע ישיבות, מיט־
צואַרבעטן אין דער פּאָליטיק און העלפן פאַרשפּרייטן דעם גרויסן שם
פון אבן חסדאי. איין אָרט אין בריוו האָט אַרויסגערופן ביי הדסהן
הייסע טרערן. מנחם האָט דערמאָנט אָן יענער שעה אום האַלבע

נאַכט, ווען דער נשיא, געדריקט פון צער, איז אַריינגעקומען אין דעם דיכטערס אָרעמען שטילן צימער אויסצוּוויינען זיך איבער דעם טויט פון זיין געליבטער פרוי. האָט ער געטראָפן אים, מנחמען, ווי ער איז געזעסן ביים לאָמפ און איבערגעגעבן אין חרוזים און משקל דעם צער פון דעם נשיא און פון דער גאַנ־צער קאָרדאָווער עדה; ווי דער נשיא האָט אים געשוואוירן איי־ביקע ליבשאַפט און הילף... מנחם האָט אָבער באַשולדיקט ניט דעם נשיא, נאָר זיינע שונאים, די העצער, און געבעטן וועגן חסד...

אין גאַנצן בריוו איז מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט געוועזן ניט הדסה, און אויך ניט די פּאַסירונג אין גאָרטן. הדסהן איז געוועזן קלאָר, אַז מנחם האָט מיט אַ כּיוון אויסגעמיטן צו ריידן איבער דער איינגנטלעכער סיבּה פון זיין פאַרטרייבונג, כּדי צו ווייזן דעם נשיא, אַז ער איז ניט געגאַרט בנוגע די טיפערע כוונות פון זיין ירידה.

דער דאָזיקער בריוו האָט געטראָפן הדסהן ווי די אונטער־לענענדיקע האַנט פון אַ פריינד ביי אַ געפערלעכן איבערגאַנג. הגם דער בריוו האָט זי געמאַכט אומעטיק. דאָס, וואָס איר לערער און פריינד ליידט אַזוי, האָט איר אויך פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש, אָבער וואָס ער ליידט פון אירטוועגן — הגם ער האָט פאַרזיכערט, אַז ניט — דאָס האָט איר ממש פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

אויך יצחק האָט געליטן, און אפשר נאָך אַ סך שווערער געליטן — פון אירטוועגן. אָבער איז איר ווען איינגעפאַלן אַ מחשבה צו באַדויערן אים? ניין! זי האָט געליטן צוזאַמען מיט אים און איר נשמה האָט געהאַט אַ חלק אין זיין מסירת־נפש און אָפּקומעניש.

אָבער מנחם האָט גענומען אויף זיך גירוש, רכילות און נגישות — קודם־כל צוליב דעם, כּדי ניט אַרויסצוגעבן איר סוד, כּדי ניט צו דערלאָזן, אַז איר פאָטערס האַנט זאָל פאַר דער צייט צערייסן דעם בונד צווישן איר נשמה און יצחקס...

האָט זי רעכט געטאָן, וואָס זי האָט אָנגענומען אַזאַ גרויסן קרבן פון מנחמען? האָט זי ניט געדאַרפט קומען צום פאָטער

און זאָגן, אַז זי וואַרט אויף יצחקן, און מנחם איז אין דער גאַנ־צער זאַך גאָט די נשמה שולדיק?... מנחם וואָלט דאַן געווען פריי פון שולד און שטראָף, אָבער יצחק וואָלט געבליבן פאַר־טריבן אויף אייביק...

זי האָט זיך דערשראָקן ביי דעם דאָזיקן געדאַנק און האָט זיך אַליין פאַרענטפערט, אַז מנחם מיט איר האָבן געמוזט דעקן יצחקן און אַזוי־אַרום ראַטעווען אים פאַר זיין גרויסער שליחות.

וואָס לענגער די צייט האָט זיך געצויגן, אַלץ מער האָט זי זיך מייאש געווען אין דער דאָזיקער שליחות. וואָס איז גע־וואָרן מיט יצחקס גרויסער אויפגאַבע? האָט דער וואַנדער־בריוו געפונען דעם וועג ביז כאַזאַריע, איז עס דאָך געשעען אָן יצחקן, און מנחם האָט דערפון געליטן מער, ווי ער האָט עס, אין זיין גרויס איידלקייט, מודה געווען.

זאָל זי אפשר נאָך איצטער גיין צום פאָטער און אויסזאָגן אים דעם גאַנצן אמת און פאַרלאַנגען פון אים, ער זאָל צוריקרופן מנחמען?

אָבער אַנשטאָט צום פאָטער, האָבן די פיס זי געטראָגן, ווי שוין ניט דעם ערשטן מאָל די לעצטע צייט — צום חכם ר׳ נתן.

ר׳ נתן האָט אַלץ מער און מער געזוכט התבודדות פון די הבלים פון דער וועלט. ער האָט בלויז געזען דאָס גרויסע און דאָס גאַנצע אין זיך און איבער זיך. אַז הדסה האָט אים דער־ציילט פון מנחמען און פון דער אומפאַרדינטער שנאה, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זיין חלק, האָט ער געזאָגט מיט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען ווי פון אַן אַנדערער וועלט:

— וואָס איז ליבע און וואָס איז שנאה? אַלצדינג — צי מיר קליינע מענטשן ווילן אָדער טוען אַזוי צי אַנדערס — אַלצדינג טוט שטראָמען אין דעם ברייטן בעקן פון דער גרויסער ליב־שאַפט, וואָס פילט אָן און דערהאַלט די וועלט מיט דער ספירה פון חסד...

ר׳ נתן איז געווען זייער געוואָרנט אָנצורופן נעמען פון מענטשן און זאַכן.

זיינע אויגן האָבן זיך די לעצטע צייט איינגאַנצן געשלאָסן, זיין קול האָט געקלונגען אָן פאַרב און טיילמאָל געבראָכן. אָבער ווען די תלמידים זיינע האָבן זיך ארומגעקליבן אַרום אים שטאַרק פאַרדאגהט, האָט ער זיי אָפּגעווענדט:

— נאָך ניט, קינדער, די השגחה וועט שוין געבן אַ מופת, ווען די שעה וועט שלאָגן...

XIII.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט ר׳ נתן פאַרבעטן צו זיין בעט נאָר געציילטע פון זיינע בעסטע תלמידים. וואָרעם אין דער דאָזיקער נאַכט האָט ער געוואַרט אויף דעם מופת, דעם לאַנג געגאַרטן, וואָס איז נאָך לעת־עתה ניט געגעבן געוואָרן.

דאָס פּנים פון דעם קראַנקן זקן האָט שוין לאַנג פאַרלוירן יעדן שפּור פון פאַרב, פון לעבן, פון גשמיות. נאָר די בלינדע אויגן האָבן געזוכט און זיך געגראָבן אין דער אייביקייט. פון צייט צו צייט פלעגט ער שווער אָפּציען דעם אָטעם, גלייך ווי דאָס האַרץ האָט געוואָלט זיך אָפּשטעלן. די תלמידים פלעגן דער־שראָקן אויפשפּרינגען און צולויפן צו דעם קראַנקן. דער קראַנ־קער אָבער האָט זיי מיט אַ שטילער, שוואַכער האַנטבאַוועגונג אָפּגעווענדט: עס איז נאָך ניט געווען די צייט, דער מופת האָט זיך נאָך ניט באַוויזן...

די בלינדע אויגן האָבן אָבער געפינקלט אין זיך און דער רבי האָט טיף אַריינגעקוקט אין זיין אייגענער וועלט אַריין; יעדע ליכטיקע רגע האָט געבראַכט נייע אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס די תלמידים האָבן זיי צוגעהאָרכט ווי הייליקע אַנטפּלעקונגען.

— ליכט שטרעבט צו ליכט, צום גרויסן ליכט פון דער אייביקייט, — האָט ער געזאָגט, — דערפון — דאָס ציטערן פון דעם ניצוץ. אויך דער ניצוץ נשמה ציטערט, זי ציט צום ליכט. „אַז משה רבינו האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג סיני, האָט

זיין פנים געשטראַלט מזיוו השכינה. ווי קומט דער זיוו השכינה אויף אַ מענטשנס פּנים?

„די אַלטע ספרים זאָגן: אַז משה האָט מקבל געווען די לוחות פון גאָטס האַנט, האָבן זיינע הענט אַרומגענומען נאָר אַ דריטל פון די הייליקע לוחות, דאָס דריטל אויף דער אַנדערער זייט איז געלעגן אין דער האַנט פון גאָט, דאָס מיטלסטע דריטל, דער ליידיקער חלל צווישן זיי, די גרייס פון זעקס טפחים, האָט אַריבערגעטראָגן דעם זיוו השכינה אויפן מענטשן...

„ווייסט איר, וואָס די חכמי התלמוד ווילן זאָגן מיט דעם דאָזיקן דרוש?

„דאָס, וואָס ליגט צווישן גאָט און דעם מענטשן, דער דאָזיקער ליידיקער חלל, איז פאַרהילט, אָבער אַרומגערינגלט מיט אַ פלאַמענשלייער פון ליכט. אויסדערוויילטע, יחידי סגולה זיינען זוכה נאָך ביי זייער לעבן מיט זייער גייסטיקן אויג אַדורכצודרינגען דורך דעם דאָזיקן שלייער, דעם צווישנשייד צווישן אונז און גאָט. דאַן קומט אויף דעם מענטשנס פּנים דער הייליקער גלאַנץ און מאַכט דעם, וואָס איז דערצו זוכה, פאַר אַ טרעגער פון דער געטלעכקייט אויף דער ערד.

„צום סוף פון מיינע יאָרן האָב איך געשטרעבט דורכצודרינגען דעם דאָזיקן שלייער דורך התבודדות און פאָרשונג, מיט דער הילף פון די הייליקע ספרים. אומזיסט אָבער. איצט זע איך עס, מיין אויג עפנט זיך, און אַלץ איז אַזוי קלאָר, אַזוי העל אַרום מיר. איז דען טאָג אין דרויסן, איז דען פרילינג, איז דען לויטערער פרימאָרגן?...

— עס איז נאַכט, טיפע, טונקעלע נאַכט, די וועלט אין דרויסן איז איינגעהילט אין אַ טיפן חושך, — האָבן די תלמידים געזאָגט מיט כוונה...

— און איך זאָג—עס איז טאָג, עס איז פרילינג, עס איז פרימאָרגן. אַ ניי לעבן בליט אויף, אַ נייע זון שטראַלט אויף; איר זעט ניט, ווי די ליכט־שטראָמען צעפלייצן זיך?...

און באַשיינפערלעך האָבן די תלמידים געזעען, ווי רויטע

שטראַלן שלייכן זיך איבער דעם פאַרוועלקטן, ביינערדיקן פּנים און באַלייכטן אים העל.

— די שטראַלן פון משה רבינו, — האָט ווידער געקלונגען דער קול פון דעם גוסס, — נעמען זיך, לויט אַן אַנדער גירסא, פון דער שעה, ווען משה איז געווען צופוסנס ביים כּסא הכּבוד און מקבל געווען די תּורה פון זיין מויל. פונקען האָבן אַראָפּ־געשפּריצט אויף דעם קאָפּ פון דעם איש אלהים. זעט איר איצט, ווי די דאָזיקע פונקען גליען?

די תּלמידים האָבן פאַרמאַכט די אויגן און האָבן באמת געזען, ווי פונקען גליען און לייכטן.

— ווייסט איר, — האָט דער רבי ווידער אָנגעהויבן, — אַז משה האָט זיך פאַרבאָרגן אין דער הייל, וואָס דאָרט האָט פאַרבייגעשוועבט די הערלעכקייט פון גאָט, האָט גאָט געזאָגט, ווי עס שטייט געשריבן: „און איך וועל דיך באַדעקן מיט מיין האַנט, ביז וואַנען איך וועל פאַרביישוועבן". גאָטס האַנט לייגט זיך אויף אַ מענטשנס פּנים, זאָל דער פּנים ניט שטראַלן?

„און נאָך אַן אַנדערער דרוש קומט מיר אויף דער מחשבה: אַ פּאָר טראָפּן פון דער הייליקער טינט, מיט וועלכער ער האָט געשריבן זיין הייליקע תּורה, זיינען געבליבן אויף משה רבינוס פינגער. מיט די דאָזיקע פינגער האָט ער זיך אַדורכגעפירט איבערן קאָפּ. אָט די טינט האָט עס אַרויסגעגעבן דעם הייליקן גלאַנץ. זעט איר איצט דעם זיוו השכינה, וואָס פילט דאָ אָן דעם גאַנצן צימער, פון דער סטעליע ביז דעם דיל און ביז דעם לעצטן ווינקעלע?

דער אָטעם פון דעם בלינדן זקן האָט זיך אָפּגעהאַקט, און די תּלמידים האָבן זיך דערשראָקענערהייט אַריבערגעבויגן איבערן בעט.

דער רבי האָט זאַכט זיך אָפּגעוועררט מיט דער שניי־ווייסער ביינערדיקער האַנט:

— נאָך ניט!...

און ער האָט ווייטער גערעדט שטיל און געבראָכן:

— נעמט דידאָזיקע פיר טייטשונגען מיט אין דעם ים פון דעם לעבן און פון דער תורה, ביז צו דעם ציל, וואו די הייליקע שטראַלן פון דער שכינה טראָגן זיך איבער אויף דעם מענטשנס פנים.

•

גאָטס האַנט לייגט זיך אויף דעם מענטשן. דאָס איז די ערשטע מדרגה, ווען מיר דערקענען די געטלעכע השגחה, דעם געטלעכן ווילן, דעם געטלעכן ציל, וואָס יעדער איינער קען עס זען און משיג זיין מיט דעם בלויזן אויג. דאָס איז דער פשט סיי ביים לערנען תורה, סיי אין די איבערלעבונגען פון דעם טאָג, וועלכער האָט זיינע אייגענע שטראַלן — — —

איבער דעם דאָזיקן פליין פון אונזער לעבן דערהייבן זיך אָבער די פונקען, וועלכע גליען און לייכטן, ווייזן אויף העכערס, גרעסערס, דערהויבענערס. דאָס אויג דאַרף זיך באַוואָפענען, כדי נאָכצוקוקן די דאָזיקע פונקען אַזוי ווייט, ביז זיי פאַרלירן זיך אין האָריזאָנט. דאָס איז דער רמז, וואָס ווייזט פון דעם טעגלעכן אין דער אייביקייט אַריין, דער רמז אין תורה און אין לעבן, וועלכער גיט אַרויס נאָך גרעסערע שטראַלן — — —

עס בלייבט נאָך אַלץ עפּעס איבער אין דער פּעדער, אַפילו ווען מ׳האָט שוין אַלצדינג אָנגעשריבן. אונטער די שורות און איבער און צווישן קען מען אַרויסלייענען וואָס איז גאָר ניטאָ אין די אויסגעסדרטע שורות. וואָס קלאָגט איר אויף די אָפּווייכונגען אין דער תורה? גלייך ווי דאָס לעבן וואָלט צוגעשניטן געווען אין אַ גלאַטער גראָדער ליניע, און יעדער טאָג, יעדע שעה וואָלט זיך ניט מאַכן זייער אייגענעם קרומען וועג, זייער אייגענעם פּלאַן!... אַלצדינג אין אונזער לעבן איז אַ אויסגעריסן שטיק און אַ אָפּווייכונג. ניט פאָרויסגעזעענע פאַלן און ניט אַריינפּאַסנדיקע שטיקער, וואָס ווערן נאָר קוים מיט צרות צונויפגעשמאָלצן אין איין גאַנצהייט דורך אונזער איך, שטעלן צוזאַמען דעם סך-הכל פון אונזער קיום. דאָס איז דער דרוש אין דער תורה און אין לעבן, וועלכער האָט זיין אייגענע וואַרעמקייט, זיין אייגן שימערירנדיק פאַרבנליכט. — — —

אָבער דאָס העכסטע ליכט קומט פון הלל, פון דער דיס־טאַנץ, וואָס איז געוואָרן אויף די לוחות צווישן גאָט און משה רבינו. ווער עס האָט גובר געווען די דאָזיקע דיסטאַנץ, איז זוכה צו דעם גרעסטן ליכט. דאָס איז דער סוד, וואָס וועבט אַרום און הילט איין אי דאָס לעבן אי די תורה. שטרעב ניט אויפצו־הייבן דעם שלייער, אָבער פאַרמאַך אויך ניט מיט גוואַלד די אויגן, ווען פאַר דיר עפנט זיך אַמאָל דאָ אָדער דאָרט אַ טירעלע און ס'גייט פאַר דיר אויף איין ליכט נאָך דעם אַנדערן. זעט איר ניט דאָס ליכט, דאָס לאַנג געגאַרטע, וואָס גייט אַרויס פון מיר און וואַקסט אַלץ און פילט אָן דעם גאַנצן חדר?!...

דער רבי איז אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר דער אָטעם איז געווען שטיל און לאַנגזאַם.

איינער פון די תלמידים, אַ גרויסער ירא־שמים, האָט זיך דערוועגט שטילערהייט צו פרעגן:

— ווען, גרויסער רבי, ווען וועלן מיר אַלע דערזעען דאָס גרויסע ליכט, ווען וועט נעמען אַ סוף צו דער נאַכט און ס'וועט קומען די שעה, אַז פאַר ישראל וועט אויפגיין דאָס ליכט פון דער גאולה?

עס האָט זיך געדאַכט, אַזוי ווי דעם רבי'ס טויטע אויגן וואָלטן שטאַר געקוקט אין דער ווייט אַריין. עס האָט זיך גע־דאַכט, גלייך ווי ער וואָלט זיך אונטערגעטוקט אין דעם אײַנ־סוף פון די צייטן. דערנאָך האָט ער געזאָגט שטילערהייט, קוים צו דערהערן:

— די אַלטע ספרים ריידן פון צען וועלט־מלוכות, באמת אָבער איז פאַראַן נאָר אַכט אַזעלכע. די ערשטע מלוכה איז די מלוכה פון גאָט, וואָס האָט אין די טעג פון מעשה בראשית עקסיסטירט אין איר גאַנצער פולקומקייט. און אויך די לעצטע וועט זיין די מלוכה פון גאָט. און צווישן זיי קייק־לען זיך די אַכט מענטשלעכע מלוכות, כסדר אויפקומענדיק און אונטערגייענדיק. שוין אין די צייטן פון נמרוד האָט דער מענטש געזוכט אַנטקעגנצושטעלן זיך מיט זיין ווילן קעגן גאָט און גרינדן זיין וועלט־מלוכה, די ערשטע מענטשלעכע מלוכה.

נאָך אים איז געקומען די דריטע מלוכה, אין דער צייט פון פרעה מלך מצרים, די פערטע האָט געהאַט ישראל נאָך יציאת מצרים, אָבער צוליב זײַנע זינד און ווידערשפּעניקונג האָט זי ניט געקענט זײַן די לעצטע. אין די צײַטן פון נבוכדנאצר איז מלכות ישראל אונטער מוראדיקע יסורים און פּיין אַריבער אין דער פינפטער מלוכה, מלכות בבל. די זעקסטע מלוכה איז באַלד אײַנגענומען געוואָרן פון פּרס און מדי, וועלכע האָבן געהאַלטן די וועלט אין זייער ממשלה ביז דעם גרויסן אַלכּסנדר מוקדון, וועלכער האָט זוכה געווען צו גרינדן די זיבעטע מלוכה פון דער עבודה־זרה, מלכות יָון. דאַן איז די בכורה פון די מלוכות אַריבער צו רוים. — — — —

— און דערנאָך? — די תּלמידים האָבן צוגעהערט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם.

— די זעקסטע אַכטע וועלט־מלוכה עקסיסטירט נאָך עד־היום. רוים מאַרשירט נאָך דורך דער וועלט מיט שווערד און שפּיז איבער בלוט און טרערן און בערג קברים און האָט נאָך שליטה סיי אין ביזאַנטיע, סיי אין צפון־שפּאַניע, סיי אין דײַטש־לאַנד, אָדער אין סלאַוואָניע. רוים איז די שווערד, רוים איז דאָס תּקיפות, רוים איז די ידי עֵשָׂו, וועלכע וועלן בלײַבן בײַ זייער כּוח אַזוי לאַנג, ביז ישראל וועט זוכה זײַן ווידער אויפצובויען די פאַרלוירענע פערטע וועלט־מלוכה, די נײַנטע מלוכה, אונטער דער פאָן פון משיח, וועלכער וועט אונדז אומקערן צוריק צו דער לעצטער מלוכה פון גאָט. — — — —

— ווען, ווען, אָ רבי! — די שטימען פון די תּלמידים האָבן געציטערט פאַר אימה, טאָמער וועט דעם רבי'ס אָטעם שוין ניט קלעקן צו אַ תּשובה אויף דעם זעקסטן ברענעדיקן „ווען".

— ווען? ווער קען עס וויסן? ווער קען עס זאָגן? דורך די זעקסטע אַלע ליכט־שטראָמען זוך איך דעם זעקסטן „ווען". ווען? „הײַנט נאָך, אויב איר וועט זיך צוהערן צו מײַן שטים", ווערט געזאָגט אין תּהילים...

ר' נתן האָט פאַרמאַכט דאָס מויל, אָבער די דורשטיקע טויערן פון זײַנע אויגן זײַנען געבליבן ברייט געעפנט.

מ׳האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענסטער. דער גוסס האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

איז דאָס געווען דער מופת?...

אַ ליכטיקער אָפּגלאַנץ האָט ווידער באַלויכטן דאָס פאַר־וועלקטע פּנים, און די בלייכע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, ניט אַרויסברענגענדיק קיין קלאַנג.

אין דרויסן האָט מען אָנגעקלאַפּט נאָך שטאַרקער.

אָבער קיינער האָט אַפילו ניט געטראַכט אָפּצוטרעטן פון בעט און צוצוגיין צו דער טיר.

דאָ האָט זיך דעם גוסס האַנט אַ ריר געטאָן; זי האָט גע־וויזן צו דער טיר:

— עפנט, ער קומט!...

ניט איבערצופרעגן קיין וואָרט, האָבן די תלמידים געעפנט די טיר, און אַזוי ווי אַרויסגעוואַקסן פון דער טיפער שוואַרצער נאַכט, איז אַ שלאַנקע פאַרשלייערטע געשטאַלט אַריין אין דעם פאַרטונקלטן חדר.

דער חולה האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, גלייך ווי ער האָט געוואָלט צונויפנעמען אַלע זיינע כּוחות די לעצטע און אויפהייבן זיך פון בעט. אָבער נאָר די ליפּן האָבן זיך באַוועגט און די האַנט האָט לייכט געציטערט.

דאָ איז דער פרעמדער מיט לאַנגזאַמע שריט און דער־שראָקענע בליקן פון די נאַסע אויגן נעענטער צו צום בעט. איצטער האָבן אים אַלע דערקענט. יצחק, נתנס זון, דער לאַנג פאַרשוואונדענער און האַלב פאַרגעסענער, איז געשטאַנען ביים בעט פון גוססדיקן פאָטער. מיט אַ כליפּען האָט יצחק זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט:

— פאָטער, האָסטו דען מער קיין וואָרט ניט פאַר דיין צוריקגעקומענעם זון?

אַ איינציק שוואַך וואָרט האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון די גוססע ליפּן:

— דע—ר—גר—ייכט?!

— דערגרייכט, טייערער פאָטער. מיט די גרעסטע מניעות

און סכנות האָב איך זיך פּאָרט דערשלאָגן צו די ברידער און ברענג אַ גרוס פון זיי. מאָרגן וועט גאַנץ קאָרדאָווע ריידן וועגן דעם.

— ברוך הוא וברוך שמו!—האָט דער גוסס געשעפּטשעט קוים צו הערן און האָט פאַרמאַכט די אויגן.

דער געגאַרטער מופת איז געגעבן געוואָרן. ר׳ נתנס פּנים האָט אויפגעשטראַלט אין אייביקן ליכט...

XIV.

די ידיעה פון ר׳ נתנס טויט האָט אויפגערודערט גאַנץ קאָרדאָווע און עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען פון קיין אַנדערער זאַך ניט גערעדט. דער נשיא, ר׳ משה בן חנוך און די חשובסטע לייט פון דער קהילה זיינען אין גרויס עצבות געשטאַנען אַרום דעם טויטנבעט פון דעם האַלב פאַרגעסענעם. אין געהויבענע ווערטער האָט מען נאָכדערציילט די שבחים פון דעם נפטר, זיין לומדות, זיין געבענטשטע טעטיקייט אַמאָל, דערהויפּט אָבער די ריינקייט און קדושה פון זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן.

די תלמידים האָבן געוואַכט ביי דעם מת, געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים, און בלויז די מקורבים פון דעם גרויסן נפטר האָבן לויט זיין לעצטן ווילן געדאַרפט טאָן דעם מת זיין לעצט רעכט.

שטום האָט מען געגריסט דעם צוריקגעקומענעם זון, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער מיטה צוזאַמען מיט צוויי אויסטערליש אויסזעענדיקע געשטאַלטן, און קיינער האָט ניט געוואַגט אויסצופרעגן אים וועגן זיין ווייטער נסיעה.

הדסה האָט מיט פאַרוויינטע אויגן געקוקט פון גאָרטן אַרויס אויף דער לוויה. אויך ר׳ נתן איז אָפּגעשיידט געוואָרן. ווערזשע וועט איר איצט ביישטיין אין דער נויט פון איר נשמה, צו וועמען וועט זי אַצונד גיין, אַז ער זאָל מיט הויכע ווייטע ווערטער היילן איר פאַרוואונדעטע האַרץ אַזוי ווי מיט באַלזאַם?

— מוטער!—האָט איר נשמה געוויינט. זי איז נאָך געווען אַ קינד, בשעת מ׳האָט אַרויסגעטראָגן פון איר הויז די מוטער אירע. אָבער פון דאַמאָלסט אָן, ווי נאָר דער טויט פלעגט איר

קומען אין וועג, האָט זי ווידער געזען יענע סצענע און איבער־
געניס באַוויינט די מוטער.

וואָס האָט ער געזאָגט, ווען זי איז דאָס לעצטע מאָל ביי
אים געווען? „ניטאָ קיין שנאה און ניטאָ קיין צער, וואָס זאָל
אַזוי צי אַזוי ניט אַריינפליסן אין דעם גרויסן בעקן פון דער
וועלטנליבשאַפט!...

— דער טויט אויכעט?

האַרט לעבן דעם ארון זיינען נאָכגעגאַנגען דריי מענער,
דער נשיא אויף איין זייט און ר׳ משה אויף דער אַנדערער. ווער־
זשע איז עס אינמיטן?

הדסה האָט אַ געשריי געגעבן. צווישן טויזנטער האָט זי
אים דערקענט, אים, יצחקן, הגם זיין פנים איז געווען אָפּגע־
ווענדט פון איר.

איז יצחק דאָ, און קיינער האָט עס איר ניט געזאָגט? דער
טויט פון זיין פאָטער האָט אים אַראָפּגעבראַכט אַהערצו און קיי־
נער האָט וועגן דעם ניט גערעדט?...

אַלץ פליסט אין דעם גרויסן בעקן פון דער ליבשאַפט.

דער טויט אויכעט. — — —

ערשט, אַז דער קבר איז פאַרשאָטן געוואָרן און דער זון
האָט אָנגעהויבן צו זאָגן קדיש, איז דער עולם געוואָרן אויפמערק־
זאַם. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו סודען. די תלמידים האָבן שטילער־
הייט דערציילט, ווי יצחק האָט פלוצלונג אין דער שטילקייט פון
האַלבער נאַכט זיך געוויזן ביים בעט פון דעם שטאַרבנדיקן פאָ־
טער; אַנדערע האָבן איבערגעגעבן וואונדערלעכע מעשיות וועגן
זיינע צוויי אויסטערלישע באַגלייטערס. און באַלד האָט מען שוין
עס אויסגעדרונגען: די דריי מענער, וואָס זיינען מיט דעם בריוו
פון דייטשן קיסר, אָטאָ, אַרויסגעפאָרן קיין קאָרדאָווע פון מאַג־
דעבורג, וואו זיי זיינען געזעסן אין געפענגעניש, — די דאָזיקע
דריי מענער זיינען ניט קיין אַנדערע, ווי יצחק בן נתן און זיינע
באַגלייטערס — לעבעדיקע עדות אויס דער מדינה פון די כוזרים.

גאַנצע זיבן טעג האָט די געמיינדע געמוזט האָבן געדולד;
אין די זיבן טעג טרויער, ווען יצחק איז אָפּגעזעסן שבעה אויף

דער ערד אין דעם אַלטן הויז, האָט מען גערעדט נאָר פון דעם גרויסן נפטר און זיינע שבחים, אָדער בכלל וועגן די ענינים פון טויט און עולם הבא.

אָבער ווען יצחק איז אויף דעם זיבעטן טאָג אויפגעשטאַנען פון דער ערד, האָט ער זיך קודם־כּל געלאָזט גיין צו דעם הויז פון דעם נשיא, חסדאי אבן שפּרוט.

דער גאָרטן איז ליידיק געווען, בשעת ער האָט געשפּרייזט דורך די אַלעען. ער האָט געוואָרפן אַ פאַרגנבעטן קוק אויף דער סוכּה, עס האָט זיך פון דאָרט קיין שאָרך ניט געהערט. די מירטע ביי דער וואַנט פון דער סוכּה האָט זיך דערהויבן אַרויפצו, גרין און שלאַנק, אַזוי ווי ער האָט זי געהאַט פאַרלאָזן...

חסדאי האָט שוין אויף יצחקן געוואַרט און ער האָט אים אַנטקעגנגענומען מיט דער גאַנצער ליבשאַפט און האַרציקייט, וואָס דער נשיא האָט געהאַט פאַר דעם כּלל ישראל און פאַר יעדן איינעם, וואָס פלעגט ברענגען אַ גרוס פון דעם דאָזיקן כּלל. יצחק האָט אים דערלאַנגט קיסר אָטטאָס בריוו, וואָס איז נוגע געווען דעם נייעם בונד צווישן אַנדאַלוזיע און דייטשלאַנד.

— דאָס איז אַלץ? — האָט דער נשיא געפרעגט.

— ניין!

יצחק האָט פאַרזיכטיק אַרויסגעצויגן אַ פאַרחתמעטן בריוו, וואָס ער האָט געטראָגן אויף דער ברוסט, און אים אַרויפגעלייגט אויף דעם טיש פאַר דעם נשיא.

חסדאיס פּנים האָט אויפגעשיינט.

— מיינע אויגן נאַרן מיך ניט? אַ אייגנהענטיקער בריוו פון מלך יוסף, פאַרחתמעט מיט זיין זיגל? ביסטו געווען אין כּאַזאַריע?

— יאָ, — האָט יצחק איינפאַך געזאָגט, — און דאָס איז די פרוכט פון מיין דריי־יאָריקער שווערער געמאַטערטער נסיעה.

חסדאי האָט קוים געהערט די ווערטער. ער האָט שוין אויפגעבראָכן די חתימה און האָט געלייענט מיט אַ קלאַפּנדיקן

האַרצן און גלאַנצנדיקע אויגן. מ׳האָט געזען באַשיינפּערלעך, ווי זיין גאַנצע נשמה איז אַריינגעטאָן אין דעם בריוו.

אַז ער האָט געענדיקט לייענען, האָט ער אַרומגענומען יצחקן אין אַן אויסבראָך פון הייסע געפילן:

— געבענטשט איז געווען דיין אַרויסגיין און געבענטשט זאָל זיין דיין קומען!

— דורך צרות און סכנות, וואָס האָבן ניט זייער גלייכן, איז געווען דער וועג אַהינצו, דורך צרות און סכנות — אויך דער וועג צוריק אַהיים. געלויבט איז גאָט, וואָס האָט מיר געהאָלפן ביז אַהער! — האָט יצחק געענטפערט.

— אַז דער ביזאַנטישער קיסר האָט אונז אַזוי שענדלעך פאַרפירט, האָסטו אונז צוגעשיקט זיין צביעותדיקן בריוו דורך די סלאַוואָנישע שלוחים, דו אָבער ביסט אַוועק צו די גרענעצן פון אונגאַרן. וואָס־זשע איז געווען ווייטער? דערצייל, יצחק!

— עס איז געווען אַלאַנגע קייט פון אָפּקומעניש און וואַר־טעניש, כּון צרות און יסורים. ביז איך בין לסוף אָנגעקומען אין אַ קהילה צווישן די בערג פון דעם אונטערשטן קאַווקאַז פּונקט אין דער צייט, ווען מ׳האָט אין בית־המדרש בפני כל עם ועדה פאָרגעלייענט דעם וואַנדער־בריוו פון קאָרדאָווע. ווי מיר איז גע־ווען אויפן האַרצן, ווען איך האָב נאָך אַזאַ לאַנגן בע־ונד זיין פאַר־נומען אַ גרוס פון דער היים — דאָס בין איך ניט בכוח אַרויסצו־געבן. אָבער איך וועל זיך האַלטן קורץ ביי די פאַקטן. אין דעם דאָזיקן טראַף האָב איך איינגעזען אַן אצבע אלקים; איך האָב גענומען דעם בריוו מיט זיך, האָב אים ווייטער געטראָגן דורך די בערג, דורך די וועלדער און אומעטום האָב איך געפונען וואַכיקע יידי־שע הערצער און אָפענע יידישע נשמות, וואָס האָבן מיר געהאָלפן. ביז איך בין אין אָנדערהאַלבן יאָר נאָך מיין אַרויספאָר פון קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל אָנגעקומען קיין כאַזאַריע, אַ קורצע צייט פאַר פסח, און האָב מיט דער אייגענער האַנט איבערגעגעבן דעם בריוו דעם יידישן מלכות פון די כוזרים, יוסף. דער בריוו איז דאָרט אויפ־

גענומען געוואָרן מיט גרויס שמחה, אַזוי ווי אַ בשורה פון הימל...

— וועגן דעם לעבן פון אונזערע ברידער אין כאָזאַריע, דעם הויף פון דעם יידישן קיניג, זיין גדולה און מאַכט ווייסטו, יצחק, אונז אָפּגעבן אַ באַריכט אין דער ישיבה, בפני כל עם ועדה. אָבער זאָג, ווי אַזוי ביסטו געקומען צוריק, ווי אַזוי איז עס דיר געגאַנגען אויף דעם לאַנגן וועג, ווי אַזוי האָסטו אָנגעשפּאַרט קיין מאַגדעבורג?

— אַ האַלב יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין כאָזאַריע און אינגאַנצן זיך איינגעלעבט אין דעם שטייגער און די זיטן פון אונזערע דאָרטיקע ברידער; דאַן האָב איך זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צוריק אין וועג אַריין מיט אַ בריוו פון דעם כוזרישן קיניג. צוויי כוזרים, מיטן נאָמען עובדיה און יהושע, אויסגע־צייכנטע יונגע לייט, באַגייסטערט פון דעם באַגער צו באַקענען זיך מיט די יידישע ברידער פון דער גרויסער וועלט, זיינען צוגעשטאַנען צו מיר. מיט רעקאָמענדאַציעס פון דעם כאַקאַן איז די נסיעה געגאַנגען אָן שום בייזע באַגעגענישן איבער דעם מיר שוין באַקאַנטן וועג דורך רוסלאַנד, בולגאַריע, אונגאַרן און סלאַ־וואָניע. דאָ אָבער האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף די חיילות פון קיסר אָטאָ, וועלכע האָבן זיך מיט נצחון צוריקגעקערט פון אונגאַרן. מ׳האָט אונז גענומען געפאַנגען. אויף דער מאַרש און אויך אין דער פעסטונג האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן מיט נאָך אַ סך יידן פון אַלע לענדער. מ׳האָט אונז באַהאַנדלט ניט ערגער פון אַלע אַנדערע געפאַנגענע, אָבער די סאָלדאַטן האָבן אַלץ ביי אונז אַוועקגענומען. מיין גאַנצן אייגנס, אויך די מתּנות פון דעם קיניג יוסף פון כאָזאַריע פאַר דעם נשיא, האָב איך פאַרלוירן. נאָר דעם בריוו פון דעם כוזרישן מלכות האָב איך תמיד גע־טראָגן אויף דער ברוסט ווי אַ הייליקטום, געהיט עס ווי מיין לעבן. און איינמאָל האָט מען פּלוצלונג אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל די יידן אַרויסלאָזן פון דער פעסטונג, זיי קענען זיך פריי אויסקלייבן דעם וועג אַהיים אָדער אַנדערש־וואו. איך מיט מיינע ביידע כוז־רישע פריינד האָבן באַקומען אַ באַגלייטונג ביז דער איטאַליענישער גרענעץ. אָט איז דער בריוו, און אין מיין פאָטערס הויז וואַרטן

עובדיה און יהושע אויף דעם כבוד צו שטעלן זיך פאַר דעם נשיא אלס עדות פון אונזער איינגעגעבענער שליחות.

— דאָס וועט מאָרגן געשען, אין דער געגנוואַרט פון אַלע תּלמידי חכמים און פון דעם גאַנצן פאָלק, — האָט דער נשיא פאַרענדיקט מיט אַ פריילעכן הארצן דעם ערשטן קבלת־פּנים.

XV.

אַלצדינג אַרום אים האָט געזונגען און געקלונגען, בשעת יצחק האָט געוואַנדלט דורך די אַלעען פון גאָרטן. אין די וויס־טע ווילדע סטעפּעס, אויף בערג און אייז־פעלדער האָט ער דאָך אַזוי געבענקט נאָך די דאָזיקע אַקאַציעס, נאָך די דאָזיקע איילבערטן און מאַנדלביימער, נאָך דער מירטן־סוכה. ווי האָבן זיי באַלעבט די חלומות זיינע, ווען די לבנה האָט זיי געמאַכט בליען אין זייער גאַנצער פּראַכט אויף דעם הארטן געלעגער זיינעם אין דער פרעמד און אין געפאַנגענשאַפט!... איצטער האָט ער אויף דער וואָר און ביי זיינע אַלע חושים געשפּרייזט דורך די גרינע בליענדיקע אַלעען, און אַלצדינג האָט געזונגען און גע־קלונגען און געלאַכט.

— הדסה!!!

דער שטילער ווינט האָט אָנעקגעטראָגן דעם איינגעהאַל־טענעם רוף און דורך אַלע בלעטער־קרוינען האָט גערוישט און פון אַלע צווייגן האָט געזונגען און געקלונגען:

— הדסה!!!

דאַן האָט זיך דערהערט אַ שטיל ליבלעך זינגען פון דער סוכה, וואָס אויף אירע ווענט האָבן די שטראַלן פון דער זון זיך צערטלענ־דיק געשפּילט מיט די בלומען, גלייך ווי די זון מיט די בלומען וואָלטן זיך פאַראייניקט אין איין כאָר:

„דו ביסט מיר מער ווי זונענגלאַנץ,
דו ביסט מיר מער ווי בלומענקראַנץ.
עס פעלט קיין שטראַלן ניט דער זון,

זיי גיבן אָבער ניט קיין דופט;
די בלומען מאכן זיס די לופט,
דאָך ס'איז ניטאָ קיין ליכט דערפון.
נאָר דו, געליבטער, דו אַליין,
דו גיסט אי דופט אי העלן שיין,
דו לעבסט אַלס זון און לעבסט אַלס בלום
אין מיין הארצנס הייליקטום"...

יצחק האָט געקענט דאָס ליד, וואָס אַ שפּאַנישער דיכטער האָט אַריינגעלייגט שולמיתן אין מויל, אין אַ פּרייער באַאַרבע־טונג פון שיר־השירים. אָבער דער טאָן, די מעלאָדיע, דער ציטער פון דער שטים — דאָס אַלץ איז געווען אייגנס פון דער יונגער נשמה, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין ליבשאַפט און בענקשאַפט. ער האָט אַליין ניט געוואוסט, ווי אַזוי ער האָט אַליין הויך אויף אַ קול אונטערגעהאַלטן דאָס געזאַנג:

עס זאָגט דיין שיינענדיק געזיכט:
ס'זאָל ווערן ליכט!..."

און עס האָט געקלונגען ווי אַ המשך פון דעם געזאַנג, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט פון דער סוכּה אַ שטילער און פייערלעכער רוף:

— יצחק!

פון אַלע ביימער־קרוינען און פון אַלע צווייגן האָט עס אָפּגעהילכט:

— יצחק!!!

און פון דער סוכּה אַרויס האָט זיך באַוויזן הדסה, און פיר פייכטע אויגן האָבן זיך טיף און שטום איינגעגראָבן איינס אין דעם אַנדערן.

פּלוצלונג האָט הדסה זיך צעלאַכט:

— איך האָב שוין געוואוסט, אַז דו ביסט געקומען.

— דו האָסט געוואוסט?...

— איך האָב דיך געזען גייענדיק פאַר דעם ארון און האָב לכתחילה געמיינט, אַז דאָס איז אַ דמיון פון מיין איבערגע־

היצטן מוה. עס איז אָבער אויף דער וואָר... איר קול האָט גע־ציטערט.

— דו ביסט נאָך געקומען צו דער צייט, יצחק? — האָט זי ווידער געפרעגט נאָך אַ קורצע פויזע.

— איך בין געקומען צו דעם גוסס אין צימער נאָך באַצייטנס, צוצונעמען דעם פאָטערס ברכה און אָפּצוזאָגן מיט אים ווידוי.

— און דו ביסט געקומען ניט מיט לייריקע הענט, יצחק?

— איך האָב ווייט, ווייט און שטאַרק אַ דערלאַנג געטאָן, כדי אָנצוכאַפּן די מירטע. איצט קען שוין דער חלום מקוים ווערן?

— די מירטע איז אומבאַרירט און וואַרט אויף דיר...

יצחק האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט:

— הדסה, איך האָב עס אויסגעפירט. דער בריוו פון מלך יוסף איז אין דיין פאָטערס הענט. ער וועט הייַנט פאַרגעלייענט ווערן אין דער ישיבה אויף אַ עפנטלעכער אַסיפה, וואו עס וועלן ריידן אויך די שלוחים פון כאַזאַריע אַלס לעבעדיקע עדות פון מיין ערפאָלג. איך וועל פאַר דעם גאַנצן עולם מאָנען ביי דעם נשיא מיין שכר...

— די מירטע וואַרט אויף דיר,—האָט הדסה איבערגעזאָגט.— זין פון פירשטן האָבן זי געזוכט צו באַקומען. אָבער דו האָסט מיטגעבראַכט אַ קיניגלעכע קרוין און וועסט זיי אַלע שלאָגן. — דאָס וואָרט שטאַמט פון מנחם בן סרוק...

— מנחם? וואו איז דער געאַכפּערטער לערער? איך האָב אים ניט געזען ביי דער לוויה און אויך אין די טעג פון דער שבעה.

— ער ריכט אָפּ גלות, צוליב מיינטוועגן, צוליב דיינט־וועגן. ער איז מיר געטריי בייגעשטאַנען און געוואָלט מיר העלפן און איז אַליין אַריינגעקומען אין אַ צרה, אַבי ניט אַרויסצוגעבן אונזער סוד. ער האָט דאָ שונאים...

יצחק האָט מער ניט געפרעגט, ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט געזאָגט:

— מיין אויפטו איז אין דעם נשיאס אויגן אַזוי גרויס, אַז ביי מיין פֿאָדערן מיין שכר קען איך רויִק אוועק מאָנען די רעכט פון אונזער אַלטן פריינד און לערער.

XVI.

אין דער געפאַקטער ישיבה האָט מען די ביידע כוזרים, עובדיה און יהושע, מקבל-פנים געווען מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און יידישער וואַרעמקייט, אַז ביי די גרויסע קרעפטיקע מענער האָבן הייסע טרערן אַראָפגערונען איבער דעם פאַרהאַרטעוועטן פנים. דערנאָך האָט דער נשיא אַליין, ביי אַ הייליקער שטילקייט פון גאַנצן עולם, פאָרגעלייענט דעם בריוו אויס דעם ווייטן לאַנד פון די כוזרים.

נאָך אַ קורצער הקדמה און באַגריסונג האָט דער כאַקאַן יוסף באַשטעטיקט די קבלה פון חסדאיס בריוו אויס דער האַנט פון דעם באַהאַרצטן יצחק בן נתן און די אַנדערע שלוחים. „מיר האָבן זיך געפרייט צו הערן — האָט געשריבן קיניג יוסף — דעם דאָזיקן גרוס פון ברידערלעכע הערצער, וועגן אייער חכמה און פאַרשטאַנד און וועגן דעם מצב פון די יידן אין שפּאַניע און דעם כבוד און גדולה, וואָס דער יידישער נשיא האָט ביי דעם קאַליף אַבדול ראַחמאַן".

דערנאָך איז געגאַנגען אַ גענויע שילדערונג וועגן דער אָפּשטאַמונג און געשיכטע פון דעם כוזרישן פאָלק.

„זיי וויסן, אַז מיר שטאַמען פון די בני יפת, פון זיין זון תוגרמה. און אין די יחוס-ביכער פון אונזערע אבות שטייט געשריבן, אַז תוגרמה האָט געהאַט צען זין, און אָט זייַנען זייערע נעמען: אָגיור, תירוש, אָוור, אוגוז, ביזל, תרנא, כזר, זגוד, בולגר, סאָוויר. מיר שטאַמען פון זיין זיבעטן זון, כזר. עס שטייט געשריבן, אַז אַמאָל זייַנען זייַנע קינדער געווען ווייניק אין צאָל, אָבער הקדוש ברוך הוא האָט זיי געגעבן כוח און גבורה און זיי האָבן געפירט מלחמה מיט פילע שטאַרקע פעלקער און מיט גאָטס הילף זיי פאַרטריבן און געירשנט זייער לאַנד און געמאַכט זיי

אַנטלויפן און זיי נאָכגעיאָגט, ביז זיי האָבן געגרייכט צום גרויסן טייך דונאַ... נאָכדעם זיינען אַריבער פיל דורות, ביז עס איז אויפגעשטאַנען צווישן זיי אַ קיניג מיטן נאָמען בולאַן, אַ קלוגער מאַן און אַ גאָטספאָרכ־טיקער, און ער האָט אָפּגעטאָן פון לאַנד די צויבערער און די דינער פון דער עבודה־זרה..."

דערנאָך האָט דער בריוו דערציילט פון די חלומות און חזיונות, וואָס האָבן געשטויסן דעם כאַקאַן בולאַן אויף דעם וועג פון דעם אמת, באַטאָנענדיק אים כסדר דאָס וואָרט, וואָס האָט אים אַלץ געקלונגען אין די אויערן: "דיין ווילן איז גוט, אָבער דיין טאָן איז שלעכט!" ווייטער איז באַריכות געשילדערט גע־וואָרן די מלחמה מיט די אַראַבער און די באַצווינגונג פון דער פעסטונג אַרדילאַן, וואָס האָט אַריינגעבראַכט בולאַנען אַ גרויסע זאַקרויב און עשירות. די דאָזיקע גיטער האָט ער אויסגעגעבן אויף צו שאַפן אין גאַנצן לאַנד בתי־מדרשים און תשמישי קודש צו אַכפּערן דעם נאָמען פון גאָט. אויך איז דערציילט געוואָרן אין דעם בריוו וועגן די וויכּוחים פון די גייסטלעכע, און ווי דער קיניג האָט פון זיי געדרונגען נאָר איין זאַך: אַז זיי זיינען אַלע מודה, אַז זייער אמונה איז אויפגעבויט אויף דעם באָדן פון דער עלטערער תורה פון ישראל. דאַן איז געגאַנגען די גע־שיכטע, ווי אַזוי די כּוזרים האָבן זיך מגייר געווען און ווי זיי זיינען דערנאָך נתעלה געוואָרן צווישן די אומות.

"נאָך די דאָזיקע זאַכן איז אויפגעשטאַנען אַ קיניג פון זיינע קינדס קינדער מיטן נאָמען עובדיה, אַ פרו־מער און רעכטפאַרטיקער מאַן; ער האָט באַנייט דאָס מלכות אויף די יסודות פון דעם יידישן דין און הלכה, געבויט בתי־כנסיות און בתי־מדרשים, צונויפגעזאַמלט פי־לע יידישע חכמים און געגעבן זיי זילבער און גאָלד, האָבן זיי אים מפרש געווען עשרים וארבע און משנה און תלמוד און מתקן געווען די תפילות חזנים, און ער איז געווען גאָטספאָרכטיק און האָט ליב געהאַט די תורה און

די מצוות. און נאָך אים איז אויפגעשטאַנען חזקיה זיין זון, און נאָך אים זיין זון מנשה, און נאָך מנשהן — חנוכה, עובדיהס אַ ברודער, און זיין זון יצחק און זיין זון זבולן, און זיין זון מנשה, און זיין זון נסי, און זיין זון מנחם, און זיין זון בנימין, און זיין זון אהרן. און איך יוסף בין אַ זון פון דעם דערמאָנטן אהרן, און אַלע זיינען מיר מלך בן מלך, און קיין פרעמדער טאָר ניט זיצן אויף דעם שטול פון אונזערע אבות. עס זאָל זיין דער ווילן פון דעם, וואָס מאַכט קיניגן די מלכים, אַז ער זאָל פירן אונזער מלכות אין דעם וועג פון זיין תורה און זיינע מצוות".

דערנאָך זיינען געגאַנגען גענויע ידיעות וועגן דער לאַגע, דעם קלימאַט און די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן פון דער כּוזרישער מדינה:

... „אַרום אונזער לאַנד זיצן אַ סך פעלקער, גאָר אָן אַ צאָל, מיט שטעט און פעסטונגען, און זיי אַלע צאָלן מיר צינז... אויף דער דרומדיקער גרענעץ אַליין זיינען פופצן מעכטיקע אומות, אויף מערב-זייט — דרייצן פעלקער, וואָס צאָלן מיר צינז מיטן גוטן ווילן און דערפאַר שיץ איך זיי מיט מיינע מעכטיקע חיילות קעגן די אַנפאַלער... מיין לאַנד באַשטייט פון דריי מדינות, און פון עק ביז עק הערשט אין זיי שלום ושלווה. אויף אַ מהלך פון 20 מייל איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל שטערן די מנוחה פון דער באַפעלקערונג, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט ערדאַרבעט. און בשעת איך צי אַרויס אין אָנהייב פון חודש ניסן פון מיין ווינטערדיקער רעזידענץ אין דעם אַנדערן עק פון מיין מלוכה מיט מיין גאַנצן הויף אויף זומערוואויגונג, ווער איך אומעטום אַנטפאַנגען פון מיין טייערן פאָלק מיט ששון ושמחה. דאָס לאַנד איז ניט זייער רייך אין רעגן, האָט אָבער אַ סך טייכן, וואַסערן און קוואַלן און איז גאָר רייך אין פיש. די ערד איז פעט און

פּרוכטבאַר, וואָרעם די פעלדער און ווייַנגערטנער באַקו־
מען לרוב וואַסער פון די טייַכן און די ביימער טראָגן
די קעסטלעכסטע פירות".

צום סוף האָט דער בריוו געענטפערט אויף חסדאיס שאלה
בנוגע דער גאולה:

„מיר האָבן אויפגעהויבן אונזערע אויגן צו גאָט
אונזער גאָט און צו די חכמים פון ישראל, די פירער פון
דער ישיבה אין ירושלים און פון דער ישיבה אין בבל.
מיר זייַנען ווייט פון ציון, אָבער מיר האָבן געטאָן הערן,
אַז צוליב אונזערע גרויסע זינד האָט מען זיך טועה גע־
ווען מיט די חשבונות פון דעם „קץ" און מ'ווייס גאָר־
נישט. הלוואי זאָל רעכט זייַן אין די אויגן פון גאָט און
ער זאָל עס אונז טאָן פון וועגן זייַן גרויסן נאָמען און
זאָל ניט האַלטן פאַר גרינג דעם חורבן פון זייַן הויז און
דעם ביטול פון זייַן עבודה און אַלע צרות און אומגליקן,
וואָס מיר זייַנען זיך אויסגעשטאַנען, און זאָל מקיים זייַן,
וואָס די נביאים האָבן אונז פאָראויסגעזאָגט. מיר ווייסן
בלויז פון דניאלס נבואה. הלוואי זאָל דער גאָט פון
ישראל מקרב זייַן דעם קץ און זאָל צונויפזאַמלען די,
וואָס זייַנען צעזייט און צעשפּרייט, נאָך פאַר אונזערע
צייטן און פאַר די צייטן פון כלל ישראל, וואָס אַכפּערן
זייַן נאָמען אין ליבשאַפט.

„אויך האָסטו דערמאָנט אין דייַן בריוו, אַז דו
גאַרסט צו זען מיך פנים אל פנים. איך גאַר אויך צו זען
דייַן אָנגעזיכט און די הערלעכקייט פון דייַן חכמה און
גדולה. גיב גאָט, אַז דייַן באַגער זאָל דערפילט ווערן, און
איך זאָל זוכה זייַן, אַז דו זאָלסט מיר זייַן ווי אַ פאָטער
און איך זאָל דיר זייַן ווי אַ זון און לויט דייַן וואָרט זאָל
איך פירן מייַן גאַנצן פאָלק און איך אַליין זאָל זיך נוהג
זייַן לויט דייַנע קלוגע רייד און עצות.

„פיל שלום צו דיר און דייַן עדה —

יוסף בן אהרן, קיניג פון כאַזאַריע".

אַ שטורעם פון באַגייסטערונג האָט זיך אויפגעהויבן נאָכן איבערלייענען דעם בריוו; חסדאי בן שפרוט האָט אַרומגענומען יצחק בן נתן פאַרן גאַנצן עולם, און דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל ווידער און ווידער אָפגעבן כבוד דעם באַהאַרצטן שליח, וואָס האָט אַזוי גלענצנד אויסגעפירט זיין שליחות.

ר׳ משה בן חנוך און אַנדערע רבנים האָבן פאַרבונדן אַ שמועס מיט דיביידע כוזרים, געוואויר צו ווערן פון זיי פרטים וועגן דעם לעבן און דעם מצב פון תורה און דת אין כאָזאַריע.

הגם מ׳האָט שוין פון דעם קיניגלעכן בריוו אַרויסגעזעען, אַז די כוזרים האָבן אָנגענומען די גאַנצע יידישקייט, פונדעסטוועגן האָט מען געוואָלט, אַז די דאָזיקע עדות זאָלן עס באַשטעטיקן, כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו מאַכן אַ סוף מיט דער מעשה, אַז די כוזרים האַלטן כלומרשט די פאַלשע תורה פון די קראים. וועגן דעם האָט אויך יצחק בן נתן אָפגעגעבן אַ גענויעם באַריכט.

— קראָים, — האָט ער דערציילט, — טרעפט מען אויך אין כאָזאַריע, אָבער נאָר גאַנץ זעלטן. דאָס זיינען מייסטנטיילס שלוחים פון קרים, וועלכע האָבן מיט עגנס תורה נעבעך זייער ווייניק מזל געהאַט ביי דעם העלדישן פאָלק פון די כוזרים, וואָס איז פון קדמונים אָן געווינט אַלצדינג, וואָס עס טוט, צו טאָן בשלמות. אַחוץ געציילטע מענטשן, וואָס זיינען פאַראייניקט אין באַלאַגאַר אין אַ קליינער געמיינדע און ווערן טאָלערירט אַזוי ווי אַלע אַנדערע אמונות, היט דאָס כוזרישע פאָלק בכלל אָפ גאַנץ יידישקייט, על־פי דעם רבנישן נוסח, און עס איז גענוג געווען די טראַדיציע פון קנאַפע צוויי הונדערט יאָר, אַז מיר זאָלן אין יעדן כוזרי שוין אויף דעם ערשטן קוק דערקענען אונזערן אַ ברודער.

יצחק האָט אויך דערציילט וועגן די מלחמה־פלענער פון קיניג יוסף, ווי אַזוי ער האָט דעם לעצטן יום־כיפור, אין דער געגנוואַרט פון זיינע גענערעלער, גענומען אויף זיך אַ נדר אָפצורעכענען זיך מיט אַלע מלוכות פון דער ערד, וואָס טוען אָן

די יידן צרות און לייד, און זיך ניט צו באַרויִקן, וואו ער וועט ניט אויסלייזן ישראל פון גלות און אים אַריינפירן אין דעם באַפרייטן הייליקן לאַנד אַריין.

— אלדד הדני האָט אויך עפּעס דערציילט וועגן די דאָזיקע האַפּענונגען פון די כּוזרים, — האָט זיך עמעץ אָפּגערופן.

— אלדד, — האָט יצחק באַשטעטיקט, — האָט בכלל דערציילט פון די כּוזרים ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַכן, ער האָט נאָר אַ ביסל מגזם געווען, אויף זיין פאַנטאַסטישן שטייגער. צו די דאָזיקע גוזמאות זיינע געהערט אויך די מעשה, אַז די כּוזרים שטאַמען כלומרשט פון די עשרת השבטים. קיין קאַראַימישע כּוונות האָט אלדד דערביי ניט געהאַט — דאָס ווייס מען אין כאָזאַריע אויף זיכער.

— און אין וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט מנחם בן סרוק? — האָט מען זיך פּלוצלונג אָפּגערופן פון פאַרשיידענע זייטן.

דער נאָמען האָט געווירקט ווי אַ לאָזונג. אַ צענדליק שטימען האָבן אויסגעשריען אין איין קול:

— מנחם בן סרוק איז אומשולדיק! לאָז מען אים אומקערן!

און אַ גרופּע מוטיקע בחורים זיינען צוגעגאַנגען צו דעם נשיא, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ כּתב מיט אַן אויפשריפט: „התנצלות פאַר מנחם בן סרוק", און האָבן געבעטן:

— מנחם איז אומשולדיק. זאָל דער געאַכפּערטער נשיא אָננעמען דאָס דאָזיקע געשריפטס! מיר בעטן פאַר מנחמען! — —

— מנחם! מנחם! — האָט מען אין איין קול געשריען פון אַלע זייטן.

דער נשיא האָט אָפּגעשלאָגן די טענות:

— פון דעם חשד, אַז ער האָט אַ מגע-ומשא מיט די קראים, איז ער שוין לאַנג ריין אין מיינע אויגן. אָבער ער האָט זיך פאַרזינדיקט אין אַנדערע שווערע חטאים.

— איך בעט אויך פאַר מיין רבי מנחם בן סרוק! — איז יצחק צוגעשטאַנען צו דער השתדלות.

— דו אויך, יצחק! טאַ זיי זשע וויסן! — חסדאי האָט אַראָפּגעלאָזט זיין שטים. — מנחם האָט אָפּגעענטפערט דאָס הארץ פון מיין קינד און האָט זיך געשטעלט אין דעם וועג צום גליק, אויף וועלכן איך האָב געוואָלט פירן הדסהן...

— אויף דעם דאָזיקן וועג בין איך געשטאַנען, — האָט זיך אַרויסגעריסן ביי יצחקן, — ניט ער איז אין דעם שולדיק, נאָר איך...

— דו, יצחק?

— יאָ, איך האָב אין דער מירטנסוכּה געשוואוירן הדסהן טריישאַפט און זי מיר אויכעט. דער הייליקער פייער פון דער דאָזיקער שבועה האָט מיך געפירט דורך אַלע סכנות ביז צום ציל. מנחם האָט דעם גאָרטן געהיט פאַר מיר, ביז אים האָט געטראָפן די שטראָף — אומפאַרדינטערהייט. איצט בין איך געקומען נאָך מיין שכר, נאָך הדסהן, איידעלער נשיא, און דער געטרייער היטער, מנחם בן סרוק, דאַרף צוריקגעקערט ווערן און זיין אַן עדות פון מיין גליק.

אַ ווײַלע איז דער נשיא געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט און שטאַר געקוקט אויף דעם עולם.

— און זי האָט אויך דיר געשוואוירן טריישאַפט, האָסטו געזאָגט? — האָט ער אָנגעהויבן קומען צו זיך.

— יאָ, זי האָט מיר אויך געשוואוירן טריישאַפט!

— און דער פייער פון דער שבועה האָט דיך געפירט איבער די בערג אין דער הויפּטשטאָט פון כאַזאַריע אַריין?

— קיין זאַך ניט, ווי נאָר דער פייער פון דער דאָזיקער שבועה, איידעלער נשיא!

דאָ האָט דער נשיא ווידער אַרומגענומען יצחק בן נתנען און אים געקושט פאַרן גאַנצן פאָלק.

— זיי געבענטשט, מיין זון און אויסדערוויילטער פון מיין קינד. גיי און נעם זיך דיין שכר, און מנחם בן סרוק זאָל אייך מיט מיר פירן צו דער חופּה!

XVII.

די חתונה ביי דעם נשיא אין הויז איז ניט פאָרגעקומען אין דער גאַנצער פּראַכט. מיט דער יידישער געמיינדע, וואָס האָט צוזאַמען מיט דעם חתן נאָך געטרויערט נאָך ר׳ נתנען, האָט אויך גאַנץ אַנדאַלוזיע באַוויינט דעם קאַליף אַבּדול ראַחמאַן, וועלכער האָט אויף אייביק געשלאָסן די אויגן ביי זיינע געלערנטע ביכער. זיין זון אַלהאַקעם איז אַרויף אויף דעם טרוין פון אַנדאַלוזיע מיט דער פייערלעכער שבועה, אַז ער וועט פּונקט ווי דער פאָטער שיצן, היטן און פעדערן דאָס רעכט, די וויסנשאַפט און די פּאָעזיע. ער האָט געהאַלטן זיין וואָרט. נאָך ווייניקער קריגעריש געשטימט ווי זיין פאַרשטאָרבענער פאָטער, האָט ער אַלע ענינים פון דער מלוכה איבערגעלאָזט חסדאַין, און יענעמס חשיבות און מאַכט איז נאָך אַ סך גרעסער געוואָרן.

גאַנץ איינפאַך האָט מען אויפגעשטעלט די חופה אין גאָרטן, באַפּוצט בלויז מיט מירטן די וואַנט פון דער סוכה. ר׳ משה בן חנוך האָט מסדר קדושין געווען, און דער צוריקגעקערטער מנחם בן סרוק איז געשטאַנען דערביי אַלס עדות מיט איינעם פון די ערשטע מופלגים פון ר׳ משה בן חנוכס כיתה. דער עולם האָט זיך שטאַרק משמח געווען און געזונגען שירים ותשבחות לכבוד חסדאַי און דעם יונגען פּאָרפאָלק — יצחק בן נתן און הדסה.

אַ באַגריסונגס־כתב פון אַלהאַקעם אין אַראַבישער שפּראַך איז אויסגערופן געוואָרן דורך דעם קאַליפס העראָלדן, געקליידטע אין מיט גאָלד באַפּוצטע מלבושים. ער האָט געריימט חסדאַין:

מיט גאָטס הילף האָט ער מנצח געווען ווי אַ העלד,
און דורך דעם כוח הדיבור איינגענומען שטעט און לענדער,
ניט קלינגענדיק מיטן שווערד און שליידערנדיק די שפּיז,
האָט ער מכניע געווען דעם פיינד מיט זיין גרויסער חכמה.

אַ תלמיד פון צפון־שפּאַניע, פון די מקורבים מנחמס, וואָס האָט ווידער געוואונען לייטזעליקייט, איז אַרויסגעטראָטן פאָרויס און געזונגען אַ ליד מיט דעם צווינג:

אין שפּאַניענלאַנד ברייט און ווייט
טוט בליען אין חסדאיס צייט
די חכמה און די וויסנשאַפט,
און זיין שבח ווערט באַזונגען
פון געשליפענע צונגען.

אונטער די טענער פון האַרפעס און צימבלען האָט מען געזונגען חתונה־לידער לכבוד חתן־כלה, וואָס האָבן זיך באַהאָפטן נאָך אַזאַ לאַנגן וואַרטן און בענקען.

געקומען סוף־כל־סוף די צייט,
און די הערצער מיט ליבשאַפט פול
האָבן זיך באַהעפט.
די בענקשאַפט איז געשטילט.
עס קומט די גאולה־צייט
אויך פאַר כל ישראל צן!

מנחם בן סרוק, אַ ביסל געעלטערט און אָפּגעמאָגערט, איז געגאַנגען פאָרויס אין דעם חתונה־צוג, לעבן די פאַרקנַסטע. רויִק און געלייטערט האָט ער געקוקט אויף די רייען פון זיינע פאַרערער, וואָס האָבן אים מיט באַגייסטערונג באַגריסט. די אומפאַרדינטע יסורים האָבן אים פאַרשאַפט נאָך מער תלמידים און אָנהענגער און ביי זיין צוריקקער האָט ער געפונען אַרום זיך אַ קרייז, וואָס איז גרייט געווען זיך מוסר נפש צו זיין פאַר דעם גאון פון דער שירה און שפּראַכוויסנשאַפט. גלייך ביי זיין אָנקומען האָט דער נשיא פאָרגעלייגט מנחמען אַ איינגענעמע דירה אין פּאַלאַץ. אָבער אַז די חתונה־פּראָצעסיע איז אָנגעקומען צו דעם נאָר־וואָס אויפגעבויטן גאָרטנהויז פאַר יצחקן און די געסט זיינען זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען, האָט יצחק דערלאַנגט מנחמען די האַנט און זי ניט אָפּגעלאָזט.

— ניט צום געזעגענען, איידעלער, געטרייער היטער פון מיין גליק, — האָט ער געזאָגט, — נייערט אַלס איינלאַדונג אַריינצוטרעטן אין אונזער הויז און זיין אַ מיטגליד פון אונזער היים.

הדסהס אויגן האָבן מיט תחנונים געקוקט אויף מנחמען און צוגעגעבן דער איינלאַדונג אַ באַזונדערן דרוק.

און מנחם האָט אָנגענומען די בקשה און זיך אַריינגעצויגן אין דעם נייעם הויז אַריין, וואו ער האָט רויִק און מיט הסתכלות זיך געקענט אָפּגעבן זיינע פאָרשונגען אין דעם באַקוועם און געמיטלעך איינגעאָרדנטן צימער מיט אַן אויסבליק אויף ביימער און בלומען.

דער פּירוד צווישןביידע ריוואַלן האָט אויפגעהערט. אויך דונאַש בן לברט איז געוואָרן עלטער און שטילער, און ער האָט זיך שוין מערניט געיאָגט אַזוי נאָך כבוד. אין די מחלוקת פון די תלמידים פון ביידע צדדים, וואָס האָבן זיך נאָך פון צייט צו צייט באַוואָרפן מיט שטעכווערטלעך און שאַרפע פּאַמפּלעטן, האָט ער קיין אייגנטייל ניט גענומען. אָבער אַז די ביידע געלערנטע זאָלן זיך דורכריידן און איבערבעטן — דערצו איז אויך ניט געקומען; די יאָרן האָבן צופיל מחיצות אויפגעשטעלט צווישן די דאָזיקע ביידע מענטשן.

דערווייל איז מען געוואויר געוואָרן פון חסדאיס גרויסע פּלענער, וועלכע האָבן אַלעמען איבעראַשט און באַאומרויִקט.

דער נשיא האָט זיך געטראָגן מיט אַ ערנסטן רעיון צו פאַרלאָזן אויף אַ לענגערע צייט די שטאָט און זיינע אַמטן און אויף דער איינלאַדונג פון קיניג יוסף צו לאָזן זיך אין דעם וויטן געפערלעכן וועג קיין כאַזאַריע.

לכתחילה האָט מען גאָרניט געוואָלט גלייבן אין דעם דאָזיקן קלאַנג. אָבער אינגיכן האָט מען דייטלעך געזען, ווי אַזוי מ׳מאַכט אין דעם נשיאס הויז אַלע הכנות פאַר דער וויטער נסיעה. חסדאי האָט נאָר געוואַרט אויף דער דערלויבעניש פון אַלהאַקעם, וואָס האָט אָבער זייער זיך געקווענקלט דערמיט, און אויך אויף דער באַשטעטיקונג פון די רעקאָמענדאַציעס פון די

באַפרייַנדעטע מלוכות, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַר דעם נשיא אויסטרעטן אַ וועג צו זיין ציל.

דער קאַליף אַלהאַקעם האָט ניט געוואָלט פאַרלירן זיין ערשטן דינער אויף אַזאַ לאַנגער צייט. אָבער חסדאי האָט אין אַ אינטימען שמועס דערציילט זיין האַר איינע פון יענע אַלטע געשיכטעס, וואָס דער געלערנטער, פילאָסאָפיש געשטימטער יונגער קאַליף פלעגט מיט אַזאַ חשק אויסהערן פון דעם יידישן בעל־תּנך:

„אמאָל איז געווען אַ יידישער דינער ביי דעם הויף פון דעם מעכטיקן מלך פרס, דריווש, ער האָט געהייסן נחמיה,—און דער מעכטיקער הערשער פלעגט זיך לאָזן אָנפילן זיין בעכער נאָר דורך זיין האַנט, ווייל דער נחמיה האָט געהאַט דעם כּוח אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט, צו ריידן מיט חכמה און שיין, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, אויסצופירן גוט און מיט הצלחה.

„אָבער נחמיה איז געוואָרן אַלץ בלאַסער און בלאַסער און האָט אַרומגעבלאָנדזשעט ווי אַ שאָטן, אָן פרייד, אָן לעבן, אָן אַ שמייכל אויפן פּנים.

„האָבן דער קיניג און די קיניגין אים געפרעגט: „וואָס איז מיט דיר, נחמיה, וואָס דו ביסט אַזוי טרויעריק און אַזוי אומעטיק? האָסטו שונאים אָדער עפּעס אַ צרה דריקט דיך—זאָג דאָס אונז אויס!"

„אָבער נחמיה האָט געענטפערט: „ווי קען איך דאָ אין הויף זיין פריילעך און גליקלעך, בשעת מיינע ברידער דאָרט ליידן און וואַרטן אויף מיר?"

— און דער קיניג?

— ער האָט דעם דינער געשיקט אַהינצו, וואוהין דאָס האַרץ האָט אים מיט אַזאַ כּוח געצויגן, קיין ארץ־ישראל, וואָס ער האָט געמאַכט גרויס און שטאַרק און דערהאַלטן אַלס געטרייע מדינה אונטער דער וועלט־ממשלה פון פרס ומדי...

— איך פאַרשטיי דיין געשיכטע, חסדאי,—האָט אַלהאַקעם געלאַכט, — אָבער זי פּאַסט זיך גאָרניט פאַר דיין פאַל. נחמיה האָט געגאַרט קיין פּאַלעסטינע, וואו זיינע ברידער האָבן געליטן

און גערופן אים צו הילף. דיך אָבער ציט גאָר אין דעם באַרג־לאַנד, וואָס איז ניט דאָס לאַנד פון דיינע אבות, און דיינע ברידער ליידן דאָרט ניט, בשעת ווען דיין קהילה דאָ נייטיקט זיך אין דיר, און אויך דער קאַליפאַט קען אָן דיר ניט אויסקומען. וואו איז דאָ אַלזאָ דער נמשל?

— דער נמשל איז אַ שלעכטער, מיין איידעלער קאַליף, — האָט חסדאי זיך רויק אָפּגערופן, — וואָרעם איך האָב דאָך ניט דערציילט מיין געשיכטע, נאָר די געשיכטע מיט נחמיהן, וואָס איך האָב זוכה געווען צו אַזאַ גליק ווי ער — צו געניסן דעם צוטרוי און די ליבשאַפט פון מיין האַר; איך טייל אָבער אויך מיט אים די בענקשאַפט נאָך די ברידער, וועלכע שטייט ביי אונז העכער ווי כבוד און גדולה און מיט וועלכער מיר וועלן סוף־כל־סוף דינען און נוצן ברענגען אויך אונזער קיניג און לאַנד.

— ווי אַזוי, חסדאי?

— דער איידעלער קאַליף איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז מיינע ברידער ליידן ניט דאָ און ניט דאָרטן. דאָס איז טאַקע אמת. אָבער אין דער גרויסער וועלט ליידן זיי פיל און שווער און זייער אַלעמענס הייסע בענקשאַפט שטרעבט נאָך דעם לאַנד פון די אבות. מיך ציט קודם־כל צו די בערג ביי דעם קאַספּישן ים — צו דעם ברודער־פאָלק, וואָס איז אפשר אויסדערוויילט פון גאָט צונויפצוזאַמלען דאָס שארית ישראל און ברענגען זיי אין דער אַלטער היים. קען איך דען צוזען דאָ פון דער ווייטן די דאָזיקע זאַך פון דער גאולה, שטיל געניסנדיק די תענוגים פון גליק און גלאַנץ? אפשר וועט דאָרט צו נוץ קומען מיין עצה און מיין מיט־אַרבעט?

— און איך, דיין קאַליף?

— דער וועג קיין כאַזאַריע פירט איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָדער איבער איטאַליע, דורך לענדער און מדינות, וואָס איך האָף צו באַפעסטיקן זייער פריינדשאַפט מיט אַנדאַלוזיע אין דער צייט פון מיין נסיעה. אין כאַזאַריע גופא וועלן נאָך ענגער פאַרקניפּט ווערן די בענדער צווישן דעם כאַקאַן און דעם קאַליף. און טאָמער וועט דאָס גרויסע ווערק פון דער גאולה אָפּגליקן און די יידן,

וואָס ליידן אויף דער גאַנצער וועלט, וועלן געהאָלפן ווערן און וועלן באַקומען אַהיים מיט דער הילף פון דעם פון גאָט געבענטשטן געווער פון כוזרישן קיניג, דאַן וועט דער נאָמען פון דעם איידעלן קאַליף אַלהאַקעם אויף אייביקע צייטן בלייבן פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן גוואַלטיקן ווערק פון דער געשיכטע, וועלכן ער האָט גע־געבן זיין אונטערשטיצונג און זיין ערשטן דינער.

— און דיין עדה?

— נאָך קיינמאָל זיינען אַזוי גוט ניט געשטאַנען די ענינים אין דער קאָרדאָווער קהילה ווי איצטער, אונטער דער הנהגה פון ר׳ משה בן חנוך, וועלכער האָט מיט רעכט זיך קונה שם געווען אַלס דער „גאון פון שפאַניע". אויך אַנדערע אויסגעצייכנטע מע־נער זאָרגן אויפן בעסטן אופן פאַר דעם גייסטיקן לעבן. מנחם בן סרוק האָט זיך צוריקגעקערט און אַרום אים האָט זיך גרופירט אַ גרויסער קרייז, אין וועלכן עס בליט די וויסנשאַפט און די פּאָ־עזיע. יושר און פרייהייט זיינען געזיכערט אונטער דער מילדער זון אין דער מלוכה פון דעם איידעלן אַלהאַקעם און זיינע קלוגע ראָטגעבערס. און ווען אַפילו מיין קהילה זאָל אָן מיר ניט קענען אויסקומען, שטעלט זי דאָך אָבער דעם גורל פון כלל ישראל הע־כער פון אַלע אייגענע וואונטשן און זאָרג, און וועגן דעם אַ גורל איז דאָך מיין נסיעה.

אַלהאַקעם האָט אַ ווײַלע געשוויגן און שטיל געטראַכט. דערנאָך האָט ער נאָכגיביק געזאָגט:

— דורך דיין קלוגשאַפט און כוח־הדיבור, חסדאי, מאַכסטו מיר נאָך שווערער דיין אָפּשייד. ווען און ווי אַזוי וועט פאָרקומען דער אָפּפאָר?

מיט דער דאָזיקער פראַגע איז געגעבן געוואָרן די געגאַרטע דערלויבעניש, און גערירט פאַר דאַנקבאַרקייט האָט חסדאי גע־ענטפערט:

— היינט אָדער מאָרגן קומען אָן די שלוחים פון קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל און אויך פון איטאַליע. פון זייערע באַריכטן וועלן מיר קלאָר ווערן די אומשטענדן און די אויסזיכטן פון דער נסיעה— צי דורך דער יבשה צי איבערן ים. אויך וועל איך פון זיי גע־

וואוויר ווערן, ווי ווייט איך קען זיך פאַרלאָזן אויף דער הילף, וואָס איך ערוואַרט פון די באַפרייִנדעטע מלוכות אויף דעם וועג פון מיין נסיעה.

XVIII.

די לאַנג ערוואַרטע שלוחים זייַנען אָנגעקומען. אַפריער די שלוחים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און דערנאָך פון איטאַליע. די אומשטענדן פאַר דער נסיעה סיי מיט דער יבשה סיי איבערן ים זייַנען נאָך קיינמאָל אַזוי גינסטיק ניט געווען. די שכנישע מדינות האָבן זיך אַלע געפרייט, וואָס זיי וועלן האָבן ביי זיך אַלס גאַסט אַלהאַקעמס ערשטן דינער און וועלן אים קענען דינען ביי זיין חייטערדיקער נסיעה.

אָבער צוגלייך מיט די דאָזיקע ידיעות האָבן זיי געבראַכט טרויעריקע בשורות, וואָס האָבן צעריסן דעם נשיאס האַרץ און צונישט געמאַכט אַלע זייַנע פּלענער און האָפענונגען.

בנוגע די באַריכטן פון די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער שלוחים האָט מען לכתחילה געמיינט, אַז דאָס זייַנען שפּיצלעך פון די שאַלקהאַפטיקע ביזאַנטינער. אָבער די דאָזיקע ידיעות זייַנען אויך באַשטעטיקט געוואָרן פון די איטאַליענער און פון אַלע זייטן. אַלע באַריכטן, וואָס האָבן געגרייכט אין קאַליפאַט, האָבן ניט איבערגעלאָזט קיין שום ספק, אַז דער מזל האָט זיך אָפּגעטאָן פון די כוזרים און עס גייט זיי באַרג-אַראָפּ.

פון אַלע זייטן האָט מען געהערט וועגן דעם אויפשטייג פון די ר ו ס ן, וואָס האָבן זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אויסגע-שפּרייט צו דעם אַזאָוער ים און דעם קאַספּישן. דער רוסישער גרויספירשט ס ו ו י אַ ט אָ ס ל אַ ו ו האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון די כוזרים און האָט ביי זיי אָפּגענומען די גרענעץ-פעסטונג ס אַ ר ק ע ל. דער קעגנקלאַפּ פון די כוזרים האָט ניט אָפּגעגליקט און זיי האָבן אויך פאַרלוירן די פעסטונג א י ט י ל און די שטאָט ס ע מ ע נ ד ע ר. באַלד האָט מען באַקומען אַ ידיעה, אַז די כוזרים ציען אָפּ אויף די אינזלען פון קאַספּישן ים און פון דאָרטן קיין קרים.

עס איז געווען אַ ספק, צי די כּוזרים וועלן בכלל זיך נאָך לאַנג קענען האַלטן אַלס זעלבשטענדיק פֿאָלק אויף דער אייגענער ערד.

די דאָזיקע איוב־בשורות האָבן געטראָפֿן חסדאי אבן שפּרוטן אַזוי ווי אַ דונער נאָך אַ העל אויפֿגעגאַנגענעם זו־יקן פֿרימאָרגן. אַזוי נאָענט איז אים פֿאָרגעקומען דער ציל און אַזוי פֿעסט האָט ער געגלייבט אין זיין שליחות — צו העלפֿן ביי דער גרויסער גאולה. און פּלוצלונג — אַזאַ אומגליק פֿאַר דעם ברודער־פֿאָלק! דאָס איז געווען אויך זיין אומגליק, דאָס אומגליק פֿון גאַנצן כּלל ישראל!...

צו דעם רחמנות אויף דעם כּוזרישן פֿאָלק, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער העכסטער גדולה, איז צוגעקומען דאָס רחמנות אויף זיך אַליין, דאָס רחמנות אויף דעם יידישן כּלל, דער ביטערער יאוש איבער די נייע פּורעניות, בשעת מ׳האָט געגלייבט, אַז מ׳איז שוין אַזוי נאָענט צום קץ.

חסדאי האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף גינסטיקערע ידיעות. ער האָט געוואַרט אויף אַ נס. ער האָט אַפילו געפּרוווט אַריבערצוציען אויפֿן צד פֿון די כּוזרים די מלכים און די מדינות און פּועלן ביי זיי הילף קעגן דעם רייסנדיקן שטראָם פֿון די רוסן. אָבער דער וועג איז געווען צו וויט, די אינטערעסן פֿון די אומצייליקע מדינות, וואָס זיינען געלעגן דערצווישן, צו קעגנזעצלעך. די רעגירונגען האָבן באַטראַכט די זאַך לויט די אומשטענדן, לויט די מעגלעכקייטן, אויס דעם שטאַנדפּונקט פֿון צוועקמעסיקייט, אָבער ניט מיט די אימפּולסן פֿון דעם נשיאס גרויסן האַרץ, וואָס איז געווען פֿול מיט אַ פֿייערדיקער בענקשאַפֿט.

ווער האָט עס געהאַט אַ חוש און אַ געפֿיל פֿאַר דעם גרויסן מענטשן, וואָס האָט געזען, ווי אויף זיינע אויגן גייט אונטער דאָס ווערק פֿון דער גאולה?

אין דער קאָרדאָווער ישיבה האָט מען נאָך לאַנג אַרומגערעדט און זיך געגריבלט איבער די דאָזיקע זאַכן און מ׳האָט באַכגעפֿאָרשט אין אַלטע ספרים. און ר׳ משה בן חנוך האָט געזאָגט: „מ׳טאָר ניט מיט גוואַלד מקרב זיין דעם קץ. מסתמא איז נאָך ניט געקומען די צייט, און די שעה האָט נאָך ניט געשלאָגן.

עס איז געווען אַ געגנאַרטע שיין, וואָס האָט אויפגעלויכטן אויפן האָריזאָנט, אָנגעצונדן דעם מיראַזש פון אַ זוניקער צוקונפט און איז ווידער פאַרשוואונדן. לאָמיר געדולדיק וואַרטן, ביז עס וועט ליכטיק ווערן אויף דער אמת".

עלטערע מענטשן מיט ערנסטע פנימער, וועלכע האָבן געהיט די ירושה פון ר' נתן, האָבן געזוכט אין ספר דניאל נייע טערמינען פאַר דער גאולה און נייע רמזים אויף איר. תּלמידים פון מנחמס כּיתּה האָבן ווידער באַזונגען די באַגערן און האָפענונגען פון חסדאי אבן שפּרוט, באַוויינט זיינע אַנטטוישונגען און אים געטרייסט אין שיינע קונציקע שירים.

דאָס אַלץ איז חסדאין ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. זיינע ליפּן האָבן מער ניט געוואוסט פון אַ שמייכל און זיין האַרץ — פון פרייד. זיינע עובדות אין קאַליפאַט און אין דער קהילה זיינען ביסלעכוויז אַריבער צו זיין איידעם יצחק בן נתן און אַנדערע דערצו פּעיִקע מענער. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אויסגעטאָן פון דער וועלט און אירע תּענוגים, ביז ער האָט אין אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן פון יאָר ד'תש"ל (970) אויסגעהויכט זיין נשמה אין עלטער פון קנאַפּע 55 יאָר.

*
* *

כּאַזאַריע האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן ווי אַ מלוכה צווישן די מלוכות. אָבער די כּוזרים זיינען ניט אונטערגעגאַנגען. זיי האָבן אויסגעוואַנדערט קיין קרים, אויף קאַווקאַז, איבער די קאַרפּאַטן, אין טערקיי און קיין ארץ־ישראל, און אומעטום האָבן זיי זיך מיט ליבשאַפט און געטריישאַפט באַהעפט מיט זייערע יידישע ברידער און זיך אויסגעמישט מיט זיי.

אַ היבשער טייל פון זיי איז איבער די פּירענעען אַריבערגעקומען קיין שפּאַניע, וואוהין זיי האָבן צוזאַמען מיט אַנדערע טייערע זאַכן מיטגענומען אויך די כּתבים, בשעתו פאַרשריבן פון כּספּי און באַלשאַן, וועגן די וויכּוחים צווישן סאַנגורי און כּאַקאַן בולאַן, וועלכע האָבן געבראַכט דאָס כּוזרישע פאָלק צו יידישקייט.

אין טאָלעדאָ האָט דער גרויסער געלערנטער און געטלעכער משורר ר׳ יהודה בן שמואל הלוי אין 200 יאָר אַרום געפונען די דאָזיקע טייערע כתבים. מיט זיין טיפן דיכטערישן בליק און דער קונציקער פען פון אַ מייסטער האָט ער זיי איבערגעשאַפן אַזוי, אַז די פינף וויכוחים איבער דעם מהות און דער הנהגה פון גאָט, איבער דעם זין פון אונזער לעבן און איבער דער שליחות פון ישראל אַלס גאָטס פאָלק זיינען אונז געבליבן אין לשון-קודש און אַראַביש אונטערן נאָמען „כּוזרי״, עד היום הזה.

ס ו ף.

ווילנער פאַרלאַג

פון

ב. א. קלעצקין

אַלע ווערק פון י. ל. פרץ.

I באַנד פאָלקסטימלאַכע געשיכטן

II די צייט

III דראַמען

IV אדם וחוה (אין 5 טייל)

V חסידיש

VI פאַר קליין און גרויס

VII סקיצן און בילדער

VIII אויפ אַצן און פעליעטאָנען

IX אַלט און ניי

X פון שטוב און גאַס

מיינע זכרונות

שלום אַש.

מערי (ראָמאַן)

ר' שלמה נגיד

דראַמען, באַנד I, II III

דערציילונגען, באַנד IV, V

אַ שטעטל

דאָס נייע לעבן

אדרעס:

Wydawnictwo Wileńskie B. KLECKINA,
Wilno, Mało-Stefańska 23.